STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02629

# LIDER UN POEMES

David Fram

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פראם

# לידער
# און
# פּאָעמעס

ווילנע
יאָהאַנעסבורג
1931

SONGS AND POEMS
BY DAVID FRAM

COPYRIGHT BY DAVID FRAM PUBLISHING COMMITTEE JOHANNESBURG

D. FRAM: WIERSZE i POEMATY

OKŁADKA WEDŁUG RYSUNKU UMY OLKIENICKIEJ

PRINTED IN POLAND

DRUKARNIA D. KREJNESA WILNO

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך
דעם „דוד פראַם פאַרלאַג־קאָמיטעט״
אין יאָהאַנעסבורג: ערן־פרעזידענט — הרב
הכולל ד״ר י. ל. לאַנדוי, ערן־פאָרזיצער —
א. ליפוואָרט, ~~ערן־קאַסיר — ג. ראַבינאָוויטש~~,
ערן־סעקרעטאַר — נ. סאַלמאַן, מיטגלידער —
רעדאַקטאָר א. אָווידאָוו, ל. בערמאַן, רעדאַק־
טאָר ד. דיינאָוו, יר. פעלדמאַן, ד. א. פראַם.



דוד פראַם

פאָטאָגראַפיע

דוד פראם

# א פּאָר חבֿרישע אַרײַנפֿיר-ווערטער

דוד פראַם איז אַ ליריקער אין פולסטן זינען פון דעם וואָרט, אַן אידיליקער, ער איז עפּיגאָן פון דער דוד אײנהאָרן-שיטה — ער איז אָבער פּראָגאָן פון אַ נײַעם, שפראַכלעך פיל שטאַרקערן, מין אידיליען-דיכטונג. דוד פראַם איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידישער גימנאַזיע אין דער ליטע, רייכע סימנים דערפון געפינט איר אין זיין מילגרוים-פולער שפּראַך. דוד פראַם איז אָבער אויך פּראָגאָן פון דער יידישער ליריק אין אַ נײַעם יידישן צענטער — אין דרום-אַפריקע.

איך וויל מיט אָט די ווערטער נישט באַליידיקן די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דרום-אַפריקע. עס זיינען געוועזן אַזעלכע, און זיי האָבן געמאַכט ערלעכע אָנשטרענגונגען, אָבער דער באַגאַזש, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, איז נישט גענוג געוועזן פאַר זייערע טאַלענטן. דוד פראַם איז דער ערשטער אויסגע-שפּראָכענער יידישער שרייבער, אין פולן זינען פון דעם וואָרט, אין דעם דאָזיקן ווייטן און אייגנאַרטיקן קיבוץ. נישט דאָ איז דער אָרט צו ריידן וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַפריקע. דאָ דאַרף איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער געגנוואַרט און צוקונפט פון דוד פראַמען אין דער יידישער ליטעראַטור.

דוד פראַם איז נישט פון מיין שיטה, דערפאַר איז טאַקע מיין וואָרט וועגן אים טאָפּלט אָביעקטיוו. געקומען איז אָט דער יונגער דיכטער קיין אַפריקע פול ווי אַ זאַפטיקער אַפריקאַנישער אַנאַנאַס מיט זאַפטיקסטער, ליטווישער, יידישער שפּראַך. און ווי אַן אײַנגעשפּאַר-טער חלום האָט אים פאַרפאָלגט די ליטווישע טעמאַטיק. פּראַכטפולע בילדער האָט ער געשריבן, בילדער פון דער אַלטער היים, אָבער דאָס לעבן אַרום און די קאָסמאָפּאָליטישע אײַנשטעלונג פון דער יידישער ליטעראַטור האָט געפאָדערט עפּעס אַנדערש, האָט געפאָדערט

אין אַפריקע – אַפריקע, פונקט ווי זי פאָדערט אין רוסלאַנד – רוסלאַנד, און האָט אַמאָל פון די „יונגע" אין אַמעריקע געפאָדערט – אַמעריקע.

שווער איז עס אָנגעקומען דעם יונגען, סענטימענטאַלן דוד פראַמען צו געזעגענען זיך מיט זיין היים, מיט זיין ליטע, אין זיין איינציקער אמתער היים (דעם היים פון אַ יידישן דיכטער) – אין זיין ליד. אָבער צו זיין לויב מוז עס געזאָגט ווערן: ער האָט זיך באַצוווּנגען, ער האָט אָנגעהויבן צו דערזען אַפריקע – און אַז אַ דיכטער דערזעט, מאַכט ער אויך אַנדערע זען. אַלעמאָל מער און מער הויבט אָן אַפריקע צו דאָמינירן אין פראַמס לידער, און ער איז אַיינגעשפּאַרט און אַנטשלאָסן צו גיין אויף דעם וועג. ער האָט עס מיר געזאָגט אַמאָל – אין יאָהאַנעסבורג.

עס איז אַזוי מאָדנע: די ווייטע, שטילע, ביינאַכטיקע שטאָט האָט געגליצערט מיט אירע אומצאָליקע, אומענדלעכע, אַספאַלטירטע גאַסן אַנטקעגן דער פאַרקערטער דרום-אַפריקאַנישער האַלב-לבנה. אַ ליכטער-ים אויבן, די געטלעכע בורג, אַ ליכטער-ים אונטן – יאָהאַנעס-בורג. מיר זיינען געגאַנגען גאַס-אויס גאַס-איין, איך האָב אים דער-ציילט פון וואַרשע און פון מיינע פּלענער, און ער מיר פון זיינע פּלע-נער. און צווישן די פּלענער איינער: צו באַרייכערן די יידישע ליטע-ראַטור מיט אַ גאַנצן ערד-טייל.

אַ נייער דיכטער קומט צו אייך, יידישע לעזער! יעדער נייער דיכטער ברענגט אַ נייע וועלט מיט זיך. דער אָבער דיכטער, דוד פראַם, ברענגט צוויי נייע וועלטן אין דער יידישער ליריק – די וועלט אין אים און דיווילדע, שיינע, אַפריקאַנישע וועלט אַרום אים. איז דאָס דאָזיקע בוך אַ האַלבער שריט אויף אָט דעם וועג, וועט דאָס אַנדערע זיין דער שטאַרקער, אַנטשלאָסענער, גאַנצער שטריט!

*מלך ראַוויטש.*

# לידער

# מיט אייגענע לײדן

* * *

ווערט דען גרינגער דערפון, צי כאָטש לייכטער דערפון,
אַז עס שוימען די טעג שוין אַריבער מיט זון
און פאַרשמירן מיט גאָלד די פאַרקלונגענע ברייט,
און עס קוועלט, און עס שפּאַרט אַ פאַרבאָרגענע פרייד?...

ווערט דען גרינגער דערפון, אַז עס ציט און עס קוועלט
אַ צעיוירענער זאַפט פון צעאַקערטן פעלד,
און אַ טרויב נאָך אַ טרויב טריפט מיט שיכורן ווײַן
און עס גלאַנצט, און עס רייפט אונטער גילדערנעם שיין?

ווערט דען גרינגער אַמאָל, אַז געבענטשט איז דאָס לאַנד
מיט אַ זוניקער גאָב — גלייך אַן אָפענע האַנט,
וואָס צעשענקט און צעטיילט, און פאַרטיילט, און צעשיט
מיט אַ קויף, אָן אַ מאָס און פון קיינעם באַהיט?

— אַז אויף טריט און אויף שריט, ווו דו גיסט זיך אַ קער,
ווײַנט אַרויס אַ געשריי, אַ פאַרלאָפענע טרער,
וואָס דערמאָנט און וואָס מאָנט מיט פאַרביסענעם צער,
אַז איר קומט פון דער וועלט איר גערעכטיקער שכר...

און דו קוקסט זיך אַרום מיט פאַרדרוס, און דו זעסט,
ווי מע גיט, און מע נעמט, און מע טיילט, און מע מעסט,
ווי עס ציטערן הענט — פולע הויפנס מיט גאָלד!...
נאָר דעם, וואָס עס קומט, איז צו קאַרג זיין געצאָלט...

און פון שפע און גאָב, פון צעקוואָלענער ערד
איז נישט אַלעמען גלייך צו געניסן באַשערט,
און דער, וואָס פאַרזייט און וואָס שאַפט און וואָס בויט —
איז באַגרענעצט אין זון און באַעוולט אין ברויט...

איז דען גרינגער דערפון, אַז עס צייטיקט די טרויב,
און עס גילדערט אַ שטראַל ווי-נישט-ווו אויף אַ שויב?—
אַז אויף שויבן אַ סך איז פאַרלאָשן די זון,
ווערט דען גרינגער דערפון?...

# אין צווייען

פון רוסישער רחבות — צו אַפריקעס אומעט,
פון ווייסע מדבריות און גלימיקע שנייען —
צו זוניקע ווייטן פון אייביקן זומער,
אָ, פילט מען זיך עלנט אין צווייען!

און בענקעניש ווייסע אויף ווענן צעגאָסן,
אויף בלוטיקע גרונטן פאַרזשאַווערט צערונען,
און אָוונטן קורצע ווי קנויטן פאַרלאָשן,
פאַרטריקנט פון גליאיקע זונען...

און גוססע שקיעות — אָן גלאָקן־געקלאַנגען
מיט אייביקער שטילקייט און לאַנגווייל צעטריפן —
מיט בענקעניש צאַרטער און טריבע פאַרלאַנגען
ווי עלנט־פאַרבלאָנדזשעטע שיפן...

און האַרציקע לידער פון וואָלגער גאַלאַכן
צעזינגען דאָ רעקאָרדס אין איינזאַמע שטיבער.
מיט אייביקן בענקן פון רוסישן שליאַכן —
דאַן שווימען די ברעגעס אַריבער.

אָ, אַפריקעס אָטעם מיט רוסלאַנדס געאָרעמט,
דער אָטעם פֿון שווייגן אין בלאָטיקע ווייען —
אין שיכּורע נעכט פֿון פֿאַרשיכּורטן דרום
דאָ פֿילט מען זיך עלנט אין צווייען...

# ס'איז בעסער...

טאָ וואָס איז די פּעולה און וואָס איז דער חילוק, —
פֿאַר וועמענען ריידן, פֿאַר וועמען דערציילן?
מען וועט דאָך אַלצאיינס דיין געבעט נישט פֿאַרנעמען,
מען וועט דאָך דיר סיי־ווי די ווונדן נישט היילן.

עס בלייבן דאָך תּמיד פֿאַרשוויגן די ווערטער,
ווי נאַקעטע צווייגן אין האַרבסט אין דעם שפּעטן.
— שוין בעסער אַוועקגיין מיט אייגענעם אומעט
און גאָרנישט־ניט מאָנען, און קיין זאַך נישט בעטן...

יסורים פֿאַרשטייען אַליין די, וואָס ליידן.
— איז נאַריש צו קומען צו זאַטע מיט טרערן...
שוין גלייכער צו צאַפּלען אין אייגענע ווייען,
ווייל קיינער וועט סיי־ווי דיין זיפֿץ נישט דערהערן.

איז בעסער שוין אויסגיין, ווי גוססע שקיעות, —
אין עלנטע וועלטן דיין צער זאָל צערינען.
און גאָרנישט־ניט מאָנען, ביי קיינעם ניט בעטן —
אין אייגענע ליידן אַ רו זיך געפֿינען...

און לעבן מיט אומעט פון אייגענע היינטן,
און האָפן, און גלויבן, און בלוטיקן ווייטער,
און ווערן געקרייצט און געפייניקט אין דרייצן,
און ווערן דורך אייגענע ווּנדן געלייטערט.

* * *

איך האָב שוין דעם ווינטער, דעם ווינטער דעם צווייטן
מיט עצבות און עלנט אין האַרצן פֿאַרצייכנט —
אָן שטילע, פֿאַרשלעפּערטע, שנייאיקע ברייטן,
— מיט טיפֿע און בלויע און זוניקע הייכן...

איך האָב שוין דעם ווינטער דעם צווייטן פֿאַרשריבן
מיט פֿליסיקן זילבער פֿון קלאָרע פֿאַרטאָגן,
און גאָלד האָב איך ריינעם אין אוצרות געקליבן,
אַז שווער איז מיר, שווער איצט דאָס גאָלד שוין צו טראָגן.

איז הפֿקרדיק וועל איך די אוצרות צעוואַרפֿן
און ווערן אין ליידיקע ווייטן געלייטערט,
כּדי מיט אַ ווייטאָג אַ טאָפּלטן־שאַרפֿן
נאָך גילדערנע ווינטערן בענקען שוין ווייטער.

און דאַן וועל איך ווידער מיין עלנט פֿאַרבינדן
מיט טיפֿע און קלאָרע און זוניקע ברייטן,
און בענקענדיק ווידער אין דמיון צעצינדן
די פֿייערלעך קאַלטע פֿון סטעפּעס באַשנייטע.

* * *

איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך געפינען שוין מיין רו,
אַז דאָ וועלן דערפרייען מיך די טעג,
אַז ס׳וועט מיך מער נישט אָנלאָקן דער וועג
צו וואָגלען ווייטער, ערגעץ אַנדערשוו.

איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועט אָנקוועלן מיין ליד
מיט זון, מיט ליכט, מיט שפרודלדיקן, העלן שיין
און וועט פאַרשיכורן ווי אַלטער וויין
מיין שווער-צעוויטאָגטן, פאַרחלשטן געמיט.

און דאַן האָב איך באַגלייט פון ברעג מיין שיף,
ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך שוין איינוואָרצלען מיין היים,
גלייך ווי עס וואָרצלט איין זיין שווערן שטאַם אין וואַלד דער בוים
און ציט זיין חיות-זאַפט פון שפעדיקער טיף.

און ווי עס קוועלט דער זאַפט אין יעדן גראָז און בלאַט,
אַזוי האָט טיף אין מיר געקוועלט אַ העלע פרייד.
איך האָב געוווּסט, אַז פריי איז אַפריקע און ברייט,
און כ׳וועל מיט זון זיך קענען אָנזאַפן צו זאַט...

נאָר דאָרטן, ווו ס'איז זון און שטראַלנדיקער שיין,
זאָל טריפן טראָפּנס בלוט — דאָס האָב איך נישט געקלערט,
און ס'איז געוואָרן קאַרג פאַר מיר די זאַטע ערד,
און ס'איז געוואָרן שווער צו טראָגן דאָ מיין פּיין!

און אינעם לאַנד פון ליכט, פון העלע טעג און גאָלד,
ווו ס'זעטיקט זיך אין גוטס איעדע שטילע הויז, —
האָב איך מיט שטומען גרויל געקליבן ברעקלעך בלויז,
און מיט מיין בלוט און מאַרך פאַר אַלעם דעם געצאָלט!

און נאָך האָב איך געוווּסט, אַז ס'זיינען דאָ אַ סך,
ווי איך, פון וועמענס אויג עס שפּאַרט אַ הייסע טרער.
און ס'איז מיר מיטאַמאָל פאַר זיי געוואָרן שווער,
און ווידער האָט געלאָקט דער אומעטיקער שליאַך...

און ווידער בענק איך מיד נאָך שטילער, ווייסער רו.
איך האָב געמיינט, אַז ליב וועט זיין מיר היגע ערד.
איז אָבער פון דאָס-ניי מיר וואַנדערן באַשערט
און זוכן נאָך אַ טרייסט אין ערגעץ אַנדערשווו.

## מיין אפּפאָר

דאָס העמד – אַצינד געדענק איך נאָך – מיין שוועסטער האָט גענייט:
דערקען איך אירע קליינע שטעך, די פּאָרזיכטיקע נעט.
זי האָט מיט שטילער האַרציקייט און בענקשאַפט עס באַווייט –
אין לאַנגע, לאַנגע אָוונטן פאַרזעסן זיך ביז שפּעט...

און נאָכדעם האָט מיין מאַמע שטיל אַ פּעקעלע געמאַכט,
דאָרט פּאָמעראַנצן אָנגעלייגט און צוקערלעך פאַרפּאַקט.
געדענק איך, אַזאַ קליינינקע אין האַרבסטיקן פאַרנאַכט
פאַרדאגהט מיך אַרויסבאַגלייט צום ברייט-צעלייגטן טראַקט.

מיין טאַטע איז געשטאַנען מיד מיט דינע, לאַנגע הענט,
דעם ווייסן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אָן ווערטער און אָן רייד.
אַ שקיעה האָט אַ בלוטיקע אין האַרצן זיך צעברענט,
און ס'האָט אַ נאַכט אַ פינסטערע אונז אַלעמען צעשיידט.

און כ'האָב אין נאַכט אין האַרבסטיקער פאַרלאָזן זיי אַליין.
צעשניטן האָט מיין שטומע האַרץ אַ טרוקן-שאַרפער וויי,
און ס'האָט אַ ווילדן שפּאַר געטאָן מיט טרערן אַ געוויין –
פאַרשטיקט אין טריבער עלנטקייט אַן עלנטן געשריי...

און דאָ, אין ווייטער אַפריקע, איז ווייטאָגדיק און שווער,
דורך בענקעניש געלייטערטער – פאַרוואָגלט אין דער פרעמד...
מיין שוועסטער האָט מיך אויסגעפוצט מיט שמעקעדיקן העמד,
און מאַמע האָט אַרויסבאַגלייט אין וועג מיך מיט איר טרער.

## איז וואָס?

איז וואָס, אויב געלעבט כ׳האָב אַמאָל אין דער ווייטער און שטילער סאַמאַרע
און נאָכדעם מגולגל געוואָרן אַליין צו די ברעגעס פון ליטע,
און איצט — שוין אין אַפריקע פרעמדער, ווו ס׳שמעקט מיטן זאַמד פון סאַהאַרע,
מיט טרוקענע זונען פאַרברוינטע און שטיינערנע פעלזן צעגליטע?

איז וואָס, אויב עס האָבן געהאָדעוועט מיך ווען דער וואָלגעס צעגאָסענע ברעגעס,
און ס׳האָבן פאַרוויגט מיך די לידער פון בערדיקע, מידע „באַטראַקעס"?...
— אַז ס׳האָט מיך מיין גורל פאַרבונדן מיט טרויער פון בלוטיקע רגעס,
וואָס זיינען געראנגען אין חושך, ווי אייטער פון אָפענע מכות...

איז וואָס-זשע, אויב איך האָב פאַרזינדיקט ביים לעבן די הייליקע קלאָרקייט
פון שנייען,
דעם קופּערנעם האַרבסט ביי די טייכן, דעם שיכּורן ווינטער צעגליטן?
און איצט אויף פאַרזשאַווערטע גרונטן, פאַרצערטע פון ברעניקע ווייען, —
די אוצרות פון גילדערנע האַרבסטן און זילבערנע ווינטערס צעביטן?

איז וואָס-זשע, אויב ס׳האָט זיך אין אַפריקע פרעמדער פאַרטאָפּלט מיין ליידן
אין צווייען,
פאַרגרעסערט די עצבות אין האַרצן, דער עלנט פאַרשוויגן געוואָרן...
איך וויים דאָך: — די טעג ווי פאַרצייטן, זיי קומען און גייען, פאַרגייען,
און ס׳קלייבן זיך שטילע מעת-לעתן און בינדן צונויף זיך אין יאָרן...

איז ווען מען נעמט אַרט עס, אַ שטייגער, אַז עמעצער ווייגט אַ פּאַרצערטער,
אַז עמעצער בענקט אין דער פינסטער נאָך לידער פון וואָלגער באַטראַקעס?
איז ווען מען נעמט אַרט עס, אַ שטייגער, אַז העלע פאַרטריקענען ווערטער,
און ס'רינען צעוויטאָגטע רגעס, ווי אייטער פון אָפענע מכות?...

ס'איז גאָרנישט... ס'איז גאָרנישט... איך ווייס עס; — דער אמת איז שרעקלעך
פאַר איינעם.
די טעג, ווי זיי זיינען געגאַנגען, פאַרגיין וועלן ווידער אין ווייטן.
און איך וועל נאָך וואָגלען אַ מידער אויף שטויביקע וועגן אָן קיינעם,
און אפשר נאָך אַפריקעס עלנט אויף טאָפּלטן עלנט צעבייטן.

* * *

מיין מאַמע האָט מיר צוגעשיקט אַ קישן —
אַ גרוס אַ היימישער פון בענקענדיקער ליטע;
דאָ אין אַפריקע, אין ענגער קאַפּעריטע.
אוי, ווען זי וואָלט עפּעס פון דעם וויסן!...

מיינע לאַנגע טעג און זוניקע באַגינענס,
כ׳האָב אַכזריותדיק פאַרקירצט זיי און פאַרשניטן,
און הכנעהדיק, צופרידן און פאַרליטן
קאַפּערס מוז איך שמוציקע באַדינען.

זיינען זיי אַצינד מיר נאָענט אַזוי געוואָרן,
גלייך ווי אָרעמע און ליידנדיקע ברידער,
אויך אַזוי ווי זיי — פאַרשוויגענער און מידער
צייל איך אָוונטן צוזאַמען שוין אין יאָרן.

צייל איך גלייכגילטיק אַ שטומער יעדן אָוונט,
ווי בלומען האַרבסטיקע פון גערטענער געריסן.
מיין מאַמע האָט מיר צוגעשיקט אַ קישן —
דורך ווייסע ווינטערן די פעדערן געכאָוועט.

# צו די שוואַרצע

האָט קיין מורא און אַנטלויפט נישט פון מיר, שוואַרצע,
נישט דערשרעקט זיך פאַר דעם בלייך פון מיין געזיכט.
ס'קלעמט אַ וויי אויך ווי ביי אַייך ביי מיר אין האַרצן,
און איך וואַרט אַזוי ווי איר אויף אַייער ליכט...

איך פאַרשטיי אַייך, און איך טראָג מיט אַייך צוזאַמען
אַייער פרייד און אַייער שווייגנדיקע פיין.
און נישט שולדיק איז געווען אַייער מאַמע,
וואָס דער טאָג האָט אַייך געשאָנקען צופיל שיין.

און נישט שולדיק זיינען אויך געווען די יאָרן,
וואָס צעטריפט האָבן מיט טראָפנס העלער זון.
ווער איז שולדיק דען אין דעם, אַז ס'איז געוואָרן
אַייער ברוסט אַזוי געשמידט, ווי פון טשוגון?

ווער איז שולדיק, און צו וואָס זאָל דאָס אונז אַרן,
אַז די הויט ביי אַייך איז שפיגלדיק און שוואַרץ?
— אַז אין גופים אין פאַרליטענע און דאַרע
צאַפלט אויך ביי אַייך אַ בלוטיק-רויטע האַרץ!

און איר טראָגט אין זיך ווי מיר די זעלבע ליידן,
און אויך איר פאַרשטייט, וואָס שלעכט איז און וואָס גוט...
און ווען עמעצער זאָל אייער ליִב צעשניידן —
אויך פון שוואַרצער הויט אַ ריזל טאָן וועט בלוט!

און ווען עמעצער זאָל אייער פּיין באַרירן,
וועט איר אויפצאַפּלען מיט שטומפּיקן געשריי;
און, אַוודאי, אויך ווי מיר וועט איר דערשפּירן
טיף אין האַרצן אַזאַ ברענענדיקן ווייי!

און, אַוודאַי, אויך ווי אונז וועט אייך פאַרדריסן,
וואָס מע שטראָפט אייך אַזוי ווייטאָגדיק און שווער,
און פאַרשוויגן, און פאַרליטן, און פאַרביסן
אויך אין אייער אויג צעברענט זיך דאַן אַ טרער...

זיינען שולדיק, זיינען שולדיק די מעת-לעתן,
וואָס פאַרסמאַליעט האָבן שוואַרצער אייער הויט?
— אַז איך קען נישט און איך וויל אייך נישט פאַרגעסן —
אייער שווערע, אייער שטיקנדיקע נויט!...

טאָ אַנטלויפּט נישט און אַנטלויפּט נישט פון מיר, שוואַרצע,
נישט דערשרעקט זיך פאַרן בלייך פון מיין געזיכט.
ס'קלעמט אַ ווײ אויך ווי בײ אײַך בײ מיר אין האַרצן,
און איך וואַרט אַזוי ווי איר אויף אונזער ליכט.

## אַ שאָד...

עס איז ביז האַלבן טאָג פאַרבליבן נאָר אַ רעשטל,
פאַרשניטן קרום און לאָם פון ברענענדיקער זון.
אַ שאָדן, אַז מע דאַרף דאָס מעסטן אויפן מעסטל,
אַזוי ווי דער אַרשין מעסט ביליקן קאַרטון.

אַ שאָדן, אַז צוגלייך מיט ליכטיקן פרימאָרגן
האָט שאַפּ און מינע־באַרג דאָס שפּע־ליכט פאַרשטעלט,
און צווישן קאַלטע ווענט, אין מינעס טיף פאַרבאָרגן
באַמערקן נישט אַ סך, ווי ס׳זוניקט און עס העלט.

אַ שאָד... אַ גרויסער שאָד, וואָס זינדיק זיינען מענטשן
און ווייסן נישט אַליין, ווי גרויס ס׳איז זייער זינד.
און זון און קלאָרן ליכט — אָנשטאָט דאָס אַלץ צו בענטשן,
— אין אומעטיקע נעכט פאַרשילטן זיי דאָס בלינד...

און טאָמער ווערט זיי קאַלט ווען אין אַ טאָג אַ הוילן,
ווען ס׳גיט זיך זיי נישט איין, וואָס זיי האָבן געוואָלט —
דאַן ביי אַ גרויען אַש, ווי פון פאַרשטיקטע קוילן
דערוואַרעמען זיי זיך ביים שיין פון זייער גאָלד.

און ס׳איז דער קלונג פון מינץ זיי אַזוי ליב און טייער,
עס ציען זיך נאָך דעם אין חושך דאַרע הענט.
נאָר שווערע הרודעס גאָלד צעצינדן זייער פייער,
און ס׳דוכט זיך זיי, אַז זון האָט זיך אין דעם צעברענט!

און אומגליקלעכערהייט זיי קענען נישט באַנעמען,
אַז ס׳איז פאַראַן אַ זון, וואָס וואַרעמט און וואָס היילט.
ווען זיי דערפילן שיין — פאַרזשמורען זיי די ברעמען,
און ווילן גאָרניט זען, וואָס טאָג האָט זיי פאַרטיילט.

און אָט אַזוי מיט שרעק — פון זיך אַליין אַנטלויפן.
— געננוג, געננוג וועט זיין צו וואַרפן זיך מיט ליכט!
נאָר איבער אַלע טעג און איבער אַלע הויפן
שטראָמט כוואַליעדיקער שיין צעשמאָלצן און געדיכט.

און ווער סע קען, זאָל גיין און-צאַפּן ווי פון קראַנען
דעם ברויזיקן געקוועל פון פלייצנדיקער זון,
און ווער סע קען, זאָל גיין און אָנפילן די קאַנען —
נישט מעסטן פּאַסמעס ליכט, ווי ביליקן קאַרטון!

* * *

נאָך וואָס זאָל איך פאָרן, און ווּ זאָל איך פאָרן,
אַז ס'זיינען פאַרקירצט מיינע וועגן געוואָרן,
אַז ס'זיינען געוואָרן פאַרשניטן די ווייטן,
און כ'ווייס נישט אויף וואָס כ'וועל מיין עלנט צעבייטן.

כ'וועל אפשר אַמאָל נאָך אַ רו ווּ געפינען,
און ס'וועט נאָך אַ שפּריץ טאָן מיט פרייד אַ באַגינען;
און אפשר וועט מערער און שטאַרקער נאָך ווי טאָן
אין פרעמדע מרחקים און ליידיקע ברייטן?

איך ווייס, איך וועל קיין זאַך נישט קענען פאַרמיידן,
און אומעטום וואַרטן די זעלביקע ליידן.
איך ווייס עס, אַוודאַי, נישטאָ וואָס צו גלויבן
און וואַנדערן ווידער מיט טרוקענע שטויבן;

און וואַנדערן ווידער מיט טונקעלע וועגן...
נישטאָ ווּ צו גיין און ביי וועמען צו פרעגן;
נישטאָ וואָס צו זוכן אין ליידיקע ווייטן.
איך ווייס נישט, אויף וואָס כ'וועל מיין עלנט צעבייטן...

# אין שטילע רגעס

## מיין קרבן

איך האָב געקוילעט היינט אַ טויב,
פאַר דיר, מיין גאָט, אַ ווייסן קרבן!
אין מיינע ציטערדיקע הענט
איז זי ווי העלער טאָג געשטאָרבן.

די ווייסע פליגעלעך צעשפרייט
האָט זי מיט גוסס-שטומען צאַפּלען,
און טראָפּנס בלוט האָב איך דערזען
אין אירע פרומע טויבן-אַפּלען.

און ווידער איז געוואָרן נאַכט,
דער טאָג איז ווי אַ קינד געשטאָרבן.
מיין גאָט, ווי ס'שיינט, האָסטו געלאַכט
פון מיין פאַרבלוטיקט-ווייסן קרבן!

* * *

עס האָט אַ בלייכע האַנט געצונדן די איקאָנע
אין ווינקל טונקעלן פון סודות-פולן צימער.
און ס'האָט אַ שוואַרצן קאָפּ באַזילבערט די לבנה
מיט בלאַסן, בלייכן שיין, מיט קאַלטן, בלויען שימער.

פון וויטן האָט די נאַכט געלאָשן שטילערהייט
די שטראַלן זוניקע אין גילדערנע צלמים.
און ריחות האָבן זיך אין טונקלקייט צעשפּרייט
פון באַלזאַם און פון אייל, פון רויכערדיקע בשמים.

צוזאַמען מיט דעם אייל האָט שפּעטער אויסגעברענט
אין טיפער, בלינדער נאַכט אַ הייליקע אמונה.
עס האָבן שטומערהייט פאַריתומט ווייסע הענט
געטראָגן ערגעץ-ווו אַ שוואַרצע טרונע.

■

# שקיעה

איך האָב זי היינט ווידער געטראָפן — די גאַנצע מיט בלומען באַהאַנגען.
אין קרענקלעכן אָוונט אַ מידע צוריק איז אין שטאָט זי געגאַנגען
און האָט אַ בוקעט פון פיאַלקעס אין נאַקעטע אָרעמס געטראָגן:
זיי האָבן געשמייכלט פאַרצווייפלט ווי זיידענע, בלויע פאַרטאָגן.

איך האָב איר אַ בלימל געבעטן — אַ שטיקעלע צאַרטן באַגינען...
זי האָט מיר דערלאַנגט אַ פיאַלקע, אַזאַ מין באַבלויטע פיאַלקע.
ווען דאָרף האָט אין טאָל זיך פאַרלאָרן, און אָוונט גענומען האָט גרינען, —
באַגעגנט האָט אונז ביים בית-עולם אַ שוואַרצע ווי נאַכט קאַטאַפאַלקע.

דאַן האָט זי די בלומען צעשאָטן, געקוקט, ווי זיי וועלקן און שטאַרבן.
דער אָוונט געלאָשן האָט גילדערנע, מיסטישע פאַרבן...
מיר האָבן געזוכט ביים בית-עולם דעם טאָג, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן.

ווי אויגן באַטויטע פיאַלקעס אויף נאַכטישע, עלנטע וועגן,
פאַרוויינטע ווי עלנטע קינדער זיי זיינען געלעגן
און האָבן באַגלייט מיט אַן אומעט אין נאַכט דעם פאַבלאָנדזשעטן אָרון.

* * *

מיר וועלן גיין נאָך ווייט פאַרבלאָנדזשעטע אין סטעפ.
ס'איז לאַנג נאָך אונזער וועג, מיר מוזן, קינד, נאָך גיין.
עס קומט שוין אָן די נאַכט פאַרהילט אין שוואַרצן קרעפ.
דיך שרעקט די שוואַרצע נאַכט? נישט וויין, מיין קינד, נישט וויין!

אָן צאַפלט זיך אַ טויב, אַ ווייסע, ווייסע טויב...
באַשפריצט מיט טראָפנס בלוט די פליגעלעך צעשפרייט.
ס'איז שווער אַזוי צו גיין אין מדבר זאַמד און שטויב.
דו זעסט, מיין קינד, ווי שטיל אַ זומער-טאָג פאַרגייט?

דו זעסט? אַ העלער טאָג... אַ זוניק-גרויסע אויג...
עס מאַכט זיך צו אַזוי, און ס'טריפט אַ רויטע טרער.
זיי שטיל! אין שוואַרצער נאַכט דיין קאָפ צו דר'ערד נישט בויג.
ס'איז לאַנג נאָך אונזער וועג און שווער איז, זייער שווער.

מיר וועלן גיין נאָך ווייט פאַרבלאָנדזשעטע אין נאַכט,
און קלייבן טראָפנס בלוט פון שטאַרבנדיקן טאָג.
אָט זע! די ווייסע טויב האָט שוואַרץ איר אויג פאַרמאַכט!
— אַ טויטע, ווייסע טויב... איצט וויין, מיין קינד, איצט קלאָג.

* * *

אויף דיינע שלאַנקע קני דערלויב, מיין קינד, דערלויב
מיר אָנשפּאַרן מיין קאָפּ, מיין ברענענדיקן שטערן!...
זאָל פלאַטערן דיין האַנט ווי אַ פאַרשעמטע טויב
און קילן אין מיין אויג די ציטעריקע טרערן.

איך בין שוין מיד פון גאַנג, פון וואַנדערן אַליין,
און זוכן הייליקייט אין שווייגעדיקע געטער.
ווער ווייס?... ווער ווייס, ווי לאַנג איך וועל נאָך דאַרפן גיין
און וואַנדערן אין וועג, ווי האַרבסטיק-געלע בלעטער!

דו הערסט? — אין קוסטעס וויינט אַן אומעטיקער ווינט,
און שקיעה זאַלבט די נאַכט מיט דורכזיכטיקן שמן.
איך וויל נאָך פיבערן און קושן, קושן, קינד,
די דינע פעדעמלעך פון דיינע לאַנגע ברעמען...

און ווי אַ ווייסע טויב זאָל פלאַטערן דיין האַנט,
און לעשן אין מיין אויג די ציטעריקע טרערן.
— ס'איז ווייט, נאָך זייער ווייט דער וועג צו יענעם לאַנד...
דערלויב אָן דיינע קני מיר אָנשפּאַרן מיין שטערן!...

* * *

איך בין אויף וועגן עלנטע געשטאַנען,
געוואַרט, זי זאָל היינט ווידער צו מיר קומען: —
פאַרהילט אין דינע, מילכיקע טומאַנען,
באַהאַנגען מיט צעבליטע בלומען.

עס האָבן ווייט צעזונגען זיך פאַנטאַנען,
און איך האָב לידער הייליקע פאַרנומען
פון לעצטע, לעצטע שטאַרבנדיקע שוואַנען,
וואָס זיינען אין דער פרילינג־נאַכט געשוווּמען...

און ס'האָבן שטיל געבלייכט זיך ווייסע רגעס,
ווי ס'בליט אַ ריינע, קינדישע אמונה
אין אויסגעבלויטע, זוניקע פאַרטאָגן.

און עפּעס פון די נאַכטיש־שוואַרצע ברעגעס,
ווי פון אַ מידער, ווייַנענדיקער סטרונע
האָט זיך אַ זיפץ אַ גוססער דערטראָגן...

# טויט...

אויף ווייכע געלעגערס פון זייד און פון סאַמעט
זיי זיינען שוין אַלע פאַרשיכורט געשלאָפן
און זי איז געלעגן אין מיטן פאַרצווייפלט,
אַ בלאַסע, אַ בלייכע, ווי זילבערנער צפון.

עס האָט זיך דער אָוונט געשפיגלט אין תכלת,
געשאָרכעט מיט דינע, פאַרכישופטע קרויזן,
און ס׳האָבן צעבליט זיך אין פינסטערן חושך
פאַרהוילענע, שוואַרצע, צעשויבערטע רויזן.

דער וויין האָט אין גרינלעכן, זילבערנעם נעפּל
פאַרבלוטיקטע, רויטע חלומות געפאָרבן,
און ס׳האָבן זיך שרעקלעכע סודות צעוויקלט: —
אַ קינד איז אין נאַכטישן עלנט געשטאָרבן.

# לוויה

דער טאָג האָט זיין ביינערנעם שאַרבן
מיט בלוטיקער מאַרליע פאַרבונדן;
און סודותדיק־מיסטישע פאַרבן
האָט מערב צו מערב געצונדן.

און ס׳האָבן צעפלאַקערט זיך ליכטער
אין קלויסטערס פאַרגליווערטע שויבן...
געשטראַלט האָבן בלאַסע געזיכטער,
ווי ווייסע, דערשראָקענע טויבן;

און עפּעס אַ ווייסער, אַ מידער,
האָט הייליקע תּפילות געזונגען...
עס האָבן געצאַפּלט זיך לידער,
אין נאַכט האָבן גלאָקן געקלונגען;

און ס׳האָבן אין גילדערנע רערן
געצאַנקט און געלאָשן זיך קנויטן.
און אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן
באַגלייט האָבן עלנט אַ טויטן...

## ביים קבר

האָט בוימאייל אין גילדערנע בעכערס דער טאָג אָנגעגאָסן,
און בלוילעכע פלאַמען צעצונדן אין זיי.
איז נאַכט דאַן אַ בייזע געקומען און אַלץ אויסגעלאָשן; —
געגרוט האָט אַ בערגל אין גלימיקן שניי.

געשטראָמט האָבן שאָטנס אויף שנייאיקע ימען,
אַ מידער האָט אָוונט צעטראָגן פאַרציטערטע קלאַנגען,
אַ גוססער טאָג איז אין מערב פאַרגאַנגען,
און נאַכט האָט געלאָשן די גילדערנע פלאַמען.

און ס׳האָבן זיך שאָטנס געוויקלט, געצויגן, געשוווּמען...
אַ ווינט האָט אויף בערגל מיט שטורעם געריסן, געבלאָזן..
אין נאַכטישן עלנט געוויינט האָבן שנייאיקע בלומען:
— אַ טאָג איז פאַרגאַנגען און האָט אונז אין טרויער געלאָזן.

# סאָנעט

כ׳האָב האָלט דעם קופּער-קלאַנג פון האַרבסטיקע סאָנעטן,
דאָס שטילע גוססן פון צאַנקענדיקע שקיעות,
ווען פרום און קדושה-פול אָן טענות און אָן תביעות,
צערינען דורכזיכטיק צו מערב די געבעטן...

אַ בלאַסע לויטערקייט אַ שטראַלנדיקע זעט׳ן
דורך דינע אַטלעסן — פאַרהאַנגענע יריעות,
און טרערן צינדן זיך אויף ציטעריקע וויעס,
און ס׳ווילט זיך הייליקער מתפלל זיין און בעטן...

און ס׳ווילט זיך הייליקער מתפלל זיין און בעטן
ביי אַלע עלנטע און שוויַגנדיקע געטער,
ווען אָוונט-טונקלקייט דורך לויטערקייט נעמט קוועלן.

כ׳האָב האָלט דעם קופּער-קלאַנג פון האַרבסטיקע סאָנעטן,
דאָס בלוטיק פלאַקערן פון ברענענדיקע בלעטער,
ווען שקיעה צינדט זיך אָן ביי אָוונטיקע שוועלן.

* * *

באַנאַכטיקע שעהן, ווי שוואַרצע טאַבונען,
זיי בלאָנדזשענען שטיל אויף פאַרלאָזענע וועגן
און שוידערן, קאָרטשענען איין זיך פאַרגליווערט,
ווי עלנטע קעץ אין אַ האַרבסטיקן רעגן.

און ס'ציען זיך שוואַרצע אין נאַכט קאַראַוואַנען,
באַהאַנגען מיט דורשטיקע, ליידיקע לאָגלען.
זיי ווייסן אַליין נישט, וווהין און ביז וואַנען
זיי וועלן פאַרמאַטערט אין מדבר נאָך וואָגלען.

נאָר פלוצים צעבליען זיך סודות פאַנטאַסטיש: —
אָאַזיסן ווייטע פון פריילינגען גרינער,
און ס'הילכן און ס'קלינגען צופרידענע לידער
פון ברוינע, פאַרברענטע פון זון בעדואינער.

דאַן ציען זיך ווייטער אין נאַכט קאַראַוואַנען
צו פייערלעך העלע, וואָס צאַנקען און פלעמלען.
נאָר גאָרנישט, ווער ווייס עס, ווי לאַנג און ביז וואַנען
זיי וועלן נאָך בלאָנקען אין מדבר, די קעמלען...

* * *

כ׳האָב האָלט די נעכט, וואָס כּישופן און גלעטן,
דאָס שאַרפע אָטעמען פון גילדערנעם סענטיאַבער.
צוויי שווייגנדיקע, שוואַרצע סילועטן
אין חושך־גליווערונג מען איז מקבר...

אַ ציטער האַרבסטיקער באַהעפט אונז פיינלעךביידן.
כ׳האָב האָלט די נעכט פון גילדערנעם סענטיאַבער.
מען דאַרף נישט, ניין... — מען טאָר נישט ריידן!...
כ׳וויל שווייגן הייליק, ווען מען איז מקבר...

■

* * *

אויף שטויביקע וועגן געקרייצטע,
וואָס גייען אין ווייט זיך פונאַנדער, —
בלאָנקע איך אום אין פאַרנאַכטן
און וואַנדער אַ מידער און וואַנדער.

איך וואַרט אויף פאַרמאַטערטע צוגן,
וואָס קומען איך וויס נישט פון וואַנען
און לאָזן אַליין מיך דאָ איבער
מיט נאַכטישע ווייסע טומאַנען.

דאַן וויל איך די צוגן באַגלייטן
אין וועג מיט צעווייטאָגטע לידער,
און ווייטער אויף וועגן געקרייצטע
איך בלאָנדזשע און וואַנדער אַ מידער...

* * *

אָוונט צינדט אויף וועגן
גרינלעכע לאַמפּאַדעס.
איך וועל גיין אַנטקעגן
מיינע ווייסע סטאַדעס.

כ׳וועל מיט פרילינג־בשמים
מיינע האָר באַנעצן,
ווען אויף דאָרף־צלמים
וועט די זון זיך זעצן.

וועל איך גיין אַנטקעגן
מיינע ווייסע סטאַדעס.
פרילינג צינדט אויף וועגן
גרינלעכע לאַמפּאַדעס.

■

* * *

דער אָוונט ווערט ווייכער און בלויער,
עס גוססן זילבערנע קלאַנגען.
אַ זיסן און קרענקלעכן טרויער
האָט אָוונט אויף וועגן צעהאַנגען.

און גינגאָלד אויף גליאיקע שויבן
צעשמאָלצן האָט בלוטיקע שקיעה.
צעפליען אין ווייטן זיך טויבן —
פאַרציען אַ שוואַרצע יריעה.

ווערט טינקעלער עפּעס און בלויער.
פאַרשווייגן אויף לאָנקעס די קאָסעס.
צערינט זיך דער קרענקלעכער טרויער
אין הערצער מיט דעם בין-השמשות.

* * *

ווייטע ווייטן, כישוף-גרינע —
אויסגעבלייכטע, ווייסע קלאַנגען.
גיסן עפּעס זיך געזאַנגען.
וויינט אין נאַכט אַ מאַנדאָלינע.

לאַנגע מיידל-פינגער, דינע,
צאַרטע, צאַפּלדיקע ברוסטן,
ווייסער בעז צעבליטע קוסטן...
וויינט אין נאַכט אַ מאַנדאָלינע.

עך, פאַרנאַכטן כישוף-גרינע! —
נישט דערזונגענע געזאַנגען...
ווייסע בליטן, ווייסע קלאַנגען, —
וויינט אין נאַכט אַ מאַנדאָלינע.

# שניי...

וויקלען אַיין זיך בלויע ווייטן
אין באַזילבערט-ווייסע הילעס.
טראָגן אומשולד-ווייסע טויבן
צו די ווייטן ווייסע תּפילות.

זינגט די שטילקייט הללויה,
שאָטנס ווייסע זינגען הלל.
צו די בלאַס-צעבליטע ווייטן
כ׳בין אין נאַכט אַליין מתפּלל.

און אין צימער — שטיל-פּאַרטרויטע
בלויע טראָפּנס זילבער טריפן.
אין דער נאַכט, ווי מיינע תּפילות,
בלאָנקען עלנט ווייסע שיפן.

וויל איך זינגען מיט דער שטילקייט
אין מיין סודות-פולן היכל.
אפשר וועט די נאַכט מיר שענקען
פאַר מיין ליד אַ ווייסן שמייכל...

* * *

איך גיי אַרויס אין נאַכט. ס׳איז אומעטיק און נאַס.
אַ קאַלטער אלול־ווינט פון האַרבסטיקן בולוואַר,
מיט רעגן דורכגעמישט, טרייבט בלעטער אויפן גאַס
און קלעפּט זיי צו צום ברוק, צום נאַסן טראָטואַר.

איך שטיי. איך האָרך זיך צו. מיך שרעקט די בלינדע נאַכט.
אין לוזשעס גלאַנציקע — אַ שוואַרצער עלנט בליט...
און פּייערלעך אין זיי צעצינדן זיך פאַרטראַכט.
מיר דוכט, אַז עמעץ גייט. איך הער פון ווייטן טריט.

איך הער... איך קוק אַרום. ס׳איז שאַ און שטיל אַזוי.
עס שלעפּט זיך מיד פאַרביי אין נאַכט אַ גאַסן־פרוי,
איר שאָטן יאָגט זי נאָך און שטילערהייט פאַרשווינדט.

און ס׳ווילט זיך מיר נאָך לאַנג פאַרגליווערט בלייבן שטיין,
און האָרכן אין דער נאַכט דעם קעציקן געוויין,
און שטיל פאַרנעמען טיף דאָס יאָמערן פון הינט...

* * *

און ווידער ביסט צו מיר געקומען
אין בלאַס-צעבליטער טבת-נאַכט.
צוויי אָרעמס אומשולד-ווייסע בלומען
האָסטו פאַרכּישופטע געבראַכט.

די בלומען האָסטו באַלד צעריסן —
מיין קאָפּ מיט בליאונגען באַשנייט.
און ס'האָבן ריחות פון נאַרציסן
זיך דין אין טבת-נאַכט געשפּרייט.

דאַן האָב איך שוואַרץ די ליכט פאַרלאָשן
און אין דעם אויסגעבלייכטן שיין —
צוויי בעכערס פולע אָנגעגאָסן
מיט רויטן, שטראַלנדיקן וויין...

און שלאַנגיק האָסטו זיך געבויגן
אין מיינע ציטעריקע הענט.
אין דיינע פלאַמיק-גרויסע אויגן
אַ גרינער כּישוף האָט געברענט;

און ווי אַ ווילדע מכשפה
האָסטו געכּישופט און געלאַכט.
עס האָבן פלאַמען פון אַ שריפה
פאַרברענט מיין אומשולד אין דער נאַכט.

* * *

איך אָטעם אַמאָליקע ריחות
פון דיינע פאַרכישופטע הענט.
אויף שטיינערנע, שוואַרצע מזבחות
האָב איך שוין מיין פרילינג פאַרברענט.

געררויכערט אַמאָל האָב איך קטורת
פון בשמים, וואָס דו האָסט געבראַכט;
און גילדערנע, זוניקע מנורות —
געצונדן אין פינסטערער נאַכט.

נאָר איצטער אַ מידער, אַן אַלטער
איך בלאָנדזשע אויף וועגן, מיין קינד.
עס צאַנקט נאָך אַ פייער אַ קאַלטער, —
אויך אים וועט פאַרלעשן דער ווינט.

## שאַטנס

אין דיין שטילן צימער גרויליק האָבֿן שוואַרצע שאָטנס לאַנגע
זיך געצויגן און געבויגן און געפאַלן אויף די ווענט.
און ווי קאַלטע, לאַנגע שלאַנגען, מיט אַ סווישטש פון ווייכע קלאַנגען
האָבֿן זיך געקנוילט, געוויקלט דיינע לאַנדיש־ווייסע הענט.

האָסט געכּישופט און געשויבערט מיינע נאַכטיש־שוואַרצע לאָקן
און עלאַסטיש זיך געבויגן, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג אין נאַכט.
האָסט געציטערט און געכליפעט, און דיין קערפּער האָט געשווידערט...
האָסט פאַרביסן דיינע ליפּן און היסטעריש־ווילד געלאַכט.

„כאַ־כאַ־כאַ!" האָט ווילד געקלונגען דיין פאַרביסענער געלעכטער.
„כאַ־כאַ־כאַ! איך וויל היינט לאַכן!... לאַכן... לאַכן, ווי דער ווינט!"
און אין טרערן גרויסע, גרויסע האָט די נאַכט זיך שוואַרץ געשפּיגלט...
האָסט געגלעט מיך און געצערטלט און געקושט מיך ווי אַ קינד...

האָסט געכּישופט און געצויבערט. האָסט קיין פייער נישט געצונדן.
גרינע אויגן דיינע, גרינע האָבֿן פלאַמיק זיך צעבּרענט.
שוואַרצע שאָטנס לאַנגע, לאַנגע ווי פאַרכּישופטע געזאַנגען,
ווי פאַרגליווערט־קאַלטע שלאַנגען האָבֿן שוואַרצע זיך געצויגן און געפאַלן
אויף די ווענט.

■

## אין ווייסע פאַרנאַכטן...

אין ווייסע, פאַרשנייטע פאַרנאַכטן אָפּט הער איך ווייט עמעצן זינגען,
און קלאַנגען דערטראָגן זיך ווייסע, ווי צאַרטע, פאַרכישופטע בליטן.
עס בליען פאַרצאַפּלטע ווייטן, און גלעקעלעך זילבערנע קלינגען,
און זילבערנע גלעקלעך באַגלייטן אין גאַכט אַ פאַרבלאָנדזשעטן שליטן.

עס זינגען די ווייסע פאַרנאַכטן, עס סווישטשענען זיידענע לייצעס.
עך! זיידענע לייצעס פאַרטרויען אַ סוד די באַזילבערטע שליאַכן;
און קושן צעבליען זיך ווייסע, און ס'שוידערן ווילדזיניק פלייצעס,
ווי בליאונגען ווייסע, באַשנייטע, און גלעקעלעך לאַכן און לאַכן.

און דאַן, אין די ווייסע פאַרנאַכטן, איך שפּיל זיך מיט קושן און קלאַנגען.
איך ווייס נישט, די ווייטן -- זיי בלייכן, די גלעקעלעך קלינגען אַלץ מידער.
עס פליען פאַרכישופטע שנייען, ווי קושן מיט שטילע געזאַנגען.
עך, נאָענט זיינען מיר די פאַרנאַכטן פון שנייען און קושן און לידער!

# שלאַנגען

דו האָסט געבראַכט פאַר מיר היינט יאַשטשערקעס און שלאַנגען —
צוויי דינע פליגעלעך פון זיידענע מאָטילן.
געקומען ביסטו, קינד, זיך רייצן און זיך שפילן,
מיט קאַלטער קראָפּעווע דיין שלאַנגען-גוף באַהאַנגען.

עס האָבן גרין צעפלאַמט זיך דיינע גרויסע אויגן.
געשפיגלט האָסטו זיי אין ווילדע שלאַנגען-אַפלען.
איך האָב געפילט דיין גיפט, דיין פיבערדיקן צאַפּלען.
דו האָסט זיך שלענגלענדיק אין גראָזן אויסגעצויגן.

— אַ שאָרך פון שוואַרצער זייד און ווייסע, ווייכע קלאַנגען,
און הענט פאַרכישופטע ווי טויבן-פליגל ווייען,
און קושן צערטלעכע ווי זילבער-קילע שנייען —
אַ קערפער נאַקעטער און שלאַנגען... גרינע שלאַנגען...

איך קוש די פליגעלעך פון זיידענע מאָטילן,
איך זויג דעם גרינעם שיין פון דיינע גרויסע אַפלען.
צוויי קערפערס פלעכטן זיך, צוויי קערפערס צאַפלען, צאַפּלען...
דו שעפטשעסט שמייכלענדיק: — איך וויל זיך שפּילן, שפּילן...

# שטילקייט

איז געווען אַזוי פאַנטאַסטיש אין דיין אָונטיקן צימער:
דינע, אויסגעשפּרייטע טולן — קופּער־ברוינע סילועטן...
דאַרע, קנאָכעדיקע פינגער האָבן גרויזאַמקייט געשפּונען,
האָבן גראַבלענדיק געשאָקלט גרין־באַלויכטענע פּאָרטרעטן.

ווייסע, ביינערדיקע פינגער האָבן קלינגענדיק געריסן
שוואַרצע רויזן אויסגעבליטע אין די נאַכט־אָראַנזשערייען,
און מיט הילכיקן געלעכטער אויפן דיל זיי אָנגעשאָטן
העכער, העכער, ביז דער סטעליע, ווי שוואַרץ־בלישטשענדיקע שנייען.

זיינען ביידע מיר געזעסן ווי פאַרכישופטע געשטאַלטן.
אויף די ווענט האָבן געציטערט צוויי פאַנטאַסטיש־שוואַרצע ביוסטן.
איז געוואָרן שטילער, שטילער אין דיין בענקשאַפט־פולן צימער,
כ'האָב געהערט, ווי שטיל געצאַפּלט האָבן לאַנגזאַם דיינע ברוסטן.

כ'האָב געהערט, ווי פייכטע ליפּן האָבן דינע זיך צעוויקלט,
ווי געוויינט האָסטו צוזאַמען ביים קלאַוויר מיט די קלאַווישן...
האָט די שטילקייט זיך צעשריען און געבלאָנדזשעט האָבן קלאַנגען,
זיך געשפּיגלט אין די טרערן — קלאַנגען ווייסע ווי נאַרציסן.

# אין שאָטנס פון ווייסע קאַשטאַנען...

אין בעכערלעך בעז און נאַרציסן, אין שאָטנס פון ווייסע קאַשטאַנען,
האָסט זאַפט פון פאַרשיכּורטע בלומען און גיפטיקע ריחות געבראַכט.
און האָסט מיך געצערטלט, געצערטלט ווי פליגל פון הייליקע שוואַנען...
— די בעכערס געגעבן מיר טרינקען — כ׳זאָל טרינקען די סודות פון נאַכט.

און איך האָב פאַרשיכּורט געטרונקען דעם שוים פון די גיפטיקע ריחות.
געכּישופט האָסטו און געצויבערט אין שאָטנס פון ווייסע קאַשטאַנען.
מיט פינגער צעזונגענע, בלייכע, ווי לאַנגע, באַווירצטע ליאַנען,
האָסט נענטער, אַלץ נענטער פאַרצויגן דעם נאַכטישן, בלויען פּרוכת...

און אַקסלען אין אָרעמס פאַרקלאַמערס... צוויי קערפּערס פאַרפלאָכטן ווי שלאַנגען...
געקומען ביסטו מיר פאַרטרויען אַ סוד פון אַ שיכּורער נאַכט.
איז ווייט זיך אַ פרילינג פאַרגאַנגען, האָט נאַכט זיך מיט שאָטנס באַהאַנגען,
אין בעכערלעך בעז און נאַרציסן האָסט גיפטיקע ריחות געבראַכט.

# האַרבסט־אומעט

אין ווייכער, גרינער זייד דיין שלאַנקען גוף פֿאַרהיל
און קום צו מיר צו גיין צום מירמעלנעם פֿאָנטאַן.
עס פֿליען ווילדע געגנדז אַ ווייסער קאַראַוואַן,
און שאָטנס וויגן זיך פֿאַרכּישופֿט אינדערשטיל.

מיין שוואַרצער אומעט בליט... ווייט כליפּעט אַ ראָיאַל.
עס פּייפֿט זיך אומעטיק אַ האַרבסטיק־קאַלטער ווינט.
דיר קליידט דאָך אַזוי שיין אין האַרבסט אַ גרינער שאַל...
ווי פֿריילינג קום צו גיין, מיין גאָלד־געלאָקטע קינד!

מיר וועלן זיצן שטיל ביים רוישיקן פֿאָנטאַן
און וואַרטן, ביז דיין קלייד וועט נעמען וועלקן געל,
און ווייט פֿאַרפֿליען וועט דער ווייסער קאַראַוואַן.

דאַן וועלן זאַלבעצווייט מיר קוקן אין געקוועל
פֿון האַרבסטיקן פֿאָנטאַן מיט טרערן אויפֿן ברעם
און וויינען וועלן מיר צוזאַמען אויך מיט אים.

# האַרבסטיק

ר ו ב י ן — מיין באַשיידענע מתּנה

ס'שטייען בלומען אויף מיין טישל, און אַ רעגן טריפט אין דרויסן.
— קיינער קומט מיר גאָרנישט זאָגן, קיינער קומט מיר גאָרנישט פרעגן.
האָט זיי ווער פאַר מיר געריסן, איז דען ווער געווען אויסן
מיך דערוואַרעמען מיט בלומען אין דעם האַרבסטיק-קאַלטן רעגן?...

האָט דען ווער געזען דאָס עלנט, וואָס ס'צעצינדן מיינע אויגן
אין דער צייט פון ווייסע אַסטרעס, ווען זיי שיכורן און רייצן? —
יענעם עלנט פון אַ פרומען, ווען ער שטייט אַזוי געבויגן
אויף די קני מיט הייסע תּפילות גאָר אַליין ביי שטומע קרייצן.

האָט דען ווער געוואָלט זיך טיילן גרויסן צער און טיפן ווייטאָג? —
אָדער ווייסע, שטילע ליבע האָט מיר ווער געבראַכט פאַרטרויען?
— יענע ליבע, וואָס ס'איז ווייסער פון אַ זוניק-קלאָרן שניי-טאָג,
וואָס מיר בעטלען אונזער לעבן ביי פאַרבענקטע, צאַרטע פרויען.

אפשר יאָ, און אפשר גאָרנישט... איז דאָך שווער דאָס נישט צו וויסן,
און צו וואָס דאָס וועלן וויסן און דאָס נייגעריקע פרעגן?...
אויף מיין טישל שטייען בלומען, — האָט זיי ווער פאַר מיר געריסן,
האָט דען עמיצער דערפרייען מיך געוואָלט אין קאַלטן רעגן?...

■

# צו אַ פרוי

וועןכ׳וואָלט אַצינד געקאָנט אַ בלוטיקער, פאַרצערטער
אַרויסשרייען מיין פיין פון אַלע מיינע גלידער,
און אויסברענגען מיין האַרץ מיט גליענדיקע ווערטער,
און בלייבן ליגן שטיל ביי דיינע פיס אַ מידער, —
וואָלט איך צעיאָמערט זיך ווי הונגעריקע וועלף
אין ווייס-באַשנייטע נעכט אויף עלנטע שאָסייען.
געבעטן וואָלט איך דיך: — דערבאַרעם זיך און העלף
און בלייב נישט ווידער קאַלט פון מיינע הייסע ווייען!
נאָר קום און זע, באַנעם, און פייניק מיך נישט מער;
האַלט איין דאַן שטאָלצן כעס... רחמנותדיק דערבאַרעם.
נישט בלייב פאַרגליווערט-טויב, מיין אויסגעשריי דערהער,
און לעבן דיינע פיס מיין קאַלטן גוף דערוואַרעם...
כאָטש איינמאָל גיב מיר נאָך, פאַרנעם דעם טיפן צער,
און האַלט איין אין מיין האַרץ דעם לויף פון מיינע בלוטן.
עס מאַכט מיר שוין ניט אויס: מיט בייזן צי מיט גוטן.
אַלצאיינס איך בעטל דאָך... — כאָטש דאָס זאָל זיין מיין שכר!

נאָר דו, איך ווייס, דו וואָלסט דאָך סיי-ווי נישט פאַרנומען
דעם טיפסטן אויסגעשריי פון גאַל און בלוט און טרערן.

עס וואָלט דיר נישט געלוינט אַוודאי צו דערהערן
די ווערטער בלוטיקע, וואָס רייסן זיך פון גומען...
כאַ־כאַ... דו וואָלסט געלאַכט, נישט צוגעהערט מיין רוף:
— אַ קנעכט ביי דיינע פיס פאַרציטערט און דערשלאָגן...
— טאָ זאָל זיך ווי אַ הונט דאָ וואַלגערן זיין גוף!...
און ס׳וואָלט דיך נישט געאַרט מיין יאָמערלעכער קלאָגן.
איך ווייס, דו וואָלסט אַוועק מיט זינגענדיקע טריט
אַ שטאָלצע ווי דו ביסט, און ס׳וואָלט דיך נישט פאַרדראָסן,
ווען דו וואָלסט זיך דערוווּסט, אַז ס׳האָט אַ פרישער שניט
מיין ווייטאָגדיקע האַרץ מיט הייסן בלוט באַגאָסן...
טאָ גיי, טאָ גיי אַוועק... איך וועל דיך מער נישט בעטן,
עס האָט זיך טיף דערוועקט דער שטאָלץ פון מיינע שטאַמען.
ווער ביסטו דען אַזאַ — מיין גאווה צו צעטרעטן
און הערלעכסטן געפיל פון שיינקייט צו פאַרסמען!?
דו ביסט אַ שוואַכע פרוי מיט נאַרישע געפילן,
מיט קאַלטע, פוסטע רייד, וואָס קענען גאָרנישט געבן.
דו מיינסט, אַז דו אַליין, דו קענסט זיך מערנישט שפילן
און צונעמען פון דר׳ערד, וואָס ס׳איז געבענטשט צו לעבן!
נישט אמת איז דאָס, ווייס! און זאָל עס דיר פאַרדריסן,

וואָס דו ביסט נישט אַליין אויף גאָרער וועלט פאַרבליבן!
פאַראַנען זיינען אויך, וואָס קענען הייליק ליבן,
און זייער ווייסע ברוסט פון קושן איז צעביסן...
פאַראַן איז אויך אַ זון מיט פרילינגען צעבליטע,
און קלאָרע, ערלעכע, געהייליקט-ווייסע שניי-טעג...
און פרויען זיינען דאָ, וואָס ווילן נאָך פאַרהיטן
דעם צווייטן אין זיין צער און צאַפּלדיקן וויטאָג...
טאָ ווייס, אַז דו ביסט קליין און נישטיק צווישן פרויען,
וואָס טיילן שטילע פרייד און לעבן אויך פאַר יענעם.
איך ווייס נישט ווי אַזוי — איך וועל זיך איצטער שעמען
פאַר אָט אַזאַ ווי דו מיין ליבע צו פאַרטרויען!...

נאָר ניין, פאַרגיב... פאַרגיב... איך האָב עס נישט געמיינט.
אַמאָל צו שאַרף דאָס וואָרט... מען טאָר מיך נישט פאַרדענקען...
עס האָט מיין שטומע האַרץ אַן עלנטע געוויינט, —
אַרויסגעשפּאַרט דעם ווײ פון ליידן און פון בענקען.
דערפאַר זיינען געוועזן פאַרביסן מיינע רייד,
און ס'האָט מיין הייסע בלוט אין אָדערן געזאָטן.
דיר איז דאָך גוט באַוווסט מיין אויסגעהעלטע פרייד,

ווען כ׳זאָל מערנישט דערזען דעם אָפּשיין פון דיין שאָטן...
איך וואַרט אויף דיר דורך טעג און לאַנגווייליקע נעכט
מתפּלל זיין מיט האַרץ אַזוי ווי פּאַר מאַדאָנעס.
און גוט איז מיר צו זיין אויף אַלעמאָל דיין קנעכט
און בעטן שטילערהייט פאַרגעבונג און רחמנות.
נאָר דו, נאָר דו אַליין דערקוויקסט מיך אין דיין רו,
איך זע דיך אומעטום אַ שטאָלצע און אַ דרייסטע.
טאָ זיי נישט מער אין כּעס און נעם אַצינד כאָטש צו
פון בעטנדיקן האַרץ די תּפילות מיינע הייסטע...
און דאַן וועט שטיל, איך גלויב, פאַרגיין מיין בלאַסער צער.
אַזוינע נאָר ווי דו פאַרשטייען און פאַרגיבן.
טאָ לאָז מיר ווי אַמאָל דיך ווידער הייליק ליבן,
דערבאַרעם זיך צו מיר, און דאָס זאָל זיין מיין שכר!

* * *

דו – וואָס איך האָב אַלע טעג געהאַלטן אין איין שילטן,
געהאַסט מיט טיפן ווײ און אָנגעפלאַמטן צאָרן,
וואָס האָט אין מיר געררייצט מיין דורשט דעם נישט געשטילטן,
– דו ביסט מיר אַזוי נאָנט און ליב אַזוי געוואָרן.

איך האָב געוואָלט אַוועק, האָסטו מיך נישט געלאָזן,
דאָס הייסט נישט דו אַליין, נאָר אָט דיין גרינער כּישוף,
אין וועלכן דו האָסט מיך פאַרפלאָנטערט ווי אין גראָזן,
וואָס וואַקסן ווילדערהייט אַרום דיין שטילן ישוב...

דו ביסט אַ מאָדנע פרוי: אַ שטאַרקע און אַ שוואַכע,
אַ גליקלעכע אין צער און אומגליקלעך אין פריידן.
ווען יענעמען טוט ווײ – קענסטו זיך דאַן צעלאַכן,
און ווען עס שטומט דאָס האַרץ – דאַן ווילסטו דווקא ריידן.

דו עפנסט טיף און שאַרף פאַרבלוטיקט-רויטע ווונדן,
און ס'שפּיגלט זיך דאָס בלוט אין בליק דיינעם צעשטראַלטן.
און נאָכדעם קוועלסטו אָן, וואָס דו האָסט זיי פאַרבונדן
און איינגעשטילט דעם פּיין – דאָס בלוטיקן פאַרהאַלטן...

אַזוי איז דיין פאַרלאַנג: — צוויי גליקלעכע באַגערן:
זאָל זוניקן פון פרייד, און ליידן זאָלן פרעסן!
דו צינדסט אין שטומען אויג צופרידענע אָן טרערן,
כדי מען זאָל פאַרשטיין, ווי שיין ס׳איז דאָס פאַרלעשן.

דו האַסט מיט ווילדן ברען און ווילדזיניקע ליידן,
וואָס האָבן זיך ביי דיר אין ברוסט דיינער פאַרקליבן.
— זאָל בלוטיקן דאָס האַרץ, און ווייען זאָלן שניידן,
כדי פון טיפסטן האַס זאָל שטאַרקער זיין דאָס ליבן...

און איך האָב נישט געוווּסט. איך האָב דאָס נישט באַנומען.
איך בין געוועזן אַוועק און טאָפּלט דאַן געליטן.
און ווידער בין איך דאָ צוריק צו דיר געקומען
און שטילע, ווייסע רו אויף ווייטאָגן צעביטן.

נאָר נאָענט איז מיר דיין האַס, דיין אָנגעפּלאַמטער צאָרן.
איך ווייס, איך קען פאַרשטיין: דורך שנאה קענסטו ליבן.
און ווידער איז מיין האַרץ דערפרייט אַזוי געוואָרן,
וואָס איך בין ווי אַמאָל צוריק מיט דיר פאַרבליבן.

אָ, זינדיק-פֿרומע פֿרוי, ווי גרויס עס איז דיין ווילן:
דו קענסט די שטאַרקסטע מאַכט פֿאַרכאַפּן און פֿאַרשקלאַפּן!
דו קענסט מיט שטאָלצע קעפּ זיך ווי מיט שפּילצייג שפּילן,
פֿון דיינע טיפֿסטע זינד — אַ הייליקייט באַשאַפֿן!

דו פֿילסט דיין שטאַרקע קראַפֿט, און ס'ווילט זיך דיר רעגירן.
איך גלויב דיר און איך פֿאָלג, נאָר כ'טאָר דיר דאָך נישט טרויען.
איך ווייס, צו וואָס ס'וועט מיך דער כּישוף דיינער פֿירן,
נאָר שוואַך בין איך פֿאַר דיר, אָ, הערלעכסטע פֿון פֿרויען!!

* * *

מאַכן צו זיך מײנע װיעס, מײנע לאַנגע, שװאַרצע װיעס,
און איך ליג אַזױ אַ שטילער האַלב-פאַרחלומט און פאַרטראַכט.
אױפן טײכל גײען קריעס, גײען שװערע גרױסע קריעס,
און זײ ציען זיך פאַרגליװערט, װי זײ בלאָנדזשענען אין נאַכט.

דו, דו שמײכלסט װי דער פרילינג און דו שעפּטשעסט האַלבע װערטער:
ליבער, ליבער!... בלומען... פרילינג... יונגער פרילינג קומט צו גײן —
און דורך טרערן פרעגסט צעציטערט: — װעסטו בלײבן מײן באַשערטער? —
און איך הער אין זילבער-קלאַנגען אַ פאַרכישופטן געװײן.

װיל איך גלעטן דיך און טרײסטן, װיל איך קושן דײנע אַפּלען,
פרעסן, פרעסן אין די אָרעמס דיך, מײן גאָלד-געלאָקטע קינד!
זאָלן דײנע װײסע פלײצעס אין די אָרעמס מײנע צאַפּלען,
און זאָל ציטערן דײן קערפּער װי אַ בלום פון פרילינג-װינט!

# דרוב...

## בין-השמשות

שאָטנס ציטערן און פלעכטן זיך ווי שלאַנגען.
גייען פויערים פון פעלד מיט קלינגענדיקע קאָסעס,
שפיגלט זיך אין זיי אַ ראָזער בין-השמשות; —
ווייט פאַרקייקלען זיך די ציטעריקע קלאַנגען.

שאָקלט עפּעס ווער אַ גלאָק מיט דאַרע פינגער,
ווי אַ בר-מינן דעם גוסס-טאָג באַגלייט ער;
ס'ברענט דער מערב-רוים מיט הייסע, רויטע צינגער;
פאַלט אויף שויבן-גלאָז אַ שטראַל פאַרבלוטיקט-טויטער.

רינען ריטשקעס בלוט אויף גילדערנע מזבחות...
צינדן פייערלעך זיך גרינע אין די שויבן;
פליען שטילערהייט פונאַנדער שוואַרצע טויבן —
ציען, ציען אויס אַ טונקעלן פּרוכת...

זיץ איך שטיל אַזוי און פייף און פייף אַ מידער.
אומעטיקע קלויסטער-גלאָקן קלינגען;
גייען מיידלעך ערגעץ ווייט און זינגען;
שטאַרבן איינציקווייז די קלאַנגען פון די לידער.

# טעניס-שפּיל

מיט העלער זון באַשמאָלצן איז דער ברייטער טעניס-פּלאַץ,
גלייך הויפנס רענדלעך שיטן זיך מיט גילדערדיקן קלונג.
דו בויגסט זיך אויס און שלענגלסט זיך גראַציעזער פון אַ קאַץ,
און לייכט אַזוי, און בויגעוודיק, און לופטיק איז דיין שפּרונג.

און ריטמיש איז דיין קליינער טראָט און איטלעך ריר און בויג —
אַזוי פיל ג'נויע פּינקטלעכקייט אין יעדן דריי און קער;
און ס'שטראַלט אַרויס אַ העלע פרייד פון ברענענדיקן אויג,
און פון די פונקען זוניקע צעבינדט זיך אין אַ טרער.

און ס'צערטלט זיך דיין שמאָלע האַנט מיט קרייזלדיקן שטראַל.
מיט יוגנט און מיט לויטערקייט פאַרמעסט זיך יעדער גליד.
און ס'פליט מיט שווונג מיט האַסטיקן דער זינגענדיקער באַל,
— דאַן פאַלט דיין האַנט צופרידענע, פאַרמאַטערטע און מיד.

נאָר באַלד זיך ווידער צוגעגרייט און פלינק איבעראַנייס
געטאָן אַ שפּרונג אַ קעצישן און אָפּגעפּאַטשט צוריק.
און אַלץ אַרום איז יום-טובדיק, און פרילינגדיק, און ווייס...
און ס'קוועלט אין ברוסטן מיידלשע אַ זיגערישער גליק.

און טראָפּנס טריפן זוניקע און פאַלן אויף דיין קלייד.
באַגאָסן איז מיט הימלשיין דער גאַנצער טעניס־פּלאַץ.
דו בויגסט זיך אויס און שלענגלסט זיך גראַציעזער פון אַ קאַץ,
און ס׳ווויקלט זיך – צעוויקלט זיך אַ זונטאָגדיקע פרייד!

■

# בײַ קייפּטאָון

געלאַסן-רחבותדיק דער אָקעאַן צעגאָסן.
די פלאַכן גליווערן געשמידטע פון טשוגון,
און גרוסן הילכיקע פון ווייסע אַלבאַטראָסן,
און ווייטן ליטערע באַשמאָלצענע מיט זון.

און תפילות הייליקע פאַרצאַפלטע צערינען
אויף שפיצן בערגיקע, ווי פרילינגדיקע טעג.
האָט צערטלעך אויסגעשפּראָצט דער אָכצעטער באַגינען
בײַ ראַנדן גילדערנע פון זינגענדיקן ברעג.

און ריחות ערדישע פון בערג און ווייטע פליינען
אַ ווינט אַ שיכורער האָט אויפן ים צעוויִיט.
אַזוי איז ווייטאָגדיק און ווײַנען ווילט זיך, ווײַנען
פון שטילער בענקעניש, פון צאַפּלדיקער פרייד.

באַגינענס זיבעצן געצונדן און פאַרלאָשן
אויף כוואַליעס עלנטע געשמאָלצן פון טשוגון.
געגרוסן הילכיקע פון ווייסע אַלבאַטראָסן,
און ברעגעס גילדערנע באַגאָסענע מיט זון.

■

לייבן־קאָפ (אַ באַרג אין קייפטאָן)

# סאָנעט

אַ כּישוף-גרינער וואַלד, און גרינער פּערלמוטער
אין וואַסער צינדט זיך אָן פון גרין-געדיכטן מאָך;
און ס׳צאַפּלט זיך אין לופט אַ גרינער בלעטער-פּאָך,
און ערגעץ, ערגעץ ווייט זינגט בליענדיק אַ כוטאָר.

עס דרימלען ווייטן איין, ווי ווייסע סטאַדעס שאָף.
דער וואַלד פאַרכּישופטער — אין פרילינגס אָרעמס רוט ער,
און ס׳צערטלט יעדן בוים, ווי פינגער פון אַ מוטער
אַ ווייס-געלאָקטער ווינט, אַ צאַרטער פרילינג-שלאָף.

דאַן מיטן אַלטן וואַלד צוזאַמען ווילט זיך שוויגן.
עס בליען סודות אויס אויף מאָכיק-גרינע צווייגן,
און אָוונט-טונקלקייט איז דורכזיכטיק און גרין.

עס ווילט זיך קוקן לאַנג, ווי גלעזערנע באָקאַלן
גיסט אָן די פרילינג-נאַכט מיט גרינע וואַסער-שטראַלן
און פאַרבט אין גרינעם פאַרב צעשמאָלצענעם בורשטין.

# אין שווימבאַד

ווייסע טרעפּ פון ווייס-געהאַקטן שטיין
מיט ווייכן שיין פון זילבערדיקן וואַסער.
דאָ טונקל-גרין, דאָ העלער און דאָ בלאַסער —
געפלעקט איז פאַרבן-רייך דער שוימיקער באַסיין.

דער אָוונט טוליעט זיך אַ דורכזיכטיקער-גרין,
און ס׳פליעסקען ווייסע הענט ווי ווייס-צעבליטע בלומען.
און קערפּערס גליטשן זיך — אין טונקלקייט צעשווומען —
עס הילכן טראָפּנס אָפּ צעשטויבט אין שטויבן-דין.

און שאַ און שטיל... אַ שאָרך... פון שפּריצן אַ געפּאַל,
מען שווימט אין נאַכט אַריין און האַנט צו האַנט געבונדן...
און לאָמפּן בליציקע פון עמעצן געצונדן
צעברעקלען שטויבעלעך פון לויכטנדיקן שטראַל.

ווי גוט, ווי גוט! פון ברוסטן רייסט זיך אויס צופרידענער געשריי.
ס׳איז פריי און לייכט און ברייט, ווי פערזן פריי אין לידער.
און ס׳שלאָגט אַ ריינקייט אָפּ פון שטראַלנדיקע גלידער,
און אַלץ איז דורכגעמישט אין פריילעכן געדריי.

אַ האַלבע ברוסט אַנטפּלעקט פון מיידלשן קאָסטיום,
אַ העלקייט שפּריצט אַרויס פון דאָרטן אַזאַ רייפע
פון קערפּערס שלאַנגיקע, עלאַסטישע און שטייפע,
און יעדער ווייסער פלעק – אַ קלאָרע וואַסער־בלום.

אַזוי פיל הערלעכקייט אין נאַכטישן באַסיין!
– אַן אויסגעמיש פון ליכט, פון שטראַלן און פון וואַסער.
דאָ טונקל־גרין, דאָ העלער און דאָ בלאַסער.
און בלייך צעשמייכלט זיך דער ווייס־געטאָקטער שטיין.

■

# אילאַף־סטריט

די שטאָט איז איינגעהילט אין אָוונטיקן שיין,
און אילאַף־סטריט צעברויזט — די רווישיקסטע פון גאַסן;
און קאַלטער קופּער־גלאַנץ, ווי פולע בעכערס וויין,
צעשוועבקט זיך אויף דער ערד אין זשאַווערדיקע פּ אַ ס ן...
און שקיעה פלאַקערט רויט, דער גאַנצער מערב ברענט,
און ביי די „מיינסן" — בערג ווי ווייסע פּיראַמידן...
און שטיינער, און אַספאַלט, און אייזן, און צעמענט,
און רוקנס פון גראַניט — פון שווייגנדיקע ווענט
פאַררוצן זיך אַצינד אין שקיעה־שיין אין מידן.
און אילאַף־סטריט צעברויזט מיט רווישיקן ווירוואַר,
מיט מענטשן און מיט פערד, מיט ברומיקע טראַמווייען,
מיט איילנדיקע פיס, מיט ריקשע און מיט ק אַ ר,
מיט אויגן דורשטיקע און אויגן פול מיט צער,
וואָס שרייען שטומערהייט און ווערן מיד פון ש ר י י ע ן.
און ס'קוקט אַרויס אַ פּ י י ן פון אונטער י ע ד נ ס טראָט,
אַ בלוטיקער געשריי ווערט ווילדזיניק צעטראָטן;
און תאווהדיק־צעהיצט דאָ קאָקעטירט די שטאָט
מיט טומל און געקלאַפּ, מיט הוזשעריי פון דראָט,
און ס'פלעכט זיך אויס אַ ליד פון ברומענדיקע ד ר אָ ט ן.

און מענטשישער געלאַף פאַריאָגט אויף אילאָף־סטריט
פון ענגלענדער געמישט, פון ז אַ ט ע אַפריקאַנער,
פון ברוינעם און פון דייטש, פון ק אַ פ ע ר ביזן ייד,
וואָס וואָגלט אום אַליין מיט וואַקלדיקע טריט,
און בלומען אויפן ראָג פאַרקויפט דער אינדיאַנער...
און אַ געמיש פון צער מיט בענקענדיקער פרייד
פאַרגנבעט זיך אין האַרץ מיט קלאַפן פון טראַמווייען,
און פרויען אין פאַרנאַכט צעכוואַליענען זיך ברייט
און תאווהדיקן רייץ פאַרטרויען שטילערהייט,
און אויגן שרייען שטום און ווערן מיד פון שרייען.

## אין אן אפריקאנער באַגינען

ס'איז זוניק און ס'איז לויטער דער פרימאָרגן.
עך, וואָס העלע, שטראַלנדיקע זון!
און אַזוי באַפרייט פון דאגות און פון זאָרגן —
קוואָקטשעט ערגעץ-ווו אַ לייגעדיקע הון,
און סטייעס-ווייז אין לופט צעפליען ווייסע טויבן —
אַ פאָך, אַ פּאַטשעריי, און פליגל שאָטנדיקע ווייען,
און ס'גיסט זיך אָן דער ווייַן אין גרינע טרויבן,
און רויטע קאַוואָנעס אין פעלד דערגייען.
און שיכּור איז די לופט פון צייטיקדיקע פּירות.
אַ ליד, אַ ברומעריי, אַ שירה פאַרן בורא
פון צאַרטע פלאַטערלעך, פון באַבעלעך, פון פליגן...
און ס'שפּרייט זיך אויסעט ווייט אַ ניגון —
העט-ווייט, אויף סטויגן שמעקעדיקן היי, אויף לאָנקעס פליכעוואַטע
און פעלדער געגעצן און פּיעשטשענען זיך זאַטע
מיט קאָרן בייכיקן, מיט גילדערדיקן ווייץ, מיט שווערע מילעס*).
פון רעגן און פון טוי באַטריפטע תּפילות
טריקענען זיך שטיל אויף גרינע לאָנקע-ליפּן,
און שטיקלעך שטראַלן ברעקלען זיך און זיפּן זיך און זיפּן...

---

*) מילעס — קוקורוזע.

רויט=ערד

אוי, ס'איז גוט! ס'איז זוניק-העל. ס'שמעקט אין ווייסע עפּל,
אין טראָפּנס זון, אין פרישן, קילן נעפּל,
אין גראָזן בליאיקע, אין פייכטע ראָסעס...
און ווייט צעקלינגען זיך בציבור קאָסעס:
— אַ קלונג, אַ שפּרונג, אַ טאַנץ אויף פעסטע גרונטן,
אויף קרייטעכער צעפרייעט און צעוואַרעמט,
און ס'שפּריצט אַרויס אַ פרייד אַן ערדישע פון אונטן.
און טיפע הימלען האָבן זיך אויף ערד דערבאַרעמט: -
אַ שמיר, אַ שאָט, אַ גלאַנץ פון טויזנט זונען!
צעגיסט זיך קלאָרער שיין אויף פעלדער גאַנצע עמערס
און ווערט אין שטרייפּעלעך, אין ריטשקעלעך, אין שנירעלעך צערונען
און קלינגט זיך אָפּ אין גאָלד מיט כּישופדיקן זמר.
און ס'קוועלט אַ העלע פרייד אין צאַפּלדיקע ברוסטן:
— אַ שירה, אַ געוויין, אַ לויב-געזאַנג דעם בורא!
אין חלל פריאיקן מתפּלל זיינען קוסטן
און ביימער קנאָכיקע באַלאָדענע מיט פירות.
ס'איז גרויס די שטומע פרייד ביי שרצים און ביי מענטשן,
און שרייען ווילט זיך, שרייען פון התפּעלות!
פרום מתפּלל זיין און דאַוונען און בענטשן

אין די זוניקע, די אויסגעהעלטע ווײַלעס!
טעמפּ אַרויסשרײַען מיט אַלע דײַנע גלידער
די פרייד צעכלינעטע, וואָס ריזלט זיך אין גופן,
און אַ פאַל טאָן צו דער מאַמע־ערד אַנידער
אַ צעטומלטער, פאַרשיכּורט, בגילופין,
און זיך דורכמישן מיט ערד, מיט ליים, מיט רויטע גרונטן,
מיט שפּע ערדישער, וואָס שפּאַרט אַרויס פון אונטן,
מיט בלויען הימל־שײַן, וואָס ברעקלט זיך פון אויבן,
און זיך אַליין מיט אייגענעם געשריי פאַרטויבן!
און זאָל זיך ווייט דער אויסגעשריי צעטראָגן
העט־ווײַט, אויף קופּעס היי, אויף שמעקעדיקע פעלדער.
און אָפּהילכן אין שווײַגעניש פון וועלדער
אין די זוניקע, די לויטערע פאַרטאָגן.

די קינדערלעך פון דער ערשטער יידישער
פאָלקסשול אין יאָהאַנעסבורג—געהייליקט.

* * *

פון טאַטע-מאַמעס יידישע, וואָס האָבן זיך געשעמט
מיט יידיש און פון יידישקייט געוועזן אַזוי פאַרפרעמדט —
איך האָב אײַך, ליבע קינדערלעך, צום ערשטן מאָל דערזען,
און ס'האָט אַ פייער הייליקער אין האַרצן זיך צעברענט...

איר האָט אין יידיש פשוטן צעזונגען אײַער פרייד,
זיך גלויביקע, צופרידענע אין קאַראַהאָד געדרייט,
און ס'האָט געקלונגען כּישופדיק דער קינדישער געזאַנג,
נאָך וואָס איך האָב אַן עלנטער געבענקט ווי איר פון לאַנג...

איך האָב געבענקט אַן עלנטער, און דאָך האָב איך געוווּסט,
אַז ס'צאַפּלט זיך אַ הייליקייט בײַ יעדערן אין ברוסט:
— דאָס יידיש, וואָס עס זאַפּטיקט זיך אויף ליפּעלעך באַחנט —
פון וואָס מע האָט אײַך, קינדערלעך, פון קינדווייז-אָן אַנטווינט.

פיאָנערן האָבן אויסגעלייגט פאַר אײַך אַ העלן וועג —
צו פירן אײַך דערמונטערטע צו יום-טובדיקע טעג;
דאַן האָט מיין שמחה אויפגעברויזט מיט אײַערער צוגלייך.
אַז וויל איז מיר, אָ קינדערלעך, צו פרייען זיך מיט אײַך!

## ניעמאַן פאַרנאַכט

בורשטינענע שלעסער פאַנטאַסטיש געבויטע
און עכאָס פון הילכיקע, קופּערנע קלאַנגען.
קנוילן זיך לאַנגע, פאַרבלוטיקטע, רויטע,
פּילקעפּיקע, קאַלטע, פאַרוווּנדעטע שלאַנגען...

קלינגענדיק בלוטיקע שטרייפן צערינען
אויף גילדערנע, זילבערנע, בראָנזענע טאַצן.
פאַרנאַכטיקע אויגן דערשראָקענע גרינען,
שטייען פאַרכּישופטע מירמל-פּאַלאַצן.

פלאַטערן זיידענע וואַסער-מאַרייען...
שוימיקע כוואַליעס ווי זילבערנע שוואַנען
גייען פאַרמאַטערטע, לאַנגזאַמע גייען,
בלאַנקען ווי ווייסע אין נאַכט קאַראַוואַנען.

## שנייעלעך

פליען, פליען שנייעלעך,
כ'לויף און פלי מיט זיי.
כ'לויף אויף ווייסע וועגעלעך,
אויף אויסגעבעטע שטעגעלעך
מיט ווייסן פוך און פעדערלעך,
מיט צאַרטן, ווייכן שניי.

כ'בלאָז און טרייב די שנייעלעך,
מיך קימערט זייער ריר...
זיי שווידערן און דרייען זיך,
זיי סקריפּען און זיי פּרייען זיך,
זיי שפּילן זיך אין יאָגעניש
און לאַכן-מיט מיט מיר.

און איך צעווישן פּיצעלעך,
אין טיפן, ווייכן שניי,
צאַפּל זיך, מאַך דרייעלעך,
און שפּיל זיך מיט די שנייעלעך,
איך וויל מיט זיי באַשיטן זיך,
כ'בין יונג און פריש ווי זיי.

* * *

ס׳ האָט צעבליט זיך מיין ווייסע טשערעמעכע
ביים מאָכיק־באַוואַקסענעם פּלויט,
ווי שוימיקע מילך אין אַ דאָניצע,
מיט בליאונגען ווייסע באַשנייט.

און ווינטלעך, ווי יונגינקע קעלבעלעך,
זיי זויגן די מוטערשע ברוסט...
אַן ערשטלינג צופרידענע שוועלבעלע
פליט „מזל־טוב" זאָגן דעם קוסט.

און ס׳שניידט דורך די לופט די פאַרצאַפּלטע
אַ גרינער, פאַרכישופטער בלאָז.
די ווינטלעך, ווי קעלבלעך גרויס־אַפּעלנע, —
פאַרמאַטערט שוין שלאָפן אין גראָז.

ס׳האָט צעבליט זיך מיין ווייסע טשערעמעכע
אין בלויעם פאַרנאַכטן־געצעלט,
ווי שוימיקע מילך אין אַ דאָניצע,
וואָס פאַסטעכער ברענגען פון פעלד.

## מאַי-גלעקלעך

רייס איך ווייסע מאַי-גלעקלעך,
זיפצן, וויינען זיי.
יונגינקע און פרישינקע,
שמעקעדיקע, זיסינקע,
קליינינקע ווי קינדערלעך,
צאַרטינקע ווי שניי.

פרומינקע ווי טייבעלעך,
איינגעהילט אין הייבעלעך,
טוען זיי אַ צאַפל זיך,
טוען זיך אַ ריר;
און מיט קושן ווייכינקע,
פייכט. מיט ליפן בלייכינקע
מיינע הענט באַשיטן זיי,
קושן, בעטן מיר...

טרייסט זיי שטיל דאָס ווינטעלע,
גלעט זיי מיט זיין בלאָז;
פאַלט אַראָפ אַ טרערעלע,

פינקלט ווי אַ פּערעלע,
פינקלענדיק פּאַרקייקלט זיך
טיף אין שטומען גראָז.

רייס איך ווייסע מאַי־גלעקלעך,
גלעט איך, שמעק איך זיי.
זילבער־ווייסע, רייניקע,
פינקלענדיקע, שייניקע,
ליבינקע ווי צופּעלעך,
צאַרטינקע ווי שניי.

■

## צו די ווינטן

גיט מיר כּוח, יונגע ווינטן,
כ׳וויל צוזאַמען מיט אײַך פֿליען,
כ׳וויל ווי בלומען אויף די פעלדער
שפּראָצן, וואַקסן, שמעקן, בליען.

כ׳וויל מיט אײַך זיך מעסטן לויפן
איבער ימים, הימל-רוימען;
כ׳וויל ווי כוואַליעס אַלץ פֿאַרשווענקען,
רוישן, שטיפן, ברומען, שוימען.

כ׳וויל זיך קושן מיט די שטראַלן
הייסע, פֿייערדיקע, רויטע,
און זיך טראָגן ווי איר, ווינטן,
איבער וועלטן פרייע, ברייטע.

און זיך אײַנוויקלען אין פֿייער,
זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין פונקען,
אַלץ צעצינדן, אַלץ פֿאַרברענען,
כ׳וויל אין רויטקייט אַלץ אײַנטונקען.

ברענען זאָלן רויטע וועלטן!
כ'וויל זיך שפּילן מיט די בליצן,
מיט די דונערן זיך קייקלען
אויף די הויכע פעלזן־שפּיצן.

מיט די פונקען וועל איך טאַנצען,
כ'וועל דעם חושך מיט זיי לעקן.
כ'וועל די פינסטערניש צעצינדן,
ס'וועט די נאַכט אונז מערנישט שרעקן.

אייביק — גבורה, אייביק — פרייהייט.
זאָלן פלאַטערן די פלאַמען!
גיכער גיט מיר כּוח, ווינטן,
לאָמיר בושעווען צוזאַמען!

■

# פאַרעלטערט

עס איז פאַרפאַלן שוין — איך קען זיך נישט צעבייטן;
איך ווייס נישט, ווער פון אונז עס זיינען די גערעכטע;
איך ווייס נאָר, אַז איך בענק אַמאָל נאָך אַלטע צייטן,
און אָפטמאָל לעב איך נאָך צופרידן מיטן נעכטן.

עס איז מיר ליב די רו פון עלנטע ישובים,
צוגלייך ווי ס'איז מיר ליב פון גאַסן די גערוישן,
און שיכּור ווערט מיין קאָפּ נאָך איצטער, ווען איך פרווו אים
פאַרשלעפּערן אַמאָל אין זייד פון פרויען-שויסן...

און כ'ווער נאָך אָפט באַרוישט פון ליכטיק-העלע זאַלן;
און טראָג זיך נאָך אַרום מיט פּושקינען און שעלין.
הגם עס קלינגט אַ וועלט מיט בילדער פון שאַגאַלן, —
דאָך העלטער כ'האָב געהאַט פון אַלעמאָל אַנדזשעלאָן.

און אַ געשפּאַנטער פערד, וואָס פּלאָנטערט זיך באַשיידן
אויף וועגן בלאָטיקע דורך האַרבסטיקע טומאַנען,
קאָן וועקן אין מיין האַרץ צוגלייך די זעלבע פריידן,
ווי אין דער טיפסטער הויך — דער פּאָך פון אַעראָפּלאַנען...

אַזוי איז מיין געפיל — פאַרעלטערט שוין אַוודאי —
איך רעכן זיך נישט צו די גליקלעכע פּאָעטן...
נאָר ליב האָב איך געוויס די שטילקייט פון באַלאַדע,
און ס'איז מיר אַזוי נאָנט דער ריטם פון סאָנעטן.

און זיין בין איך נאָך יונג און האָב זיך האָלט צו שפּילן...
עס איז נאָך טיף אין מיר אַן אַלטע פרייד פאַרבליבן,
און אָפּגעאַרן אומזיסט איך וויל נישט די געפילן,
און הונגעריקערהייט אַפילו קען איך ליבן...

איך ווייס נישט ווער אַצינד עס זיינען די גערעכטע.
מיט מיר איז שוין אַזוי: — איך קען זיך נישט צעבייטן.
איך לעב נאָך אָפּטמאָל היינט פאַרכישופט מיטן נעכטן,
און אָפּטמאָל ווערן נאָנט מיר, נאָענט אַזוי די ווייטן...

פאָרטרעט פון דוד פּראַם

געמאָלט פון אירמאַ שטערן

# פּאָעמעס און אידיליעס

# איך בענק...

איך בענק אזוי מיד נאָך אַ שטיקעלע שוואַרצע, צעקוואָלענע ערד,
נאָך האַרבסטיקע רעגנס אויף פעלדער און בלאָטעס אויף ענדלאָזן טראַקט,
ווו ס'שלעפן זיך מידע, צעווייקטע, פאַרשפעטיקטע, עלנטע פערד
מיט דאָרפישן אומעט באַלאָדן און פויערשער פראַצע געפאַקט.

איך בענק נאָך די יידן פון וועלדער, ווי קופּערנע יאָדלעס פאַרפעכט,
וואָס שמעקן אין פרייאיקע ריחות פון שוואָמען און וואַרעמען מאָך,
וואָס שלעפן אַהיים זיך אויף שבת דורך אָסיענדיק־ווינטיקע נעכט
און גאַרן נאָך רויקער שלווה פון שווערער, פאַרמאַטערטער וואָך.

איך בענק נאָך די טעג, ווען עס גיבן די סעדער אַוועק זייער גאָב,
און ס'ווערן די קעלערס פאַרפולט מיט אַ ווייניקער גילדערנער לאַסט,
און הימלען, זיי ווערן אַלץ נענטער און לאָזן צו דר'ערד זיך אַראָפּ,
און זון קומט צו גיין אויף אַ ווייל ווי אַ זעלטענער, חשובער גאַסט.

און דאַן ווערן שטילער די רגעס, נאָך שטילער פון ליידיקן סאָד,
נאָך שטילער פון דאָרפישן עלנט אויף האַרבסטיק־פאַרלאָזענעם פעלד.
צעוואַקסט דאַן אין וואַרעמע הערצער אַ גרויסער, דערבאַרמיקער גאָט,
און שפּרייט אַזאַ מעכטיקן גלויבן אויף גרויער, פאַרשוויגענער וועלט.

דאַן גלויב איך... דאַן גלויב איך מיט הערצער, וואָס גלויבן אמונהדיק־פרום,
וואָס זיינען מיט הייליקע תפילות ווי האַרבסטיקע קעלערס געפּאַקט...
אין טעג פון פאַרלאָזן די סעדער איך בענק אַזוי עלנטיק־שטום
נאָך יידן פון פעכיקע וועלדער אויף סופלאָזן, בלאָטיקן טראַקט.

■

## רבּ׳ יאשע און זיין גאָרטן

רבּ׳ יאָשעס אַלטע שטוב צעווישן גרינע בייטן
שטייט אָפּגערוקט אַליין פון שכנותדיקע הייזקעס.
עס בליט זיך שוין דער מאָן אין רויט-צעפלאַמטע קווייטן,
און גאווהדיקע קעפּ דערהייבן ציבעלייזקעס;
און זאַט איז שוין די ערד מיט רעטעכלעך און ריבן,
מיט גרינסן כּלערליי, וואָס צייטיקן געראָטן.
אין טיפן, ווייכן גראָז זיך צניעותדיק פאַרקליבן
צעוואַקסן קירבעסן באַבלעטערטע אין שאָטן;
און מערעלעך אַ בייט, און זאַפטיקע סאַלאַטן —
באַשפּליטערטע מיט זון, מיט פּערלדיקע טראָפּנס
אין לויטערן פאַרטאָג צעקוואָלענעם און זאַטן;
און אויפן אַלטן פּלויט — עס דראַפּען זיך די האָפּן.
ס׳אי יאָשען אַלץ אַ האַנט, פון אַלצדינג וויל ער וויסן:
— אַ בוריקל, אַ מער, אַן אוגערקע מיט פּופּן
זיך מעשה באַלעבאָס פון פּעטן בייט געריסן.
און ס׳ווילט זיך גאָר אַמאָל אַן עפּל-קוואַס פאַרזופּן
(מען איז דאָך נאָר אַ מענטש, סע קאָן זיך דאָך פאַרוועלן).
שטייט יאָשע און באַטראַכט זיין שפּעדיקן גאָרטן,
און טראַכטענדיק אַזוי עס ווערן אים געפעלן

אויף קאַלטן עפּל־קוואַס די זויערע „אַפּאָרטן".
ער קלייבט זיי דאַן פון דר'ערד, ווייל רייסן איז אַ שאָדן...
און האָפּן? – כאָטש אַ וועלט! מע זאָל עס נאָר פאַרניצן.
איז פאַרטיק אַ געטראַנק כאָטש ממש זיך צו באָדן...
פּאָליובעט ער אַזוי אין זומערדיקע היצן.
און ווען סע קומט די צייט פון פרעגלען און פון קאָכן,
ווען אוגערקעס מען שטעלט פאַרזייערן אויף ווינטער –
אַ שמעקעדיקן קראָפּ פאַר זיך און פאַר אַ שכן
אין יאָשעס גרויסן סאָד פון תּמיד־אָן געפינט איר.
– אַ דאַנק גאָט, ס'אי פאַראַן. מע קען זיך נישט באַקלאָגן:
אַ רעטעכל צו פלייש... אַ באָטווינקע אַ פרישע...
דאָס אַלץ אַליין געזייט, באַגאָסן און געצוואָגן...
און ס'רויטלט זיך שוין ווו אַ מאַלינע אַ זיסע.
ס'אי גוט, מען דאַרף עס נישט, – מע זאָל עס נישט באַדאַרפן,
נאָר קיינער ווייס דאָך נישט, וואָס ס'קאָן אַמאָל פאַסירן.
אָט, גאָר פון העלערהויט געכאַפּט אַ צוק אַ שאַרפן, –
און תּיכּף ס'אי פאַראַן מיט וואָס זיך צו קורירן:
מע טרינקט זיך אָן מיט טיי, מיט מאַלינעס פאַרבריטע,
זיך דורכגעשוויצט ביינאַכט. – די וועלט גייט נאָך נישט אונטער...

און מאָרגן צווישן גרינס פֿון קרייטעכער צעבליטע,
— מע פּאָלעט שוין די גראָז — אַ פֿרישער און געזונטער...
דאַן יעדן שטילן האַרבסט קלייבט יאָשע זיך צוזאַמען
די יאַגדעס אין אַ פֿלאַש און צוקערט איין מיט בראַנפֿן.
— אַ זעלטענער געטראַנק, וואָס שמעקט אין טויזנט טעמען,
און שטילט ווי מיט אַ האַנט אויך אינערלעכע קראַמפֿן:
— מע דאַרף אַמאָל צו צייַן, צו בויך־ווייטאָג, למשל,
אַ קאַפּעלע, אַ טראָפּ אַזוי זיך צו דערקוויקן...
נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ אין גאָרטן ביי רב׳ יאָשען —
פֿאַראַנען נאָך אַ סך פֿאַרשיידענע אַנטיקן...

און אָט, סע האָט פּאַסירט — רב׳ יאָשע איז געפֿאָרן
באַקוקן ווו אַ וואַלד מיט שטעטלשע שאַפּאַרעס,
און ביי אַ פּריצ׳ס הויף צעגליטע פּאָמידאָרן
דערזען אַ גאַנצע בייט דורך פֿלאַנקענדיקע שפּאַרעס.
זיי האָבן זיך צעשפּילט, ווי זוניקע פּאַרטאָגן
מיט ברענענדיקער פֿאַרב אין האַרבסטיקן באַגינען.
רב׳ יאָשע איז נישט קאַרג, ער קריכט אַראָפּ פֿון וואָגן
און איילט זיך ווי אַ ווינט דעם באַלעגוף געפֿינען:

— וואָס הייסט?... אַזאַ מין גליק! רב׳ יאָשע וועט נישט שלאָפן...
— אַוודאי וועט דער פאַן אַ ביסל זאָט אים געבן.
ער קען אים דאָך געוויס... נישט איינמאָל אים געטראָפן...
כמעט ווי ביי איין טיר דאָ אָפּגעלעבט אַ לעבן...
אַ שאלה צ׳ער געדענקט? — ער האָט געקענט זיין טאַטען,
זיין זיידע האָט דאָ אויך געלעבט אין דאָרף צופרידן...
— געוועזן אַ שיינער קריסט, — פון סאַמע „ריסטאָקראַטן״,
אַן אמת גוטע הארץ, האָט האָלט געהאַט אַ יידן,
און טובות זיי געטאָן, פאַרדונגען זיי די פאַכטן;
און תמיד אַזוי שטיל, אָן גאווה און באַשיידן...
אַ היפּשע ביסל יאָר, מע זאָל עס נאָר באַטראַכטן...
יאָ, האָבן זאָל ער דאָרט אַ ליכטיקן גן-עדן...
און אַלצדינג זיך דערמאָנט, זיך דורכגערעדט צוזאַמען
פון גראַפן און פון ערד, פון תבואות און פון פעלדער,
און דורכגעבלעטערט גיך דעם פלאָנטער פון די שטאַמען:
— די פריצים פון אַמאָל, די אָבות פון די וועלדער,
די יחוס און די פני, משפחותווייז, באַזונדער, —
ווען איינער האָט געלעבט, און ווען ס׳אי ווער געשטאָרבן;
דערמאָנט זיך פון אַמאָל, פון ניסים און פון ווונדער

געמיטלעך ביי אַ שנאַפּס מיט קאַרשן-זאַפּט פאַרפאָרבן.
און זיך אַזוי צעהיצט, די משקה האָט צענומען —
געזעסן און גערעדט און טאַקע זיך פאַרזעסן.
ביז עמעצער פון שליאַך איז רופן שוין געקומען: —
אָן גאַנצן ענין וואַלד בעת-מעשה זיך פאַרגעסן...
— רב׳ יאָשע, וואָס אי דאָס? סע ווערט אונז שפּעט צו וואַרטן.
איר קאָנט זיך פאַר אַ גראָז, מישטיינס-געזאָגט, פאַרקויפן...
נאָר יאָשע וויצלט זיך: — אָ, ווייס איך, וואַרטן, שמאַרטן,
נישקשה, האָט געדולד, דער וואַלד וועט נישט אַנטלויפן!...
און שווייסיק און צעשטראַלט אַזוי ווי אַ באַנייטער,
מיט שמחה און מיט ברען די טיפע אויגן גלאַנצן;
מען זעצט זיך שוין אין פור, מע פאָרט אינאיינעם ווייטער,
נאָר ס׳רופען אים נאָך אַלץ די וווּנדערלעכע פלאַנצן:
— וואָס גיכער צו דער היים ווי קומט מען שוין צו פאָרן!
עס גלוסט זיך אַזוי שטאַרק די שפּראָצונגען פאַרזייען.
ס׳אי גאָר אַ קלייניקייט — אין ליטע פּאָמידאָרן!
אַ פּריץ — וואָס ער קאָן! געבראַכט אַזש פון ראַסייע!...
און ווידער קנוילט דער וועג צוזאַמען זיך מיט רעדער,
סע ברענט דער האַלבער טאָג, און ס׳לאָקן בלויע ווייטן.

מיט פּירות צייטיקע באַלאָדן שטייען סעדער
אין שלעפּעריקן דאָרף ביים וועג פון ביידע זייטן,
און צווייגן הענגען שווער מיט רייפע „זלאַטאָבערן",
מיט עפּל כלערליי, מיט זאַפטיקע „ראנעטן".
מען קערט זיך אום אַהיים פאַרמאַטערט מיט די שטערן,
און ריחות פונעם פעלד מען ברענגט אין אָוונט שפּעטן...
און באַלד צעגיסט זיך שאַרף פון פאַפּאָרטניק געררוכן,
פון שוואָמען און פון מאָך, פון טריפנדיקער סמאָלע.
מען זעצט זיך אַרום טיש די וועטשערע פאַרזוכן;
שוין אויסגעשפּאַנט די פערד ביים האָבער אין סטאַדאָלע.
און ס'שמעקט אין שוואַרצער נאַכט, אין קרייטעכער און טויען.
מען שמועסט נאָך ביז שפּעט, מען איז אַזוי צופרידן,
און יעדערער זיין פרייד וויל עמעצן פאַרטרויען —
רב' יאָשע פון זיין זאָט, און פון דעם וואַלד — די יידן.

נאָר גליקלעכער אַ סך איז אַלעמאָל רב' יאָשע,
ווען ס'גייט אַוועק אַ וואָך, און ס'קומט אָן דער באַגינען
פון שלווה און פון רו, פון הייליקע שבתים,
ווען תפילות רינען פרום און דורכזיכטיק צערינען

אין אָנהייב שטילן האַרבסט מיט זילבערדיקן נעפּל,
ווען ס'קוקט זיך דורך אַ זון מיט ברעקלדיקע שטראַלן,
און סעדער שמעקן הייס מיט רייפע, ווייסע עפּל,
און צווייגן קוועלן אָן, און זאַטע פּירות פאַלן...
דאַן שטייט ער אויפעט פרי און גייט אַרויס אין גאָרטן.
ס'אי טונקל נאָך די ערד, סע הייבט נאָר אָן צו טאָגן,
דער הימל איז באַזוימט מיט שטראַלנדיקע באָרטן
און יעדעס גראָז און בלאַט – אין טויען פריש געצוואָגן.
אַזאַ מין שטילע פרייד פאַררוט זיך אויף די בייטן.
די פלאַנצן צייטיקן באַפּאָלעט און באַשאָרן;
און איינגעטונקט אין גרינס, ווי העל-צעפלאַמטע קווייטן,
דערגייען שטילערהייט די רויטע פּאָמידאָרן.
דאַן קוועלט ער אָן פון פרייד, וואָס שפּאַרט פון אַלע זייטן:
פון האַרצן און פון דר'ערד, פון קעלמישן און צווייגן.
און ס'טראָגט זיך אַזאַ גליק אַרום אין טיפע ווייטן;
און אַלצדינג האָרכט זיך צו צום שבתדיקן שווייגן.
און ס'שטומט אַ גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט רבֿ' יאָשען –
אַ שווייגעניש צעטריפט מיט צאַפּלדיקע פריידן...
און אָט, אין יענע טעג, אין רויקע שבתים –

סע ווילט זיך גאָרנישט טאָן און גאָרנישט ווילט זיך ריידן.
אַזוי, פון אינדערפרי פאַרקליבן זיך אין שאָטן,
צעלייגט זיך אין דעם גראָז צעקוואָלענעם און שטייפן,
באַטראַכט די רויע ערד צעאַקערטע פון קראָטן,
די פּירות און די גרינס, וואָס צייטיקן און רייפן;
און ס'שמעקט אין אָנהייב הערבסט, אין אלולדיקע ווינטן.
ס'אי זוניק נאָך דער טאָג, נאָר עפּעס איז שוין קילער.
— כע-כע, שוין אלול באַלד, דער זומער שוין פון הינטן...
ער זיפצעט אַזוי טיף אַ בענקענדיקער, שטילער...
נאָר שפּעטער קומען אָן די אייניקלעך צום אַלטן, —
די איידעמס מיט די שניר אין שטיבל אָנגעקראָכן.
רב' יאָשע נעמט זיך דאַן צו וואָס ער האָט באַהאַלטן
פאַר שבתדיקע געסט אין טעג פון אינדערוואָכן:
ער גייט צו צום קאָמאָד און עפנט די שופלאָדן,
אַ ריח שפּאַרט אַרויס אַ וואַרעמער פון דאָרטן:
פון ווינטער-גרעט און אויבסט, פון סאַמע בעסטע פלאָדן...
און ס'וואַקסט אויס אויפן טיש רב' יאָשעס גאַנצער גאָרטן:
— אַן עפּל און אַ ריב, און כל-המינים באַרן,
וואָס שפּריצן פעט מיט שמאַלץ און ציען צו דעם גומען...

און קינדער צום קאָמאָד, זיי שפּאַרן זיך און שפּאַרן:
זיי ווייסן, אַז פון דאָרט די גוטע זאַכן קומען.
און יאָשע אַזוי ברייט אַן אוגערקע צעשניטן,
דאָס אַלעמען צעטיילט צו פּענעצלעך, צו שטיקלעך.
מיט קליינוואַרג פול דאָס הויז, און ער אַליין אינמיטן,
זיין בלאַסער פּנים שטראַלט און שמייכלט אַזוי גליקלעך.
ער ווייס שוין ווי און וואָס די כּיבוד צו פאַרטיילן...
און ווייבער זיצן מאַט און ווערן מיד פון זיצן,
און עפּל אָן אַ שיעור מע האַלט נאָר אין איין שיילן,
ביז וואַנעט ס׳ווערן קיל סוף־זומערדיקע היצן.
דאַן הייבט מען זיך צו גיין אַהיים שוין אָן צו גרייטן:
אַ שבת׳דיקער טאָג אַ גאַנצער אַ פאַרבראַכטער.
גייט יאָשע נאָך אַרויס די אייניקלעך באַגלייטן
און קערט זיך אום אַהיים צו מעריב אַ פאַרטראַכטער:
ער פילט דעם שטילן סוף פון זיך און פון זיין גאָרטן...
און אומעטיק עס ווערט אין האַרצן ביי רב׳ יאָשען.
פון פעלדער ציט שוין שאַרף מיט גילדערדיקן אָסיען,
און ס׳פאַלן אַזוי טעמפּ די צייטיקע „אַפּאָרטן".

■

# ז ו נ ט א ג

## 1

באַגינען האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שמעטערלינגען ווייסע רייען ——
בליעכצן באַזילבערטע פון קאַרשן און טשערעסנעס.
קיל און שטיל אַזוי און פייכטער איז דער אָטעם יעסנעס,
פונקט ווי אָטעמען עס וואָלטן בלייך-צעבליטע שנייען.
און דער טאָג זאָגט צו צו זיין אַ זוניקער, באַגולטער:
נישט איין שפּרענקעלע און וואָלקנדל, אויף רעגן איז נישט קאָנטיק.
ווילליונגעריש און יום-טובדיק מיט גרינע, ברייטע שולטער
ליגט זיך שטיל און רחבותדיק דער פריצישער מאַיאָנטעק.
— אַ שטוב אַ גרויסע, הילצערנע פון רייכע באַלעגופן,
מיט אַ דאַך אַ שטרויענעם, וואָס גילדערט אונטער שטראַלן,
און פענסטערלעך פּירקאַנטיקע, ווי אויגן שוואַרצע רופן
פון ווייטן מידע פוסגייער, וואָס כאַפּטעס הינט באַפאַלן.
און ביי דעם דאַך דעם שפּיציקן עס קומען זיך צוזאַמען
פון האָלץ געטאָקטע פערדן-קעפּ צוויי — איינער קעגן צווייטן
מיט גריוועס לאַנג-צעקודלטע, געהאַט ווי פון איין מאַמען:
פון תמיד-אָן זיי חלומען און וואַנדערער באַגלייטן.
און דאָס הויז דאָס הילצערנע, דאָס גרעסטע אין דער געגנט, —

באַצירט מיט דינע שניצונגען, געזימסן און קאַרניזן,
די קלעצער אויסגעוואַשענע און גרויע, פייכט באַרעגנט.
עס שטייט צעווישן קאַרליקעס, געבוירן ווי פון ריזן.
אַרום: — די שטאַלן, שייערן, קלעהימעשן און קלייטן —
אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון הילצערנע בודינקעס.
די ריינסטע ווייץ אין זאַסיקעס און גרינסן פולע בייטן,
און האַרבסט-עפל רויט-באַקיקע ווי שטיפערקעס — מוזיקעס...
און אין די קלייטן טונקעלע — די בעסטע בינטלעך לאַקסן
און „צערקעס" בונטע, פאַרביקע און סאַמע דינסטע ליינען.
אַליין געשפונען פעדעם-ווייז, פון פעטער ערד געוואַקסן,
פון שוואַרץ-ערד זאַפטיק-שיכורער ווי שוימיק-אַלטע ווײַנען.
און סקרינעס, קופערס דעמבענע מיט אויסשטייערס געפאַקטע,
פאַר די טעכטער פריצישע געהיט פון כמה-יאָרן.
און יונגען שטייפע, פלייציקע פון שטויביק-ווייטע טראַקטן
אין זונטאָגן צעזונגענע זיך שדכענען פאַרפאָרן.

## 2

דאָס הויז צעטיילט פֿון אינווייניק אויף צוויי באַקוועמע שטיבער:
איין האַלבע פֿאַר דעם הויז-געזינט, די צווייטע אַ „סעקלֿיצע"—
פֿאַר געסט און רייכע פּויערים, וואָס קומען דאָ אַריבער...
זי שטייט און וואַרט אויף זונטאָגן ביז שפּעט-נאַכט אויף די פּריצים,
נאָר אין די טעג די וואָכיקע — פֿון תּמיד-אָן פֿאַרשלאָסן.
אַזוי מיט שטילער בענקעניש פֿאַרקריכט אַהין באַגינען,
און עפּעס אַזאַ רויִקייט אַ טונקעלֿע צעגאָסן,
און מערנישט שקיעות קופּערנע אויף שויבן-גלאָז צערינען.
געדיכט וואַזאָנעס אָנגעזייט ווי שאָטנדיקע וועלדער.
די פֿענסטערלֿעך באַפֿלאָכטענע מיט פֿלאַנצונגען און צווייגן.
און ריחות קילֿע, האַרבסטיקע ווי ריחות פֿון די פֿעלֿדער
צעגיסן זיך, צעמישן זיך מיט טונקלֿקייט און שווייגן...
און אין דעם ווינקל מאַטאָוון די „מאַמע" הענגט צעהאַנגען
מיט אויגן ברייט-צעעפֿנטע, ווי עמעצן זיי זוכן,
באַשטעקט מיט בלֿומען טרוקענע, מיט גראָזן און מיט זאַנגען,
וואָס שלֿאָגן אָפּ אין הייליקע פֿאַרסודעטע געזוכן.
אַ קיילֿעכדיקער טיש אַזוי אין מיטן קאַמער שטייט ער.
עס קוקט אַרויס זיין שווערע פֿוס, די איינציקע פֿון אונטן.
פֿון מיידל-הענט לֿיגט אויסגעשפּרייט אַ טישטוך אַ באַשנייטער,

— דערמאָנט אָן עפּעס קרעפּטיקן, אָן פּשוטן, געזונטן!...
און שטולן פֿיר פֿאַרגליווערטע, זיי שטייען בײַ די זײַטן,
פֿון מאָנטאָג־אָן אַװעקגעשטעלט — אַזוי די גאַנצע וואָכן.
און שאָטנס דינע וויגן זיך און ציטערן און פֿאָכן,
ביז וואַנעט געסט פֿאַרפֿאָרן דאָ פֿון טיפֿע, בלויע ווײַטן.

### 3

אַ זונטאָג-טאָג אַ גילדערנער, מיט זונען-גאָלד באַשמאָלצן,
באַשפּליטערט ווי מיט בלעטעלעך פון שטראַלן העלע שטיקלעך.
און פויערים באַגעגענען דעם מאָרגן אַזאַ שטאָלצן,
וואָס שמייכלט אַ דערבאַרעמטער פון אַלע זייטן גליקלעך.
מע גריסט זיך און מע „סווייקעט“*) זיך צופרידן — „גיאָראַ דיענאַ“**),
און פויערים ברייט-האַרציקע פאַרפּיפקענען די פּיפּקעס.
פון זונטאָגן פאַרצאַפּלטע, ווער ווייס דאָס נישט פון יענע,
ווען אין קדושה-הייליקייט פאַרזינקען אַלע שטיבקעס,
און ווען די וועגן טרוקענע פאַרמעסטן זיך מיט פורן,
מיט שיקסעס רויטע, ברוסטיקע און שקצים ווי די לייבן!
פאַרקייקלען זיך אין טיפער ווייט פון רעדער לאַנגע שפּורן
און הינטן — וואָלקנס זילבערנע פון דורכזיכטיקע שטויבן.
צום תפילה-הויף פאַרפאָרן זיי, די דאָרפישע יונגאַטשעס:
געזונט און שטאַרק און יאָדערדיק — דער אָטעם פון אָקטאָבער!
צעשפּאַנען זיי די אָגערן די שוימיקע, די קליאַטשעס,
און שיטן אָן די טאָרבעס פול מיט ריין-געזיפּטן האָבער.
און „דאָבאַלעס“ געשניטענע צעשפּרייטן פּאַזע שטיבער

---

*) „סווייקעט“ זיך — באַגריסט זיך.
**) „גיאָראַ דיענאַ“ — גוטן טאָג.

מיט הויפּנס, נישט געזשאַלעוועט, וואָס שיכּורן און שמעקן.
— אַן עסק! ווענען קימערט עס, אַז ס׳בלייבט אַ ביסל איבער?
— פאַר גויעס, אַלטע קלייבערקעס, פאַר אַלעמען זאָל קלעקן!
און טאַקע נאָך דער תּפילה באַלד זיי נעמען זיך צעשפּרייטן,
די אַלטע, מידע בעטלערקעס און גראַבענען די הייען:
מע גייט געבויגן, הויקערדיק פון איין וואָגן צום צווייטן,
צעווישן בריטשקעס פריצישע צעשטעלט אין לאַנגע רייען.
און ווידער הילכן קלינגענדיק אויף קרייז-וועגן און שליאַכן
די גלעקעלעך פאַרפּישופּטע און מיידלשער געלעכטער.
און שיקסעס רויטע, ברוסטיקע צעזינגען זיך און לאַכן.
אָ, די שיקסעס יאָדערנע — דעם דערפלס יונגע טעכטער!
און ווידער ווערן אויפגעלעבט די טונקעלע „פּאָקאָיעס".
עס אײַלן זיך די פּויערים און פייפן מיט די לייצעס.
מיט סטעזשקעס שמאָלע אויסגעלייגט פאַרמאַטערט גייען גויעס,
— פאַרקאַשערן די ספּאָדניצעס — קאַמאַשן אויף די פּלייצעס...
און פּיס געזונטע, באָרוועסע, וואָס טומלען און וואָס רייצן,
צערינען צווישן זאַפּטיקע און פעטע, נאַסע גראָזן.
באַגלייטן פורן איינציקווייז די גרוי-באַמאָכטע קרייצן,
וואָס בלייבן אַזוי עלנטיק פון אַלעמען פאַרלאָזן.

## 4

אין הויז איז פריילעך-לעבעדיק און יום-טובדיק געוואָרן.
עס האָבן אַלע אומגעקערט אַהיים זיך פון „באָזשניצע",
מיט אורחים — געסט בכבודע, וואָס זיינען דאָ פאַרפאָרן;
און ס'האָבן ברייט צעעפנט זיך די טירן פון „סעקליצע".
אַ שטראַל האָט זיך אַריינגעכאַפּט, צעברעקלט זיך אין בליצן,
געציטערט אויף די שויבן-גלאָז, געקיצלט אַ געלעכטער...
צוויי שקצים באַלעבאַטישע, זיי רוען זיך און שוויצן —
אַנטקעגן זיי אַוועקגעזעצט סע האָבן זיך די טעכטער.
מען זיצט אַזוי באַשיידענע, מען קוקט זיך אין די אויגן,
און עפּעס ווערט די רויִקייט אין בענקעניש צעגאַנגען,
דאַן ווערן באַקן מיידלשע מיט רויטן פלאַם באַצויגן,
און פּירות, כּיבוד דאָרפישע מען הייבט אָן צו דערלאַנגען:
— אַ זיפּ אַ פולע בייכיקע מיט אויבסן אָנגעריסן,
מיט עפּל רייפע, זאַפטיקע און בלוי-באַטויטע פלוימען.
אַ ריח פון אַ סאָסנע-וואַלד נעמט פלוצים זיך צעגיסן
אין חדר אַזאַ וואַרימער, ווי זיסע מיידל-טרוימען.
— „קורליאַנדסקע באַרנעס" גליווערן פאַרהאַרטעוועטע, גרינע,
נאָר ווי מען נעמט אין מויל אַריין — אָט ממש זיי צעגייען!
און „פּאַפּינקעס" און „האָזן-קעפּ" און אמתע „שטאַטינע"....
פאַרוויטלטע און בערדיקע און קאַלט ווי ווינטער-שנייען.
און עסנוואַרג אַ פולער טיש, פון וואָס אַ מויל קען ריידן:

„פּעטשאַ” אַ שיסל ליימענע פֿאַרגליווערט ווי אַ לעבער,
און פּוטער, קעז געטריקנטע און ווייכע קעז – פֿאַרשיידן...
אַ קאַלטער קוואַס אַ ווייניקער, וואָס שפּאַרט און שיסט פֿון צעבער!
און פרישע ווורשט געראָטענע, גאָר זעלטן צו געפינען –
אַ טעלער קאַלטן חזיר-פליש, אַ שטיקל פּעטע שינקע,
געקאָכטע און געבראָטענע, אַזש ממש שפּייעכץ רינען!
און אוגערקעס געזייערטע און בראַגע צו פֿאַרטרינקען.
אַ קילער אָטעם האַרבסטיקער צעגיסט זיך אין דעם חדר
פֿון סעדער, פּירות צייטיקע, פֿון עפּל „באָראָווענקעס”.
און אויסגעפּוצט און אָנגעטאָן אין יום-טובדיקע קליידער,
זיצן שטיל געלאַסענע די דאָרפישע פּאַניענקעס.
ביז וואַנעט מערב בלוטיקער פֿאַרוויקלט זיך אין פלאַמען,
און די לופט הייבט וואָכעדיק אָן שמעקן שוין אין מאָנטאָג.
דאַן ווילן נישט די בחורים צו-גאַסט זיך לאַנג פֿאַרזאַמען: –
אַ שמיץ די פערד די ברעניקע – פֿאַרלאָזן דעם מאַיאָנטעק.
און ווידער שטיל און סודותדיק, סע שמעקט מיט אינדערוואָכן.
דאַן מאַכן זיך די טירן צו פֿון טונקעלער „סעקליצע” –
אַ מאָדנע שאַרפע ביטערקייט, אַזוי ווי טשעמעריצע,
און שאָטנס לאַנגע וויגן זיך און ציטערן און פֿאָכן...

# „וואַלד-טאָרגעס"

## 1

## דער שליאַך

פון פוסטשע ביז פאַגעגאַלע – אַן ערך אַ וויאָרסט דרייצן,
– אַ ברייט-צעלייגטער גאָסטינעץ, אַוש ביזן וואַלד פאַרשניטן.
ישובניקעס, זיי בינדן אַיין אין טאָרבעס די אָקרייצן
און ס'ציען זיך אין טיפן שניי אַ שליטן נאָך אַ שליטן.
פאַראַן אַפילו נאָך אַ וועג – אַ נעענטערער און ברייטער,–
מע קאָן אַמאָל אין אַיילעניש אַ פּאָר וועיאָרסט פאַרשפּאָרן,
נאָר פול איז ער מיט גרעבענער, מיט פושנעסן פאַרשנייטע,
און ס'פוילן זיך די פויערים מיט יענעם טראַקט צו פאָרן.
אַזוי, אַז ביז פאַגעגאַלע – איז פאָרט איין וועג געבליבן.
– אַ חשבון גאָר אַ פשוטער. דאָס וויסן אַלע זיכער:
אַ זעקס וועיאָרסט ביז מעזישעק, פון מעזישעק – נאָך זיבן,
נישטאָ זיך וואָס צו קוואַפּענען אַהיים צו קומען גיכער.
נישקשה, מע ט'ניט אַיינוואַקסן, נישט בלייבן שטיין אין מיטן.
בעצם גאָר אַ קליינינקייט – סך-הכל אַ וויאָרסט דרייצן...
און שליאַדן וויסע קנוילן זיך, און קאַלטע שנייען שיטן,
און באַלעגאָלעס טשמאָקענען און פייפן מיט די בייטשן:

הו־האַ! אַ טומל ראַשיקער נעמט הילכיק זיך פאַרמעסטן.
מע פאָרט אויף שניי געפאַלענעם אין זויבערע פאַרטאָגן.
מע טוליעט זיך אין פעלצן אַיין ווי ראָבן אין די נעסטן,
און קולות אויסגעטשוכעטע ווייט נעמען זיך צעטראָגן.
ס'אי פול דער שליאַך מיט פויערים, מיט שליטנס און „פורמאַנקעס".
ישובניקעס ברייט־פלייציקע — פאַגעגאַלער פּראָסטאַקעס...
און סוחרים אָפּטמאָל קומען דאָ באַקוקן די „דעליאַנקעס",
און ס'טרעפט אַמאָל פאַרבלאָנדזשענען מאַרטינישקער בורלאַקעס.
מע ווייס זיך און מע קאָן זיך שוין אַרום אין גאַנצער געגנט.
דאָ האַלט מען נישט פון גבירישע, מיוחסדיקע שטאַמען.
אַזוי ווי ברידער לייבלעכע — אָט ווי זיך נאָר באַגעגנט:
מע שטעקט שלום־עליכם אָפּ, און באַלד מע פאָרט צוזאַמען.
דער וועג איז דאָ פאַר אַלעמען, שוין גוט באַקאַנט די שטרעקעס.
מע קריכט אַריבער איינציקוויז צום שכן אין זיין שליטל,
די פיס זיך וואַרעם אַיינגעדעקט מיט ווילעקענע דעקעס,
און טיף איבער די אויערן אַרויפגעשלעפּט דאָס היטל,
אַז מערנישט נצוער זעצן זיך און אָפּטמאָל — בלויז די שפּיצן
(נאָך דעם דערקאָנען פויערים, דער פּראָסט צי איז געפאַלן)...
און שינעס אָפּגעשייערטע צעזינגען זיך און בליצן,

און יונגע זשרעבצעס הירזשענען און בענקען נאָך די שטאַלן.
דאַן הייבן זיי ווי רוחות אָן צו טראָגן אין די ווייטן,
סע שניידן זיך די לייצעס אַיין אין פינגערס ווי רצועות,
און ס'שפּריצן פונקען גילדערנע מיט שניי פון אַלע זייטן,
און סוחרים זיצן אַיינגעפּעלצט, פאַרטיפט אַזוי אין שמועס:
– וווּהין און וואָס און ווי אַזוי? – פון וואַנעט פאָרן יידן?...
– אַ ווינטער היי־יאָר פריאיקער – אַ סימן נישט קיין גוטער...
געדענקען גויים דאָרפישע שניי ערב די ירידן,
און איינמאָל עפּעס שבועות־צייט געטראָגן האָט מען פוטערס.
עס זיינען אויסגעפראָרן דאַן געוואָרן אַלע פעלדער...
שוין שווער זיך צו דערמאָנען גאָר: פאַרביי אַ שטיק מיט יאָרן.
האַ? – דאַכט זיך ביי מאָסטאָוויטשן געשניטן דאַן די וועלדער?
– אַוודאי אַ יאָר זיבעצן פון דאַמאָלסט־אָן געוואָרן.
מע הייבט אָן צו באַרעכענען, די יאָרן זיך דערמאָנען
נאָך כּלערליי פּאַסירונגען, נאָך וועלדער און נאָך שכנים:
– אַ זעקס יאָר אין פּאַליונעשיק, אַ דריי יאָר ביי סטאַפּאָנען,
און זיבן יאָר שטאַנאַנער וואַלד... היינט וויפל איז אין איינעם?
מען חשבונט און מען ספקעט זיך, ביז וואַנעט ס'ווערט דערעסן:
– צי זעכצן יאָר, צי זיבעצן – אַ קליינע נפקא־מינה.

מע קריכט אַראָפּ פון קאָזלעסן, פון וואַרעמע געזעסן,
און שטעגן פאַזע גאָסטינעץ מע הייבט אָן צו געפינען.
און שליטנס שווימען פאַרביקע באַשאָטענע מיט שנייען,
און ס׳לויפן נאָך די פויערים פאַרפושנעט און פאַרפראָרן,
ביז פלוצים הענער שטעטלשע צעזינגען זיך און קרייען —
אַ סימן ביז פּאַגעגאַלע מען איז שוין באַלד דערפאָרן.

■

## 2

## פ אַ ג ע ג אַ ל ע

פאַרטאָג אַ ווייסער, שנייאיקער, אַ גרייז־געלאָקטער זקן.
דורך נאַכט אַ פולע אָנגעשנייט אויף וועגן און אויף מאָרגעס.
און ראָבן אויסגעטשוכעטע צעשרייען זיך דערשראָקן —
מע הייבט זיך אין פאַגעגאַלע אָן גרייטן צו די „טאָרגעס".
פון יעמלט־אָן, ווי אויסגעבויט דאָ האָט זיך נאָר דער טאַרטעק,
און ס'האָבן מיט די וועלדער זיך די „פילשטשיקעס" צעזעגנט,
און מיט דער אַרבעט אייליקער געוואָרן איז מען פאַרטיק —
אַזוי האָט תיכּף אויפגעלעבט אַרום די גאַנצע געגנט.
דאָ האָט אַ טראַקט זיך אויסגעלייגט, אַ וועג אַרום אַ ברייטער,
מע האָט אַ ליניע דורכגעפירט, געשניטן לאַנגע שפּאַלן.
געוואַרט אַזוי מיט אומגעדולד אויף אָוונטן פאַרשנייטע,
אויף קאַלטע שנייען פוכיקע, וואָס צאַפּלען זיך און פאַלן.
און עפּעס איז פאַגעגאַלע אין ברויט געוואָרן זאַטער.
— די יידן פשוט ווייסן נישט אַווּ זיך צו צערייסן.
און גאַנצע טעג און אָוונטן פאַרעקשנט שניידט דער גאַטער,
און בראַקערס שיקן דאָס געהילץ וואַגאָנעס־ווייז קיין פּרייסן.
און ווי נאָר שליטנס דאָרפישע מיט שקצים — באַלעגאָלעס

צעציען זיך אָבאָזן־ווייז אויף וויאָרסטן און אויף מיילן,
אַזוי צעפּראַלן טירן זיך פון טונקעלע סטאַדאָלעס,
און שלייקעס גרינגע, פריצישע, צום וואַלד זיי נעמען איילן.
די וואַלד־סוחרים פאַרפאָרן דאָ, די שטעטישע נגידים, —
מיט פעלצן אײַנגעפּעפּערטע און קאָלנערס ווי די בערן,
מיט לאַנגע בערד צעשפּאָלטענע ווי יום־טובדיקע יידן.
מע פירט זיך אַזוי רחבותדיק, מע וויל זיך לאָזן הערן.
— אַ רובל שפּילט קיין ראָלע נישט. פאַראַן פון וואָס צו טיילן.
מע רופט צוזאַמען פויערים, מע גיט זיי צו פאַרדינען,
און קוויטלעך, שווער־פאַרהאָרעוועט, מע האַלט נאָר אין איין ציילן —
אַזוי דורך לאַנגע וואָכן און אָפטמאָל ביז באַגינען.
צעקנעפּלט מען די פוטערן, די וואָלענע פּידזשאַקעס.
סע קומען זיך צוזאַמען דאָ די שטעטלשע שאַפּאַרעס.
און שווייגעוודיק, הכנעהדיק עס וואַרטן די בורלאַקעס:
מע בענקט שוין נאָך אַ וועטשערע, נאָך אויסגעבעטע נאַרעס,
נאָך ווייבער פּעטע, ברוסטיקע, וואָס וואַרעמען און בריען,
נאָך בולבעס אײַנגעטושעטע מיט ברויט פאַרטריקנט־האַרטן,
און רגעס אַזוי לאַנגווײַליק, זיי ציען זיך און ציען,
און פויערים פאַרחלומטע, זיי קענען נישט דערוואַרטן...

פאַרציען זיי די ציבעקעס און כראַקענען און שפּייען,
מע זיצט אויף שוועלן אויסגעזועצט, אויף בלאָטיקער פּאָדלאָגע,
און וואָלקנס רויך דורך נאָזלעכער זיי שטופּן דורך און זייען,
פאַרקלערט אַזוי און לאַנגווייליק מע ציילט די טעג צו חגא, —
ביז וואַנעט דער „פּאַן-קאַסיר" הייבט דאָס געלט שוין אָן צו צאָלן.
מע כאַפּט זיך אויפצעט ווי פון שלאָף, אַ צי אַראָפּ דאָס היטל,
פאַרקוועטשט אין פויסט אין ערדיקן דאָס מולדיקע קוויטל, —
און ווידער קאַלטע פושנעסן און שנייאיק-ווייסע טאָלן.

## 3

## דער יד-אחת

ביי זרחן פּאַגעגאַלער — אַזוי ווי אויף ירידן.
פּאַרטאָן, אָהאָ, מע האָרעוועט! מע לייגט זיך גאָרניט שלאָפן.
מען וואַרט אויף סוחרים שטאָטישע, אויף אָנגעפּעלצטע יידן —
מעת-לעתן גאַנצע נאָכאַנאַנד די טירן שטייען אָפן.
שוין קרוב באַלד צו חנוכה. פּאַרשנייט שוין ווייס די מאָרגעס,
אין הויז אין באַלעבאַטישן מען האַלט זיך אין איין גרייטן.
— אַ דאַנק גאָט, אין אַ נאָווינע ס'קומען אָן די „טאָרגעס" —
און אויגן קוקן דורשטיקע אויף גאָסטינעץ פּאַרשנייטן.
אַ גאַנצע נאַכט אַ שלאָפלאָזע, מע רוימט זיך און מע פּראַוועט.
נישטאָ קיין צייט נישט אויף אַ האָר, אַ גרויל מע איז פּאַרנומען!
צעטראָגענע, פּאַרהאַוועטע מע לויפט אום אין איין זאַוועט:
— אַ קליינינקייט? צו אָוונט-צו די סוחרים דאַרפן קומען!
און קודם-כל אין קאַמערן די אויוונס נעמט מען הייצן
מיט גלעבעס האָלץ בעריאָזעוון, מיט סאַמע גאָלע „פּלויסקעס",
און באַלד אַזאַ מין וואַרעמקייט נעמט גיסן זיך און פּלייצן,
די שייטלעך האָלץ צעברענען זיך און פּייפן ווי „פּאָדוויסקעס"...
דאַן נעמט מען צו די דובלט זיך. מע טענהט שוין באַצייטן:

— ווער ווייס ?... זאָל נאָר נישט אײַנפרירן... סע זאָל נאָר זײַן געראָטן —
און שוואַרצע קוילן אויסגעלייגט צו צוויי פון בײדע זײַטן,
מיט קלאָרער וואַטע אויסגעבעט, מיט שפּיילגענעס באַשאָטן
(אַ מיטל אַ געזיכערטער פון פראָסט, ווי ווײַבער האַלטן).
פון צײַטונגען געקליבענע מען שנײַדט אָן לאַנגע פּאַסן,
מיט פּאַפּ זיי גוט אַרומגעשמירט, מע קלעפּט אַרום די שפּאַלטן, —
ביז וואַנעט מאָרגן פריאיקער אין מזרח נעמט זיך בלאַסן.
פאַררוקט מען דאַן אין הייסן זשאַר אַ וועטשערע אַ זאַטע,
מען שטעלט אַרײַן לכבוד געסט אין קאַכלע טיי אַ דרומל,
די זאַסלינקע די הילצערנע פאַרשטעקט שוין מיט אַ שמאַטע.
און עפּעס נעמט זיך אײַנשטילן דער אָנגעטויבטער טומל.
מען הויבט זיך אָן באַרויקן, דער מזרח נעמט שוין טאָגן.
דער דרויסן אַזאַ בייסיקער. בײַנאַכט האָט גוט געפראָרן.
עס שטייט דאָס הויז דאָס הילצערנע מיט פּושנעסן פאַרטראָגן
און וואַרט אויף אורחים חשובֿע, וואָס דאַרפן דאָ פאַרפאָרן.
מע וואַרט אַזוי מיט אומגעדולד מיט אויסגעקוקטע אויגן.
און ווי נאָר דאָס באַגינען-ליכט פאַרגנבעט זיך דורך שפּאַרעס,
צעקלינגען זיך די גלעקעלעך אויף וועגן אויסגעצויגן,
און ס'הייבן אָן צו לאָזן זיך אַרומיקע שאַפּאַרעס:

ז

רבֿ' שמעון פֿון פּאַגעגאַלע און חיים קאַרשענאָווקער,
און זאַוול אַ צערויטלטער מיט פּראָסט אין נאָז און באַקן,
און סתּם אַזוי ישובניקעס, און פּינחסל דעמבאָווקער,
וואָס האָט האָלט תּמיד גלאַט־אַזוי אַ שנעפּסל אַ געשמאַקן.
מע רופֿט אים, דאַכט זיך, פּינחסל, נאָר זיין איז ער אַ גבור!
געזונט און הויך און יאָדערדיק — געזאָגט אויף אַלע יידן!
אַ קאַרק אַזאַ מין פֿליישיקער, וואָס קנייטשט זיך פּעט אַריבער,
און אייגעלעך ווי אַרבעסלעך, וואָס קייקלען זיך צופֿרידן.
דער נאָמען? — עט, אַ נאַרישקייט! -- חזקה פֿון זיין טאַטן.
— אַ ייד פֿון אָט די אמתע קאַצאַפּעס־באַלעגופֿן —
געהאַט אַ געמבע פֿליישיקע, אַ צינגעלע אַ גלאַטן...
און דאָך מע האָט זיך נישט געשעמט אים איצעקל צו רופֿן.
איז דאָ פֿאַרבליבן פּינחסל, — איז פּינחסל! מה רעש?
באמת גאָר אַ קלייניקייט, אַ קנאַפּער מין חסרון.
שוין צוגעוווינט צום נאָמען זיך. צו וואָס נאָך זיין אין כּעס?
אַ וויצלינג, אַ צופֿרידענער, אַ מויל ווי אויף רעסאָרן.
אַ מענטש זאָל תּמיד פֿלוידערן, זיך טאָן און נאָר באַרימען.
— אַלץ ער און ער און אומעטום דערגרייכט אַליין, דערשטיגן...
אָט ווו אַ שטיקל גוזמאלע — איז פּינחסל אַ סימן.

הײַנט װער קען נאָך אַזױ װי ער צעלײגן זיך מיט ליגן?
מיט סוחרים – שטיל, הכנעהדיק. ער לאָזט זיך דאַן אַרונטער...
און װוּ מע דאַרף – אַ שבחל, – אַ גרױסער חנעפּוסניק.
און עפּעס קומט דאַן קאָמיש אױס: – אַ מענטש אַזאַ געזונטער!...
מיט אײגענע – אַ פּאַנעבראַט, אַ חוצפּהניק, בעזבושניק...
נאָר גאָרנישט. אַזאַ טבע שױן. ער איז דען עפּעס אױסן?
מע האָט שױן קײן פּאַריבל נישט. אַ נאָװינע – מע קאָן אים...
צעטראָגן זיך די גלעקעלעך פֿון גאָסטינעץ אױף דרױסן,
און זרח אַ צופֿרידענער איז געסט מקבל־פּנים.
– אָ, געסט! אַ גוטן מאָרגן אײַך! װי לאַנג איז מען געפֿאָרן?
דער װעג אַ צעקאַלעטשעטער. אַזאַ מין זאַװערוכע!
נו, טוט אײַך אױס די שערמינגעס. אַװדאי שטאַרק פֿאַרפֿראָרן?
דאָ האָט איר, ייִדן טײַערע, אַן אמתע מנוחה...
מען קלאַפּט די שנײ פֿון שטיװל אָפּ בײַ מזלדיקע שװעלן.
מען נעמט די װאָנצעס אײַזיקע אַרומװישן און גלעטן.
און אױגן שװאַרצע פֿלאַקערן און בלישטשענען און קװעלן.
מע זעצט זיך אױסעט פּאַזע װענט, מע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן...
דערװײַלע קומען סוחרים אָן פֿאַרפֿעלצטע װי די בערן.
און סוסים, קײן עין־הרע ניט, זײ הירזשענען און ברומען.

ווערט תיכף אַזאַ מין געלאַף — די געסט לאָזן זיך הערן,
די וואַלד־סוחרים די שטעטישע, זיי זיינען שוין געקומען —
פאַרכוואַלעטע, פאַרוויקלטע אין פוטערס און אין דעקעס,
אַזוי, אַז גופים בייכיקע קוים קענען זיך דעררירן.
אַ קליניקייט? אַזאַ מין וועג, אַזוינע לאַנגע שטרעקעס...
און ס'עפענען זיך רחבותדיק די סקריפּעדיקע טירן.
זיי וואַלענען זיך ברייט אַריין, די שטעטישע יחסנים,
אין גראַמער שטוב אין וואַרעמער דערפראָרענע, פאַרשנייטע,
— געוויס צו יאַזדעס ענלעכע נישט צוגעווינט אַפּנים.
און הייבן אָן צעשפּילעווען די פוטערן די ברייטע,
העלפט זרח זיי אַראָפּשלעפּן די פוקסענע טולופּן
און טרייסלט אָפּ אויף קלאָרן דיל די שנייען זילבער־קילע.
ס'איז אָנגעגרייט אַ דרומל טיי אַ הייסער צו פאַרזופּן
און אין דעם זשאַר דעם קאָכיקן — די אמתע אַכילה!
קאַרטאָפל ברוינע איינגעשטיקט אין יויך נאָך פון באַגינען,
און פעטע קישקעס אָנגעפילט, אַ צימעסל פון קרוטשקעס,
אַ לעבערל, אַ פּופּיקל גאָר זעלטן צו געפינען...
אויף אָט דעם זיינען אַלע מאָל בעלנים די וואַסבוצקיס.
אַ שפּילכעלע — פון ריגע אַזש זיי קומען דאָ צו פאָרן,

אַ נאַש טאָן פון אַ וועטשערע, אַ צימעסל געשמאַקן.
אַן אַפעטיט אַ וועלפישן זיי האָבן קיין עין־הרע!
ס׳צעשרויפן ברייט די פיסקעס זיך און פייערן און קנאַקן.
ווער קאָן זיי נישט די פעמפיקעס, די יידן ווי די דעמבעס
מיט קאַרקן אָפגעקאָרמעטע און אויסגערוטע זייטן?
אַ סך פאַראַנען בערדיקע און מיט געגאָלטע געמבעס,
און סוחרים פון אַ גאַנצן יאָר און יידן פון פאַרצייטן,
וואָס שטעלן זיך אַ דאַוון־טאָן און היטן זאָגן קדיש,
און תמיד אין דער קעשענע מע האָט ביי זיך אַ לוח,
מ׳ע קוקט דעם יונגן מולד נאָך, כדי צו זיין מחדש,
און ס׳רוט אויף בלאַסע פנימער אַזאַ מין נחת־רוח.
זיי זיינען דאָ שוין אַלע דאָ, די שטעטישע און היגע:
— סאָסנאָווסקי און דעמבאָוויטשעס, און טאַקע ברוך־דוד,
פון סובאָטש און פון פאָנעוועזש, פון מעזישעק און ריגע,
אַזוי מין דרך־ארצדיק מע גיט זיך אָפעט כבוד...
די קליינינקע, די ברעקעלעך, זיי האַלטן זיך פון הינטן
און טרייסלען זיך דערשראָקענע... אַזאַ מין קאַלטער ציטער...
אַזוי ווי צווייגן בויגן זיך פון אָסיענדיקע ווינטן,
אַ פחד קנוילט זיך טונקעלער, אָט ווי פאַר אַ געוויטער

מע וויל מיט עפּעס אָפּקומען – פאַרדינען כאָטש אַ דרייער.
די גרעסערע, זיי בלאָזן זיך. היינט סאַמע גאַלע יחוס!
ווערט שפּעט אַזוי און אָוונטיק, מען צינדט שוין אָנעט פייער,
מע היצט זיך, און סע שוויצן שוין די אָפּגעדעקטע פּליכעס.
און שעהן הייסע, ברעניקע, זיי אַיילן זיך און לויפן.
מע שרייט, מע וויל אַרויסכאַפּן, מע שטייגט ווי אויף להכעיס.
דאָס בעסטע נעמען גבירים צו – נישטאָ שוין וואָס צו קויפן.
באַקלערן זיך די סובאָטשער און מאַכן אַ יד־אַחת.
דאַן בלייבן אַלע אויסגעשטעלט. וואָס טוט איר, ההיתכון?
און אויגן ווערן שפּיציקער, און פּנימער צעפלאַמען.
נאָר ס'העלפן קיינע טענות נישט – צעקראָכן דער בטחון...
מע גייט דאַן אויף הנחות איין, מע קומט זיך ווי צוזאַמען.
אַ שמחהלע, אַ מזל־טוב! מען גיט דאַן צו פאַרטרינקען
פון בעסטן ווייַן און קאָניאַק, נאַליווקע, ראָם און ליקער.
שרייט פּינחס בגילופנדיק: – רבותי, קלעקן שטינקען!...
גיסט אָן די פּולע קעלישקעס... און יידן שמייכלען שיכּור.
און גאַנצע גענדז געפּעקלטע, אַ לעקער אַ געזונטער,
קאָנסערוון כּלערלייאיקע, פאַרשיידענע מאַרנאַטן...
צעשלייפן זיך און ס'ציען זיך פון פּעקלעך אַרונטער

די בענדעלעך, די שנירעלעך, די פאַרביקע שפּאַגאַטן.
דאַן ווערט באמת יום־טובדיק ביי סוחרים און שאַפּאַרעס.
מע האָפּקעט זיך התלהבותדיק, מע איז אַזוי צופרידן,
ביז וואַנעט ליכט פאַרטאָגיקער פאַרגנבעט זיך אין שפּאַרעס
און גיט עפּעס צו וויסן וואָס די יום־טובדיקע יידן.
דאַן גאָר אַזוי ווי ניכטערע מע הערט שוין אויף צו זופן.
— גוט־מאָרגן, יידן, מזל־טוב! אַן עק שוין צו די „טאָרגעס“.
די סוחרים אַיילן אָנציען די פוקסענע טולופן, —
און ווידער ברייטער גאָסטינעץ און ווייס־באַשנייטע מאָרגעס.

■

# אין אַ זוניקן טאָג

עס שטייט זיך אַזוי שוין צופרידן די זון אַזש פון אָנהייב באַגינען<br>
און שמעלצט און צעגיסט אַזאַ וואַרעמען ליכט ווי אין תמוז.<br>
און ראָוועקלעך פולע מיט גאָלד און מיט פליסיקן זילבער צערינען<br>
און פליִצן אַריבער מיט שיין אויף די פעלדער אין ליכטיקע פלאַמעס,<br>
אַז אַלץ ווערט פאַרשמירט און באַשפּליטערט מיט גילדערנע שטיקלעך און ברעקלעך:

די גאַניקעס גרויע פון הייזער, פון פויערשע אַלטע כאַלופּעס,<br>
די דעכער, קאַרניזן און פּלויטן, די ווענט פון די שטאַלן, די סלופּעס<br>
באַפאַרבן, באַמאָלן מיט רינגען, מיט זוניקע, גילדערנע שטעקלעך,<br>
מיט שטרייפעלעך, פּאַסיקלעך לאַנגע, מיט קייקעלעך, קייקעלעך קליינע,<br>
אַזוי ווי באַשאָטן מיט הויפנס צעקלונגענע רענדלעך.<br>
און שלייפעלעך זיידענע ציִען זיך עפּעס אַזוינע,<br>
ווי סטענגעס קאָלירטע, ווי פּאַסמעס פון פאַרביקע בענדלעך...<br>
און אַלץ איז באַמאָלן, באַפאַרבן, גלייך ווי פון אַ האַנט אַ געניטער,<br>
וואָס אויסגעלייגט האָט אַזוי רויק פאַרשיידענע בונטע געמעלן:<br>
דאָ — זויבערע בלעטער פון ביימער, און דאָ — אַ צעפלאַקערטן שפּליטער,<br>
וואָס פינקלט ווי טויזנט בריליאַנטן, צעברענט מיט אַ שיין אַזאַ העלן.<br>
דאָס האָט זיך אַ שטראַל ווי פאַרקליבן און שווייגעניש גרינע צעצונדן<br>
מיט שטערנדלעך קליינע ווי טראָפּנס, מיט שטערענדלעך, ווי נאָך אַ רעגן.

און דאָרטן – ווי ס׳וואָלט זיך אַ לאָנקע מיט בלומיקן גאַרטל פאַרבונדן,
צעכוואַליעט מיט וואַרעמע גראָזן אַזוי ווי אַ טייך אין די ברעגן.
און דאָ ווידער האָבן צעשפּאָלטן זיך שוואַרצע ווי יאָדערן בייטן
און זאַפטיקע ריזלען מיט שפע און שעמען זיך שטילע, ווי מאַמעס,
וואָס הייבן אָן טראָגן אין טראַכטן צעקוואָלענע זאָמען פאַרזייטע,
און ס׳גיסט זיך אויף וויאָרסטן און מיילן די זון אין צעפלאָסענע פלאַמעס.
די זון – אָט וועט באַלד זי זיך נעמען אַרויספירן מערעלעך, ריבן,
און אוגערקעס וועט זי אין בלעטער פון בליאונגען געלע פאַרקניפּן,
באַשאַפן מיליאַרדן נפשות, זיי האָדעווען, צערטלען און ליבן,
אַזוי ווי אַ האַרציקע מאַמע. און קושן מיט וואַרעמע ליפּן,
און קושן די ברעקעלעך קליינע, די אייגענע קינדער געהאַטע,
און וואַרטן אַזוי דורכן זומער אויף רעגנס, אויף גילדערנע שלאַקסן,
און וואַרפן און שיטן מיט שטראַלן אויף מאָרגעס צעאַקערטע, זאַטע,
און אָנקוועלן, אָנקוועלן גליקלעך, אַז פלאַנצונגען שפּראָצן און וואַקסן,
אַז באַבעלעך פליען און זשומען, און ציטעריק פויזענען שרצים,
און פולקן צעטראָגן זיך מוקן, וואָס גליען ווי גילדערנע פונקען,
און קעלמישן רויקע גרינען, און דיניקע שטענגעלעך שפּראָצן.
און אַלץ איז באַגאָסן מיט שפע. אין ליכט ווערט אַלץ ממש דערטרונקען!
און באַלד וועלן גערטענער זאַטע מיט קרייטעכער פעטע צעפלייצן

צו איר, צו דער זון, איבער שטאַנגען, אַזוי איבער מאָכיקע פלויטן.
עס וועלן זיך פעשטשענען פעלדער מיט שווערע, געראָטענע ווייצן,
און געגנט אַרום וועט פאַרשמעקן מיט פרישע געבאַקענע ברויטן.
וועט אײַנזאַפן ערד אירע שטראַלן, וועט אײַנזאַפן זיי און באַהאַלטן
אין טיפע פאַרבאָרגענע אוצרות, אַזוי ווי אַ גרויסע מציאה,
ביז וואַנעט ס'וועט נעמען זיך שפּאַרן דורך טויזענטער ערדישע שפּאַלטן
אַרויס צו דער זון, צו דעם הימל די פייכטע, צעוואַרעמטע זריעה.

און אָט, אין אַזאַ מין באַגינען געזעסן אַליין איז רב' איטשע
אין הויף אויף אַ קופּע מיט קלעצער, געוואַרעמט זיך אונטער די שטראַלן.
דער מאָרגן געשמעקט האָט אין ריחות פון פרישע, צעבליטע „זעלוויטשעס",
און ס'זיינען ווי פליטערלעך ווייסע די בליטן פוןביימער געפאַלן,
אַז ווייס איז געוואָרן די ערד פון די בליעכצן לעצטע באַשאָטן,
און הענגעלעך האָבן געדרייט זיך אין לופטן פון בערזעס און קליאָנען...
„ווי ס'בליען דאָס פרוכטביימער היי־יאָר, סע וועלן זיין סעדער געראָטן!"
געטראַכט האָט זיך איטשע און רויק גענומען די פּירות „דערקאָנען":
— אָט זיינען בלעטעלעך ראָזע — משמעות פון עפּל די בליטן,
און אָט־אָ, ווי שנייעלעך ווייסע — זיי שיינען צו זיין ווי פון טשעסנעס.
און די האָבן פעדעמלעך דינע מיט שפּרענקעלעך געלבע אינמיטן, —

מסתּמא פון האַרבסטיקע פלוימען, אַניט – פון די שפּעטע טשערעסנעס,
וואָס וואַקסן ביים זייט פּאַזע פלאַנקען, נישט ווייט פון די שווערע „אַפּאָרטן״
(עס העלפן שוין דאַן נישט קיין חכמות, קיין דראָט און קיין שטעכיקע צוימען).
זיי לאָקן כּסדר די שקצים אַזוי צום גרעטעטענעם גאָרטן,
וואָס מאַכן אָן תּמיד אַ חורבה צוליב די טשערעסנעס און פלוימען...
און דאָ האָט דערזען טאַקע איטשע, אַז ס׳פעלן אין פּלויט אַ פּאָר ברעטער,
און ס׳איז אים פון זיך די מחשבות געוואָרן אַ שאָד צו צעטרייבן...
נאָר ס׳האָבן אים בייטן גערופן מיט גרעזער און כּלערליי בלעטער:
„סע קענען אַמאָל נאָך חזירים אַהין פון דער גאַס זיך פאַרקלייבן״.
איז דאַמאָלט אַריין ער אין גאָרטן, ווו ס׳האָבן געטונקלט סאַלאַטן
מיט ציבעלקעס גראָזיקע, שלאַנקע, צעוואַקסן אין שטענגעלעך העלע.
דערמאָנט האָבן זיי אים, די גרינסן, אַזוי אָן אַ פרישטיק אַ זאַטן –
„מע דאַרף שוין באַלד הייסן מיין אַלטע פאַרזייערן זויערמילך שטעלן,
די „לייזקעס״, – שוין גאָר ווי פּאָדאָבנע, מע קאָן זיי שוין אָנפאַנגען סקינען,
און אוגערקעס וועלן באַלד זיסע אין לופטן מיט האָניק פאַרשמעקן״.
אַזוי האָט מיט טויזענטער טעמים אַ שלאָג געטאָן שטילער באַגינען –
אַזש ער האָט געגומען פון תּענוג די טרוקענע ליפּן באַלעקן.
און גוט איז געוואָרן רב׳ איטשען. צום אָנבייסן האָט אים געשטויסן
אין שטוב דער צעקיצלטער ריח, געמאַניעט אַזוי און געצויגן...

און ס'האָט זיך געגאָסן, געגאָסן די זון אין צעוואַרעמטן דרויסן: —
אויף בערגעלעך מיסט און אויף קווייטן, אויף האָפן — צעוואַקסענע סטויגן,
אויף סעדער, געמייזעכצן ווייכע און גלאַנציקע, שטרויענע דעכער,
אויף ווייסע, פאַרשלאָפענע וועגן, אין גרעבענער טיפע און גריבער.
און גאָלד האָט געפלייצט און געפלאָסן, פאַרשמירט אַלע שפּאַלטן און לעכער,
און ס'האָבן אין שיין זיך געבאָדן די ווענט פון דערבייאיקע שטיבער.

אין הויז איז געלעגן אַ שטילקייט, ווי עמעצער וואָלט זי פאַרגעסן,
זי מיטגעבראַכט ערגעץ פון ווייטן און אָט־דאָ געלאָזן זי ליגן.
— אַ שטילקייט פון איינזאַמע כאַטעס, וואָס שמעקן אין פוסטע מעת־לעתן...
נאָר ס'האָבן אין שווייגעניש טיפער געגודעט שוין שלעפעריק פליגן.
זיי זיינען געוועזן די ערשטע, וואָס האָבן אַהער זיך פאַרקליבן,
צעלייגט אויף די לובעס און באַלקנס, געשנעלט זיך אָן זוניקע שויבן,
געזשומעט, געקראָכן און אַלצדינג מיט פינטעלעך שוואַרצע באַשריבן, —
אָט שטיל אויף אַ רגע געוואָרן און ווידער אַ רעש אויפגעהויבן.
ס'אי וואַרעם, ס'אי גוט, אַ מחיה! — קיין שפּרענקעלע טאָרן פאַרמיידן...
אַפילו אָט דאָ אינעם חדר האָט זון ווי פון עמערס געגאָסן.
נאָר איטשע האָט זיך שוין באַצייטנס געבייזערט און נישט געוואָלט ליידן,
למאי ס'זיינען דאָ אַ סך פליגן, — זיי וועלן די וועלט דאָ באַדאָסן!...



[redacted]

אַ גרויל, ווי אַ שוואַרצער מוראַשניק... אָט נאַ דיר... סע הייבט זיך שוין אָנעט.
און, דאַכט זיך, ס'אי ווייט נאָך דער זומער. נאָר אָקאָרשט איז וואַרעם געוואָרן.
סך־הכּל מיר האָבן נאָך סיון. — דער ערשטער געראָטענער מאָנאַט...
אַמאָל אפשר וועלן שוין ברענגען די גויים אין מאַרק „מוכאָמאָרן"?
איז טאַקע ער וועט שוין בלי־נדר זיך צוכאַפּן מיט די פורמאַנקעס
אַ קוק טאָן, וואָס ס'טוט זיך אין „פושטשע", צי וואַקסן שוין עפּעס די שוואָמען.
אָ, גוט קען ער דאָרטן די וועלדער — די פריצישע אַלע „דעליאַנקעס",
און איטלעכן קוסטיקל יאַגדעס, און יעדערן שוועמל ביים נאָמען: —
די פּאָזיעמקעס, ספּאַלגענעס רויטע און ברוקנעס פון צווייגעלעך גרינע,
וואָס פויערטעס קלייבן דורך האַרבסטן אַזוי מיט אַ שטילער מתיקות,
— די היטעלעך פון „וואַוועראשקעס" צעטופּעט אויף פּיסעלעך דינע,
די קילע געווקסן פון „לעפּצעס", פון פּאַפּאָרטניק און „באָראָוויקעס",
וואָס וואַקסן אין פינסטערע וועלדער, אַזוי ווי די עכטע יחסנים,
משפחות־ווייז, תּמיד באַזונדער, צו פינף אין אַיעדער משפחה, —
באַשיידן, פּאַרטייעט אין בלעטער, אַז שווער איז דעם נעסט צו דערקאָנען.
— אַזוי מוז מען שאַרן די גראָזן און טאַפּן כּסדר די מאָכן.
נאָר זיין איז צו פרי נאָך אַ ביסל. ערשט הייבן זיך אָנעט די „לעפּעס"...
יאָ, זון איז לרוב דאָך פאַראַנען, און ס'אי אויך געווען אַ סך רעגן.
זיי וועלן אַרויסקריכן היי־יאָר אַפילו אין אָפענע סטעפּעס,

צעוואַקסן זיך ווי אַ בייז ווונדער, אַזש אונטער די פיס, אויף די וועגן...
זיך שפּילן מיט זיי — אַ קאַטאָוועס... סע נעמט דען אַ סוף צו דעם שווּעמל?
— וואָס מערער מע רייסט אים, אַלץ מערער קריכט ער אַרויסעט פון אונטן.
צעשאָטן אין גאַנצענע מחנות. אָט ווי נאָר אַ קוק — אַ געזעמל
פון קעפּעלעך, קעפּעלעך ברוינע אויף וואַלדישן שטח באַזונטן.
ווי בראָדעוואָקעס, בערגעלעך קליינע פון אונטער די מאָכן זיי שטאַרצן
און שמעקן אין ערד און אין וועלדער, אין דומפּיקע, פייכטע געריכן.
איי, ווען דער אויבערשטער העלפט דאָס, און שטיל איז און גוט אויפן האַרצן,
— אַז אָסור, אויב אַנדערע שוואָמען אי דאַן שוין כּדאי גאָר צו זוכן...
איר קלייבט זיי צוזאַמען אין קוישן... און וויפיל באַטעמטע געריכטן?...
— מע קען זיי מאַרנירן און באַקן און טריקענען, פּרעגלען און בראָטן,
אין פּוטער זיי אַיינקאָכן טאַקע, אַזוי אין אַ זופּ אַ געדיכטן, —
אַרויפגיסן סמעטענע אויבן — מיט זאַלץ און מיט פּעפּער באַשאָטן...
נאָר עפּעס האָט עמעצער ווידער פון ס׳ניי נישט געלאָזן דערטראַכטן
רב׳ איטשען די לעצטע געדאַנקען פון קלוגע אכילות און שוואָמען.
און אָנגעקלאַפּט האָט מען פון דרויסן אין טירן פאַרמאַכטע,
דער בריוו־טרעגער איז דאָס געווען. — פאַן איצעק, אַ בריוו אויף דיין נאָמען!
בעת־מעשה ער האָט זיך צעטומלט: — פּאַר מיר גאָר! פון וואַן און פון וועמען?
נאָר תּיכּף געגומען האָט איטשע זיין יידענע רופן און שרייען,

און ס׳האָבן זיך טרערן באַוויזן ביי אים אויף די זילבערנע ברעמען.
— איי, נעכע, ווּ ביסטו? אַהער קום, אָט האָסטו אַ בריוול פון שייען!
און ס׳האָבן אין זון זיך צעפינקלט דעם אַלטנס צעצונדענע טרערן
(ווער ווייס, צי געוויינט האָט ער טאַקע, צי האָט ער געפרייט זיך לעת-עתה?).
דערווײַלע איז נעכע געקומען. — וואָס שרייבט ער? נו, לאָמיר שוין הערן...
און ס׳האָט זיך דערוועקט ביי רב׳ איטשען אין האַרצן דער וואַרעמער טאַטע.
דעם בריוו האָט ער באַלד נישט געעפנט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, נישט פאַרגונען
פון אַלץ מיט אַמאָל זיך דערוויסן (נישט גרינגער וועט זיין, ווען ער ווייס עס).
באַקוקט האָט ער תחילת דעם אַדרעס, ווּ ס׳זיינען זיך פעטע צערונען
געצאַצקעטע, ווי מיט אַ צירקל, באַקאַנטע, גאָר היימישע אותיות,
און נאָכדעם באַטראַכט אַלע שטעמפּלען — פון וואַנעט, אַ שטייגער, זיי קומען,
דורך וועלכע מדינות און לענדער דער בריוו איז אַהערצו דערגאַנגען?
באַוווּנדערט דעם וויטן מהלך... און דאַמאָלט ערשט האָט ער גענומען
זיך רויק צום לייענען גרייטן — באַפּרידיקן נעכעס פאַרלאַנגען.
האָט איטשע פּאַמעלעך געלייענט די לאַנגע, פאַרשריבענע שורות,
און ס׳האָט זיך אַ צער אין זיין האַרצן, אַ צער אַזאַ טיפער געוויטאָגט.
„ווער ווייס, אַזש אין אַפריקע ווילדער... דאָרט האָבן צו טאָן מיט די בורעס,
מיט קאַפערס און כלערליי פּרואים... מיר האָבן אין דעם זיך געגוויטיקט...

אַיאָ — ס'אי באַשערט שוין געוועזן... זיין הייליקער רצון מסתמא ...
עך, נעבעך, סע טויג נישט, פאַסקודנע... באַרעכן זיך מערגישט, באַרעכן:
— אַ הויף און אַ שטוב מיט אַ גאָרטן... להי זיך געוואַלגערט צוזאַמען"...
און דאָס איז גענוג שוין געוועזן, שוין צופיל אַפילו פאַר נעבעך.
זי האָט זיך צעוויינט און צעטענהט, גלייך ווי ביי אַ גוסס צו קאָפּן:
— איר שייע, איר לעצטער מוזיניק!... ווּ קאָן זי אַצינד אים געפינען?...
און ס'האָבן אויף ריינער פאָדלאָגע צעקאַפּעט זיך זוניקע טראָפּנס,
און טונקל איז, דאַכט זיך, געוואָרן דאָס גאָלד פון דעם שטילן באַגינען.
פאַרטונקלט די זון האָט זיך פּלוצים, גלייך ווי מיט אַ הויט זיך באַצויגן,
און ס'איז זיי דער העלער פרימאָרגן געוואָרן צעשטערט און נישט ניחא.
עס האָבן געזוכט עפּעס וועמען די פולע פאַרלאָפּענע אויגן,
און ס'האָט אַזאַ שווייגעניש ווידער גענומען אין קאַמער צעקריכן,
אַז שווער איז זיי ביידן געוואָרן — די בענקעניש נישט צו דערהאַלטן:
— ע, נעבעך, פאַסקודנע, סע טויג נישט... מע קאָן אונז דעם עלטער פאַרגינען...
און ס'האָבן אים אַנגסטן באַשלאָגן, דעם תמיד־צופרידענעם אַלטן.
„אַוודאי, מע זאָל דאָס נישט וויסן... שוין בעסער אַוועק וואָלט ער דינען...
נאָר גאָרנישט. אַ ייד מוז זיך טרייסטן. דער מזל אַזאַ שוין... פאַרפאַלן"...
מיט ליידיקע הענט ווי פאַריתומט געבליבן איז איטשע פאַרשוויגן.
די זון האָט זיך הויך שוין פאַרקליבן, געברעקלט צעקרישלטע שטראַלן,

און ס'האָבן געצויגן, געצויגן אַזאַ מרה-שחורה די פליגן.
גאָר ליכט האָט אין דרויסן געגאָסן אויף מאָרגעס און פעלדער אַריבער,
צעשאָטן, צעשפּריצט זיך אין פונקען, ווי סנאָפּעס, ווי ליכטיקע גאַרבן,
— אויף גאַניקעס, שטרויענע דעכער, אויף ווענט און קאַרניזן פון שטיבער
און אַלצדינג באַפּאָרבן, באַמאָלן מיט זוניקע, וואַרעמע פאַרבן,
אין רינגען און פּאַסיקלעך לאַנגע, אין קייקעלעך, קייקעלעך קליינע,
אַזוי ווי באַשאָטן מיט הויפנס צעקלונגענע, גילדערנע רענדלעך,
און שטרייפעלעך זיידענע האָבן געצויגן זיך לאַנגע אַזוינע,
ווי סטענגעס קאָלירטע, ווי פּאַסמעס פון פאַרביקע בענדלעך,
און שיין האָט געשפּאַרט און צעשווומען אין טייכן, אין לויטערע פלאַמעס.
אין דרויסן געבליט האָבן סעדער מיט לעצטע צעוויקלטע קווייטן.
און זון האָט געגאָסן, געגאָסן אַזוי ווי אין מיטן פון תמוז,
און ס'זיינען מיט פלעדליי גרינסן דערגאַנגען געראָטענע בייטן.

# אין פרייטאָג-צונאַכטן

1

די מאַמע נעמט אַראָפּעט דאָס געפּעס, דער טאַטע דרעמלט
אײַין ביים טיש.
די לאָדנס צוגעמאַכט אַרום, פאַררוקט שוין אויף די שטאַבעס.
די ברעקלעך חלה און די ליכט, די ביינדלעך פון די פיש
דערמאָנען עפּעס אַזוי שטאַרק אָן שבת.
דער טאַטע, אָ, דער טאַטע מיט די ווייסע, דינע הענט,
מיט פינגער איידעלע און ברייטן, לויכטנדיקן שטערן!...
די ליכט — זיי האָבן אין די לייכטערס שוין דערברענט,
און טאַטע זיצט נאָך אַלץ פאַרזונקענער אין קלערן:
— אַמאָל... געווען נאָך יונג... דער ישוב און דאָס לאַנד...
די היגלען גראָזיקע און גאָט-געבענטשטע פעלדער...
פּאַמעלעך שפּאַרט ער אָן זיין גרויען קאָפּ אָן האַנט,
און ס׳חלומען זיך אים פאַרשנייטע, ווייסע וועלדער.
געוויס!... ער האָט אַליין געזען און נישט נאָר בלויז געהערט
פון יידן-פויערים מיט גראַבלעס און מיט קאָסעס,
מיט גלידער האָריקע ווי שוואַרצע שטיקער ערד,
וואָס ווערן פייכט פון טוי אין שטילן בין-השמשות.

און עפּעס ווערן ליב אים, האַרציקער און נאָנט
די יידן פון אַמאָל מיט הייליקן בטחון.
און זיסער ווערט דער שלאָף – ער האָט אים אַלץ דערמאָנט:
די שבתדיקע נעכט, די טעג פון אינדערוואָכן...
די שטוב איז לויז און גראַם. ס'איז יום-טובדיק אַרום,
אויף דרויסן קלייבן זיך ישובניקעס אַן עדה.
מע זוכט דעם מולד אויף, און ליפּן שעפּטשען פרום,
און אַלע בענטשן זיך צוזאַמען מיטן זיידן...
דערנאָך – מע קושט זיך הייס... אַ גאַנצע נאַכט מע רעדט...
נפטרים אַזאַ סך... זיי שטעקן אָפּעט „שלום"...
וועקט מאַמע אינדערשטיל: – ס'איז אויסגעבעט דאָס בעט –
און טאַטע כאַפּט זיך אויף, שפּייט אויסעט: – טפו, אַ חלום! –

# 2

דער טאַטע שלאָפט אַ מידער שוין פון לאַנג. די מאַמע איז אַליין,
— אַליין אין גאַנצער שטוב. ס'איז אומעטיק אָן קיינעם.
געדענקט זי נאָך אַמאָל: — זיי פלעגן עפעס גיין
צו גוטע פריינט צו גאַסט, צו קרובים אָדער שכנים.
און דאָרט? — אַזוי פיל געסט! מע שמועסט און מע לאַכט.
מיט כבוד פול דער טיש, מיט פרות פון די סעדער...
פאַרברענגט מען צווישן זיך ביז שפעט די ווינטער-נאַכט,
מען זעגנט זיך דערנאָך: — קומט ווען אַריין, בלי-נדר...
און וואָכן גייען שטיל, און יאָרן נאָך אַ יאָר,
און איצט מע קוקט אַרום — שוין אָפגעלעבט אַ לעבן:
די אויגן מאַט און פייכט, און זילבערדיק די האָר,
די טעכטער מיט די זין — ביז איינעם אויסגעגעבן.
דערמאָנט מען זיך פון אַלץ. דער אָוונט איז שוין לאַנג.
מען פרוווט נאָך בלעטערן אַמאָל די אַלטע תחינה.
נאָר עפעס איז נישטאָ פאַרצייטיקער פאַרלאַנג.
די מאַמע טוט זיך אָן און גייט אַוועק אין קינאָ.

## 3

דער זאַל איז פול מיט ליכט, מיט יום־טובדיקן ליכט!
און מעבל גבירישע מיט פּליושענע געזעסן.
אין לײדיקער פּאַיע פון מענטשן ווערט געדיכט,
און ײדן אײלן זיך אין קינאָ נאָכן עסן.
מע הײבט זיך אויף מיט טרעפּ. אַ קלאַנג פון שטײן און שטאָל,
די ווענט זײנען באַפּוצט מיט שפּיגלען און מיט בילדער,
און שטראַלן ציטערן אין לוסטרעס פון קרישטאָל.
נאָך ענגער ווערט אין זאַל, און שטאַרקער דער געפּילדער.
און פּנימער אַ סך, — פאַרשײדן: — אַלט און יונג,
צעשטראַלטע, ווי דאָס ליכט, און שבתדיק צופרידן.
מע וואַרט מיט אומגעדולד, ביז פּלוצים טוט אַ קלונג,
און ס׳ווערט אַ שטופּערײ פון נײגעריקע ײדן.
מיט גרין און געל און רויט באַלויכטן דער עקראַן.
און גאַסן... גאַנצע שטעט... פאַרשײדענע מדינות...
אַ טומל... אַ הו־האַ! — וואָס מענטשן ס׳איז פאַראַן!
— מע לויפט, מע פליט, מע פאַלט!... וואָס ס׳טוט זיך נאָר אין קינאָ!
די מאַמע זיצט באַרוישט און חידושט זיך און קוועלט,
און ברײט צעשפּאַלטן זיך די ציטעריקע ברעמען.
זי קוקט זיך בעסער צו: — אַזאַ מין גרויסע וועלט!

אָט קען מען גאָר אַמאָל באַגעגענען דאָ וועמען:
– אַן אייגענער, ווער ווייס, וועט אפשר דאָ פאַרגיין?
און קלאַפּן נעמט דאָס האַרץ, און ס'ווערט דער חידוש גרעסער.
נאָר פרעמד אין גאָרער וועלט בלייבט עלנט זי אַליין
צעווישן גרויסע שטעט און קאַלטע ווענט פון שלעסער...
די אויגן זיינען פול. עלעקטריע און קרישטאָל,
און פונקען גילדערנע צעשיטן זיך און שפּריצן.
אין ווינקל זיך פאַררוקט, אַזוי צו איטלעך מאָל
בלייבט מאַמע נאָכאַנאַנד צו צוויי סעאַנסן זיצן.

■

# פאזע טייך

דער ערשטער שניי געפאַלן איז דורך נאַכט אַ צאַרטער:
מיט ווייסע שטערנדלעך באַדעקט די שטילע וועגן.
און אויפןברייטן טייך איז שוין אַ וואָכן צוויי געלעגן
אַן אייז אַ קרעפּטיקער, אַ דיקער און אַ האַרטער.
די קליינע שקצימלעך צעשאָטן פון די שטיבער
אין זויבערן פאַרטאָג, צעקלונגענעם און קאַלטן —
געפּרוּווט האָבן דעם טייך, צי קען מען שוין אַריבער,
און צי עס וועט דאָס אייז, אַ פּנים, זיי שוין האַלטן?...
נאָר ביז דעם ערשטן שניי האָט נישט אומזיסט געפראָרן!
עס האָט אַזוי דער טייך דעם ווייטן שליאַך פאַרביטן:
אין ווייסער לענג געוועזן אַ וועג איז שוין צעפאָרן
פון ברענענדיקע פערד און אויסגערוטע שליטנס.
און פויערים אַליין, געוווּסט האָבן זיי זיכער,
אַז ווינטער וועט אַצינד מיט מזל זיך שוין שטעלן,
און דאָס, וואָס מיטן טייך זיי קומען תמיד גיכער,
האָט אַלעמען געפרייט און טאָקע שטאַרק געפעלן...
האָט מען אין בלאַסער פרי פאַרגאַרטלט די זשיפּונעס
מיט גראָבע, האַרטע שטריק — דער ווינט זאָל נאָר נישט בלאָזן,
און אויפן פעסטן אייז ווי דינע, לאַנגע סטרונעס

געצויגן האָבן זיך די פויערשע אָבאָזן.
מען האָט זיך נישט געאײַלט אין רויקן באַגינען
צווישן קילן שניי און רחבותדיקע פעלדער:
עס איז פאַראַנען צײַט — מע קען זיך שוין פאַרגינען,
ווײַל אויסגעמיידט מען האָט זיך שלעפּן מיט די וועלדער,
וואָס האָבן ווי־נישט־ווי — בײַם סאַמע גיכסטן פאָרן —
אַוודאי אַ פּאָר שעה אומזיסטע צוגענומען...
און איצטער אָט־אַזוי — נישט וועלנדיק פאַרשפּאָרן —
נאָך גיכער ווי אַמאָל, נישקשה, מען וועט קומען...
האָט מען זיך נישט געשפּאָרט אויף ווינטערדיקע וועגן —
אַזוי פון זיך אַליין סע וועט זיך שוין דערפאָרן;
און קרעפטיק און געזונט דער טײַך איז זיך געלעגן
אין ברעגעס ווי אַ גבר אַן אײַזערנער פאַרפרוירן!

ווען ס'האָט די ווײַסע נאַכט די פושנעסן צעשאָטן
מיט רחבותדיקער האַנט אויף לענגען און אויף ברייטן,
און ווען ס'איז נאָך דער שניי געלעגן נישט צעטראָטן
אַ פרישער אויפן טײַך און פאַזע ברעג פאַרשנייטן,
איז דאָרטן, ווו סע פירט דער וועג פון וואַלד אַריבער

און קייקלט זיך אַוועק אין טיפע, בלייכע ווייטן —
סך־הכּל אַ וויאָרסט אַזוי פון גלחס שטיבער,
האָט עמעצער דערזען פאַרוואָרפן ביי די זייטן
אויף פרישן, קלאָרן שניי, וואָס איז ביינאַכט געפאַלן,
אַ סליאַד ווי פון אַ פוקס, אַ דינעם און אַ לאַנגען.
עס האָט געפירט זיין שפור אַזש פון דעם גלחס שטאַלן
און איז ביז סאַמען וואַלד אַ זיכערער דערגאַנגען.
נאָר דאָרטן מיטאַמאָל, ווי שפירן וואָלט עס עפעס —
זיך אויסגעדרייט צוריק און תּיכּף זיך פאַרלאָרן
אין רחבותדיקער ברייט פון אָנגעשנייטע סטעפּעס.
און ס׳איז אַזאַ געלאַף פון פויערים געוואָרן.
דאַן האָט זיך דאָ צעברויזט דער פּריאיקער באַגינען,
ווען ס׳האָט אַ האַלבע וועלט געהאַלטן נאָך אין שלאָפן.
די גויים אין איין קול: — מען מוז דעם פוקס געפינען,
אַוודאי איז ער איצט נאָר אָקאָרשט־וואָס אַנטלאָפן,
ווען ער האָט דאָ דערהערט דעם אָנקום פון די פורן...
מען זאָל וואָס גיכער גיין און אים דעם וועג פאַרצאַמען
אָן דאָרטן פאַזע וואַלד, וווּ ס׳קרייצן זיך די שפורן, —
נישט טראַכטן קיין מינוט, אַ נעם טאָן זיך צוזאַמען,

ווייל פוקסן זיינען קלוג, זיי ווייסן ווי צו נאַרן:
פון אונטער דיינע הענט, זיי וועלן זיך פאַררוקן...
מען האָט געגומען שטיל דעם שניי אַרום צעשאַרן
און אויפריכטיק דעם סליאַד צעוואָרפענעם באַקוקן: —
געציילט איעדער טראָט מיט אָנגעשפיצטע אויגן,
און הערצער האָבן טעמפּ געהאַלטן אין איין קלאַפּן;
און ס'האָט זיך אַ המון פון פויערים געצויגן
דעם חוצפּהדיקן פוקס אַנטלאָפענעם צו כאַפּן.

נאָר דאָ, ווי מיטאַמאָל, האָט עפּעס ווער געגומען
ידיעות אָן אַ שיר באַווייזן אויף טשיקאַוועס:
— איך זאָג אייך אויף געוויס — איר וועט צו גאָרנישט קומען,
עס זיינען, ווי איר זעט, אומזיסטע די אָבלאַוועס...
אוממיגלעך, אַז אַ פוקס איז דאָ אַהער פאַרגאַנגען,
עס איז דאָך טיף דער וועג מיט פושנעסן פאַרשאָטן;
און אָט דעם דינעם סליאַד, צעצויגענעם און לאַנגען,
— אַוודאי האָט אַ הונט דערבייאיקער צעטראָטן,
ווייל, ראשית, איז זיין שפּור נישט פאָרזיכטיק באַהאַלטן,
און צווייטנס, איז דער שניי אינמיטן גאַנץ געבליבן —

אַ סימן, אַז דעם עק ער האָט אַרויף געהאַלטן,
ווען ער האָט זיך אַהער דאָ מיטן טייך פאַרקליבן...
— ביי פוקסן, ווי איר ווייסט, — האָט ער גענומען ווידער
פאַר פויערים אַרום די קענטעניש דערקלערן
— דער ווײדל הענגט אַראָפּ אַ שווערער און אַ מידער,
און דאַן האָט ער געדאַרפט דעם שניי אַרום פאַרקערן...
דאָ האָבן אַלע שטיל פאַרנומען זיינע ווערטער
און שוין געבליבן שטיין צעטומלטע אינמיטן;
זיך אָנגעקוקט פאַרשעמט מיט בענקעניש פאַרצערטער,
און ס'האָט אַ שאַרפער ווי אין הערצער זיך פאַרשניטן.
נאָר ווידער מיטאַמאָל האָט עמעצער אַ כעסן
געוואָלט דעם שכנס רייד אַ גלויביקער צעשטערן:
— ע, פּיפּקעס זיינען ווערט די נאַרישע באַווייזן,
אָ, ווייס איך, וואָס ער וויל — נישטאָ אַוואָס צו הערן...
איר גלויבט מיר, אַז איך בין נאָך אויך אַזאַ מין ידען:
דער שניי איז טאַקע גאַנץ צעווישן טראָט געבליבן...
למאי אָבער אין וואַלד פאַרלירן זיך די סליאַדן?
און ווי ער האַלט זיין עק — ווו שטייט עס דען געשריבן?...
אַזוי ווי אים געפעלט, אַזוי קאָן ער אים האַלטן:

פאַרבויגן אויף אַרויף צי מיט דער ערד אים שאַרן...
ער ליגט דאָ ווו געוויס נישט ווייט פון אונז באַהאַלטן.
פאַרנעמט זשע מיינע רייד, און זאָל עס אייך נישט אַרן...
דאַן האָבן נישט געוווּסט די גויים, וואָס צו זאָגן,
געוואָלט עפּעס דערגיין מיט נייגעריקן פרעגן.
עס האָט זיך אַ געריוש אַ הילכיקער צעטראָגן,
פאַרקייקלט אין דער ווייט מיט אויסגעלייגטע וועגן
און אין דער וויסער רו די שוויגעניש צעריסן.
געטומלט האָט אַזוי אַרום אויף אַ מהלך,
ביז וואַנעט עפּעס ווער געגעבן האָט צו וויסן
פון אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט דאָרט אויפן טייך – דעם גלח.
און דאָ אין איין געלאַף, פּאַרסאָפּעט, בחפזון,
פון תפילה אינדערפרי אַפילו נישט פאַררוט זיך,
צום טומלדיקן טייך האָט ער זיך גיך געלאָזן
מיט נייגעריקן ברען אַ קוק טאָן, וואָס סע טוט זיך.
די גויים מיטאַמאָל, אַזוי פון גלחס וועגן,
געבליבן זיינען שטיין הכנעהדיק-דערשלאָגן
און באַלד ביי אים אַליין גענומען זיך דערפרעגן,
וואָס ער, למשל, האָט מכח דעם צו זאָגן.

און ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין לייענען די סליאַדן
מיט גויים אויפֿן אײַז — אַ הויכער און אַ דינער —
גלייך איינער וואָלט באַטראַכט לאַנגאָניקע כּתב־ידן:
— אָ, היילִיקע, געוויס, אַוודאי מיינע הינער...
האָט מיטאַמאָל זיין בליק פֿון פֿרייד געגומען שטראַלן:
— דער פֿוקס איז דאָך אַהער פֿאַרקראָכן נישט בחנם,
איר זעט דאָך, אַז זיין וועג פֿירט בולט צו די שטאַלן
מיט פֿאָרזיכטיקן טראָט צעצוויגענעם און דינעם...
הכּלל, אַזוי אַרום... פֿון דעם איז דאָך געדרונגען,
— די עופֿות, אַז ער האָט געהאַלטן דאָ אין זינען...
און ווידער מיטאַמאָל האָט הילכיק זיך צעקלונגען
פֿון פֿויערים און פֿערד דער פּראָסטיקער באַגינען.
אַזוי אין איין מינוט האָט זיך אַ וועלט פֿאַרשניטן
מיט פֿוכיק־ווייכן שניי, דורך זילבערנע טומאַנען...
פֿאָרט עמעצער פֿאַרביי — פֿאַרהאַלט מען אים אינמיטן,
און ס׳איז אַ לאַנגע שנור פֿון שליטנס שוין געשטאַנען.
און יעדערער פֿאַרקלערט האָט נישטערן געגומען
דעם ווייס־באַשנייטן ברעג מיט ערנסטער הוויה,
ביז וואַנעט ס׳איז דער גראַף אַפֿילו דאָ געקומען

מיט רייסנדיקע הינט אַ גאַנצע ווילדע סטייע.
אַרום, אין ווייסער ברייט געקאָכט האָט און געזאָטן,
געפלויגן איז דער שניי צעשפריצט אין אַלע זייטן.
מע האָט אַ גאַנצן טאָג דעם אייז אַרום געטראָטן.
פאַרקראָכן אין דער טיף פון סודותדיקע ווייטן,
און שיכּור און באַרוישט פון וואַרעמער מחשבה,
האָט יעדערער געטראַכט — דעם פוקס, ווי ער וועט כאַפּן.
געטרייסט האָט זיך דער גראַף: — מע וועט שוין מיט הרחבה
אַ גאַנצע רויטע נאַכט די בעסטע ווייַנען צאַפּן
אין גלעזער אָן אַ מאָס פון אַנקערס און פון קויפן,
און ס׳וועלן זיך ביי אים אַ פּאָר מעת־לעת פאַרזיצן
געקומענע פון ווייט און שכנותדיקע הויפן
די יחוס־פולע געסט פון גראַפן און פון פּריצים...
און אָט־אַזוי די צייט מע ט׳שמועסן און ריידן
פון כּלבים און פון פערד, פון פּריצישע געיעגן —
ביז וואַנעט מען וועט זיך צופרידענע צעשיידן
אין בענקענדיקער ווייט מיט אָנגעשנייטע וועגן...

די ווינטערדיקע זון איז נידעריק געזעסן,

שוין פון איר מידן גאַנג ווי שבתדיק-צופרידן,
און גויים אויפן טייך זיי האָבן זיך פאַרגעסן,
אַז ס׳וואַרטן אויף זיי מערק מיט אָנגעפּעלצטע יידן.
ס׳איז פרייטאָג יענער טאָג בפיוון גראָד געפאַלן,
און קונים האָבן שוין געוואַרט אויף אַלע וועגן,
פאַרכוואַליעטע אַזוי אין פוטערס און אין שאַלן —
נאָר ליידיק איז דער מאַרק אין מיטן שטאָט געלעגן.
און ס׳זיינען ווי אומזיסט פאַרשנייטע און פאַרפראָרן
די יידן אויפן טראַקט פאַרשוויגענעם געשטאַנען.
אַזוי פון העלערהויט אַ יקרות איז געוואָרן...
פאַרוואָס און ווי-אַזוי האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען.
נאָר שטיל האָט מען געקוקט אויף ווינטערדיקע ברייטן
און עפּעס אַזאַ גרויל אַ ליידיקן פאַרנומען:
— וועט אפשר ווער פאַרגיין מיט גאָסטינעץ פאַרשנייטן!
נאָר וויפיל מע ט׳געוואַרט — איז קיינער נישט געקומען.
און ערשט, אַ צייט אַרום — דערוווסט האָבן זיך יידן,
וואָס ס׳האָט אין יענעם טאָג דאָרט פאַזע טייך געטראָפן:
— די פויערים דערציילט אין מאַרק האָבן צופרידן,
ווי ס׳איז אַ ווייסער הונט קוים לעבעדיק אַנטלאָפן...

■

# ביים זיידן

## 1

באַלעגופיש צעלייגט זיך דער שפּעט-האַרבסט אין איינזאַמער געגנט,
וואָס אַלטע צלמים באַוואָרנען און הילצערנע עלנטע געטער.
איך בין דאָ נישט איינמאָל געוואָרן אין האַרבסטיקן פעלד אויסגערעגנט.
נישט איינמאָל האָב איך דאָ געקליבן די געלע, צעטריבענע בלעטער,
איך שיט זיי צוזאַמען אין פּאָלעס און ברענג זיי צו טראָגן דער באָבען,
— אויף באָנדעס צו באַקן זי דאַרף זיי דאָך האָבן, איך ווייס עס.
און טאַקע צום אָנבייסן מאָרגן מיר פלעגן זיך אַלע שוין לאָבן
מיט בולבענע פּרישע און הייסע אויף בלעטער געזוצטע „ראָגיישעס"*).
איך בין דאָ געוואַקסן צוזאַמען מיט בלוטיקע, גילדערנע שקיעות,
וואָס פלעגן מיט קופּערנע קלאַנגען אויף שויבן פאַרגליווערטע רינען.
נישט איינמאָל מיט קינדישע, בלאָנדע און זוניק-באַלויכטענע וויעס
געשמייכלט צו מיר האָט דער האַרבסטיקער, שטילער באַגינען.
דאָ בין איך געלעגן אויף לאָנקעס, אין פוכיקע קוסטעס פון האָפּן
מיט אויגן פאַרוווּנדערטע, גרויסע און ברעמען באַהאַנגען מיט טרערן.
אַוועקגעלייגט רויק די דלאָניעס ביי זיך ווי אַ קישן צוקאָפּן,
און אָפטמאָל אַ מידער אַזוי כ׳פלעג אַנטשלאָפן דאָ ווערן.

*) ראָגיישעס — קוכנס געבאַקטע פון ווייצענעם מעל און פון בולבעס.

## 2

דער זיידע — אַ גבר אַ פאַרברוינטער פון זון און פון פעכיקע וועלדער—
געווען איז אַ ייד אַ ישובניק, כמעט ווי דער רייכסטער אין קולבעס*).
עס האָבן געשמעקט זיינע קליידער אין ריחות פון צייטיקע פעלדער,
און הענט האָבן זיינע געשוואַרצט זיך ווי סטעגעס צעאַקערט פון בולבעס.
ער האָט אין די וועלדער די שוואַרצע געטאָגט און גענעכטיקט צוזאַמען
מיט פילשטשיקעס — פאָניעס פון געגנט ווי בוריקעס רויטע, געזונטע,
מיט פלייצעס צעוואַקסענע, ברייטע און הויך ווי די מאָכיקע שטאַמען,
פאַרברוינטע ווי בראָנזענע האַרבסטן מיט גילדערנע שטראַלן באַזונטע.
און בייז איז געווען דער זיידע און תמיד פון שוויגן געהאַלטן.
געבראָדזשעט צעווישן די יאָדלעס אין מאָך דעם צעשויבערטן, קאַלטן,
ביז זון פלעגט אויף שפּיצן פון ביימער אַ רויטע זיך זעצן פאַרלעשן.
דאַן האָט זיך געאײַלט שוין דער זיידע אין כאַטע די וועטשערע עסן.
און טאָמער פאַרקלייבן זיך ווען אין פאַרנאַכטן די פעטערס — געזונטע שאַפאַרעס,
און ווילן אַ טשעפּע זיך טאָן מיט דערבייאיקע שיקסעס אַ ביסל,
הייבט אויפעט דער זיידע פאַרכמורעט דעם קאָפּ פון דער ליימענער שיסל
און בורטשעט אַרויס אַן אינכעסער: — יונגאַטשעס, וואָס מאַכט איר זיך נאַריש!...

---

*) קולבעס — אַ דערפל לעבן פּאָנעוועזש, ליטע.

## 3

אָון ווי נאָר אַ סימן פון פראָסט אויף די דעכער באַגינען אין שטילן,
און ווילדע געשרייען פון אָקאָרשט געקומענע ראָבן, —
טוט אויסעט פּאַמעלעך דער זיידע פון קאָפּ זיינע תּפילין
און גייט אונז צו וועקן: — די בולבעס איז צייט שוין צו גראָבן.
נאָר מיר ווילן קיינער דעם שלאָף אַזאַ זיסן צערייסן.
דער מזרח הייבט אָנעט צו שפּראָצן און נאָר־וואָס צו טאָגן.
אויף דרויסן, אין האַרבסטיקן נעפּל, פאַרגליווערטן, קאַלטן און ווייסן
עס וואַרט שוין פאַרשלאָפן אַ רויקע קליאַטשע געשפּאַנטע אין וואָגן.
דער זיידע פאַרגאַרטלט דאָס פּעלצל אַזוי ווי אַן אמתער פּויער,
לאָזט לאַנגזאַם, פּאַמעלעך ביים זייט פונם וואָגן זיך שפּרייזן,
און ס'קנוילט זיך געדיכט פון זיין פּיפּקע אַ רויך אַ פאַרנעפּלטער, גרויער
אין שטילן באַגינען פאַרפלאָכטן אין זילבערנע קרייזן.
צופרידן פאַרציט ער דעם רויך אין די לונגען מיט עטלעכע ציען
און נעמט עס צוריק דורך די וואָנצעס פאַרגעלטע אַזוי ווי די פּיפּקע צעזויען.
דערשרעקן זיך מחנות סאָראָקעס און ווילדזיניק טאַנצן און פליען
אויף האַרבסטיקע פעלדער און לאָנקעס און קראַקען און שרייען.

## 4

אַ שפּרונג און אַ טאַנץ און אַ הילכיקער, יונגער געלעכטער.
מיר פלעגן ווי באָב זיך פון קויטיקן וואָגן צעשיטן.
די באָבע – פאַרקאַשערט די פּאָלעס אַזוי ווי די דאָרפישע טעכטער,
דער זיידע, ער שטייט און ער פּיפּקעט זיין פּיפּקע אינמיטן...
רויט־באַקיקע שיקסעס און גויעס מיט קאָשיקעס קומען,
צו פעלדישער אַרבעט אינאיינעם כדי זיך צו נעמען.
הייבט אויפעט דער זיידע נאָך ברייטער די זילבערנע ברעמען,
– אַ צי פאַר די לייצעס, און גייט נאָך דעם אַקער דעם שטומען.
אַ שניט נאָך אַ שניט, און עס לייגן זיך שוואַרצע אויס פּאַסן.
אין ערד און אין בלאָטע הייבט אָנעט צו שמעקן די געגנט.
אַ נאַכט האָט אַ פוילע, אַ קאַלטע מיט האַרבסטיקן טאָג זיך געזעגנט,
און ס'האָט אַזוי קרענקלעך גענומען אַ יעסנע־באַגינען זיך בלאַסן.

## 5

צעזייט און צעשאָטן. מע טופּעט, מע קלײַבט פולע קאָשיקעס בולבעס.
עס ציט דורך אַ ווינטל אַ שאַרפער און שפּרייט אַ פאַרגליווערטן נעפּל.
און רויטע, געזונטע ווי צייטיקע, זאַפטיקע עפּל —
אויף פעלדער צעאַקערטע וואַקסן די טעכטער פון קולבעס!
ביז איבער די קני זיך פאַרקאַשערט די צערקישע*) קליידער,
די באָרוועסע פיס אין דער קלעפּיקער ערד אַיינגעגראָבן.
מע גייט נאָך דעם אַקער, מען קאָסקעט די בולבעס כסדר
מיט ערדיקע הענט ווי די גלאַנציקע פליגל פון ראָבן.
און ס'אָטעמט זיך פרייער און ברייטער מיט האַרבסטיקע, פעלדישע ריחות,
עס צעפּלען זיך פולע און היציקע מיידלשע ברוסטן,
און ס'אַרבעטן אַלע ווי רוחות מיט גאָר-איין די כוחות,
ביז נאַכט נעמט זיך שאַרן אַזוי אין דערבייאיקע קוסטן.
און דאַן פלעגט דער זיידע אַראָפּלאָזן ווידער די ברעמען,
אַ וויש טאָן דעם שווייס מיטן אַרבל פון שמוציקן שטערן,
און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען אָוונט פלעגט טונקעלער ווערן —
זיין ליימענע ליולקע פאַרציען און רויכערן נעמען.

---

*) צ ע ר ק ע ס — אַ היימישער געוועב פון באַוול מיט וואָל, פון וואָס דאָרפישע פויערים נייען זייערע בגדים.

## 6

דאָס פעלד איז געלעגן פאַרחלומט, צעגריבלט אין גריבער, צעפּאָקט און צעאַקערט.
עס זיינען פאַרשוויגן געוואָרן אויף לאָנקעס די פויערשע קאָסעס.
די שקיעה, זי האָט זיך אויף שפּיצן פון ביימער און מאָכיקע קוסטעס צעפלאַקערט
און דאָרטן אין דערפל — געצונדן די שויבן אין גאָלד בין-השמשות.
איך בין לעבן זיידן געשטאַנען, געקוקט אויף די שוואַרצע לישייעס,
וואָס האָבן אַזוי זיך געטונקלט ווי שמאַטעס אויף נאַכטישע פעלדער.
און ס׳האָבן זיך ווילדע געצויגן דערשראָקענע האַרבסטיקע סטייעס
סאָראָקעס מיט הילכיקע קולות פון רויטע, צעפלאַקערטע וועלדער.
און לאַנג כ׳האָב געקוקט נאָך צעטומלט אויף קראָישע נאַכט-קאַראַוואַנען.
ווי שדים זיי דרייען זיך אומעט, די שוואַרצע סאָראָקעס...
נאָר פּלוצים אַ ברום טוט דער זיידע: „וואָס שטייסטו די הענט אין די באָקעס?
ס׳אי שפּעטיקע נאַכט דאָך געוואָרן, שוין צייט דאָך דאָס פערדל צו שפּאַנען".
און דאַן פלעגט אַ האַרבסטיקער ציטער מיין קערפּער דעם גאַנצן באַרירן.
דאָס פעלד האָט אין נאַכט זיך פאַרוויקלט, און קלינגען הייבט אָנעט די גרודע*).
עס ווערט עפּעס קעלטער אַ ביסל, ס׳איז גרייט שוין אַ פרעסטל צו פרירן,
און אַלע מיר גייען אַהיים צו דער נאַכטיקער סעודה.

*) גרודע — איינגעפראָרענע בלאָטיקע וועגן און פעלדער.

## 7

די באָבע צעעפנט פּאַמעלעך דעם אויוון און נעמט זיך אין זשאַר דאָרטן פּאָרען.
— נו גיכער! שרייט זיידע — דערלאַנג די אַכילה! ווי ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? נאָר באַלד נעמען ריחות פֿון זודיקע בולבעס אין חדר פֿון אויוון זיך רייסן, און ס׳הערן זיך פּעטע, געשמאַקע מאכלים. דאַן שווייגט שוין דער זיידע דער כּעסן...
— „אַ קאָרענער מאָגן" און בולבעס פֿאַרבראַוינטע געטושעט אין יויך פֿון פּיסנאַגעס. אַ טיש מיט אַ שנייאיקן סערוועט געדעקטער אַזוי ווי אויף גויאישקע חגאס... ווערט זיידע צופֿרידן, אַזוי ביי דער לוינע. קאָמאַנדעוועט — חברה! נו, גיכער, צעקנעפּלט די בייכלעך און רייבט ווי אַ מזמור, אַז גיין זאָל פֿון אַלצדינג אַ וויכער. מע רייבט און מע קייט און מע לעקט אָפּ די פֿינגער. מע רוט זיך צעפּאָרעטע, שטילע.

עס מאַכט נישט: — די באָבעשי קאָן, ווען זי וויל נאָר, דערלאַנגען אַ זאַטע אַכילה! דער זיידע ווערט מידער פֿון סאָפּען און בלאָזן, צעקנעפּלט קאַפּאָטע און וועסטל — — כע־כע, ווי פֿאַרמאַטערט. מע שוויצט שוין אַפֿילו. ווייזט אויס שוין צערונען דאָס פֿרעסטל.

## 8

און טאַקע. אויף מאָרגן מען איז מיט די הענער צוגלייך אויפֿגעשטאַנען.
עס זיינען נאָך שיטערע, ווייסע און דריבנע געלעגן אויף זומפּן טומאַנען.
דער זיידע אַרויס איז אין דרויסן אויף קויטיק-פֿאַרכליאַסקעטע וועגן,
אַ צי געטאָן טיפֿער דעם אָטעם, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זאָג: עס אי
קאָנטיק אויף רעגן.
דאַן האָט מען געאַרבעט דעם גאַנצן פֿרימאָרגן, דעם גרויען און קאַלטן.
מע האָט אויפֿן בלאָטיקן גאָרטן די בולבעס אין קאָפּטשעס אויף ווינטער באַהאַלטן,
מע האָט זיך אַ טאָג צווישן בייטן אין ערד און אין קלעפּיקער בלאָטע געקנאָטן:
די גריבער מיט שטרוי אויסגעפּראַוועט, מיט טרוקענער ערד זיי פֿאַרשאָטן;
און ס'זיינען געשטאַנען די קאָפּטשעס פֿאַרפּולטע מיט בוריקעס, בולבעס און מערן.
– ווער ווייס? – האָט געזיפֿצעט די באָבע דערשראָקן – זיי זאָלן נאָר ווינטער
פֿאַרפֿראָרן נישט ווערן.
דערפֿאַר, אויבע גאָט וועט אונז שענקען דאָס לעבן, וועט סטייענען בולבעס
אַזש ביז איבער שבועות.
– היי, ענדיקט די אַרבעט! – צעשרייט זיך דער זיידע. – אָט נאַדיר אינמיטן
דעריינען אַ שמועס...
און טוט זיך אַ טרייסל, גלייכט אויס זיינע פּלייצעס, אַ וואָרף אָן אַ זייט די לאָפּאַטע.
שטייט רויִק אַ רגע, פֿאַררויכערט זיין ליולקע און שלעפּט זיך פֿאַרמאַטערט אין כאַטע.
ערשט שפּעטער אַ ווײַלע, ביים וואַרעמעס עסן, געוואָרן פֿאַרכמורעט אַרום איז
די געגנט,
און אומעטיק עפּעס אַזוי איז געוואָרן. סע האָט זיך אַ האַרבסטיקער רעגן צערעגנט.

■

## 9

דער האַרבסט איז אַ גאַנצער בן־בית אין דערפל אין קליינעם געוואָרן:
ער שפּרייזט דאָ אַרום ווי דער זיידע און כּעסט כּסדר אַ שטרענגער.
די טעג ווערן שווערער און גרויער, די נעכט — מרה־שחורהדיק־לענגער
און ס׳טרעפט, אַז באַגינען די דעכער, זיי זיינען מיט טוי ווייס באַפּראָרן.
עס שטייען די אָדרינעס אַלטע פון קעלט און פון רעגנס פאַרקאָרטשעט,
און עפּעס אַ שטיפער אַ ווינטל צופּט שטרויענע דעכער און וואָרטשעט...
דאָס קלייטל מיט קרייטעכער, בלעטער האָט וואַרעם די באָבע באַהאַנגען,
וואָס זי האָט געטריקנט דורך זומער אויף פּלייטן און הילצערנע שטאַנגען...
דער זיידע, ער פּאַדעט אַרומעט און פּיפּקעט זיין ליימענע פּיפּקע.
עס טריפט זיך פונאַנדער דער אומעט אויף מאָרגעס מיט טונקעלן כּישוף,
און ס׳דוכט זיך: — פון ווייטן עס דרעמלט פאַרשלאָפן די עלנטע שטיבקע,
אַזוי ווי עס דרעמלען די פעלדער און וועלדער פון שטילן, פאַרחלומטן ישוב.

## 10

א ין חשכות האָט הייזעריק־טרוקן צעסקריפּעט אַ הילצערנער סווירטעס*):
אַ שיקסע אַרויס איז נאָך וואַסער ביים מאָכיק־באַוואַקסענעם ברונעם.
עס האָט זיך שוין ווידער אַ פלאַמיקע שרפה אין טונקעלן אָוונט צערונען,
און ווייט האָט דאָס טייכל געפליוסקעט אין בּרעגעס. אָט ווערט עס אַנטשוויגן —
פאַרפרירט עס.
די פעלדער, זיי זיינען ווי שוואַרצע רצועות צעוויקלט אויף וויאָרסטן געלעגן,
און ס׳האָבן זיך זומפּן און שליאַכן געטריקנט פון קאַלטן, פון שמוציקן רעגן,
און שוואַרצע סאָראָקעס אויף בלאָטיקע מאָרגעס, זיי זיינען געקומען שוין ווידער,
און האָבן מיט שרעקלעכע קולות אין אָוונט די שטילקייט צעשטערט פון דער געגנט.
און עפּעס אַהינטער די וועלדער און פעלדער מיט בענקשאַפט און האַרציקע לידער —
אַ מיידל אַ בלאָנדע מיט אויגן פאַרווונדערט האָט בלאָנד־רויטן אָוונט באַגעגנט.
דער זיידע אַרויס איז אַ רגע אויף דרויסן, זיך צוגעהערט צו די געשרייען,
און באַלד איז אין שטוב ער אַריין אַ פאַרקלערטער: — געוויס וועט ביי נאַכט
שוין היינט שנייען.

*) סווירטעס — דער הילצערנער שטאַנג פון ברונעם, אָן וואָס מע טשעפּעט צו דעם עמער.

## 11

און טעג פֿלעגן קומען און ווידער אַוועקגיין אין בלויע, פֿאַרחלומטעווייטן,
ווי וואַנדערער—בלעטער, וואָס מעשענער האַרבסט האָט אויף עלנטע וועגן פֿאַרלאָרן.
אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן אין קולבעס פֿון כמה וכמה שוין יאָרן,
ווו ס׳פֿלעגן זיך פֿרילינגס און קופּערנע זומערס אויף שטאָלענע ווינטערס פֿאַרבייטן.
און יידן-שאַפּאַרעס דאָרט זיינען געוואַקסן ברייט-פּלייציקע, הויכע, געזונטע,
אַזוי ווי די מאָכיקע, בראָנזענע יאָדלעס מיט גילדערנע שקיעות באַזונטע:
– אָן קלעמעניש טיפֿע, מיט קלאָרע מחשבות, אָן צווייפֿל, אָן פּילפּול, אָן זאָרגן –
מיט שטייפֿע נאַטורעס און אייזערנע רצונס אַזוי ווי דער פּראָסטיקער מאָרגן.
און רחבותדיק האָבן געאָטעמט די ניידעס אויף האַרבסטיקע פֿעלדער – אַ חיות!
געשוויצט און געאַרבעט, געקוויקט זיך דאָס לעבן מיט ראָזעוון ברויט און
מיט בולבעס.
געטאָגט אויף די פֿעלדער פֿון אָנהייב באַגינען ביז שפּעטע, פֿאַרבלוטיקטע שקיעות,
און פֿרישע געבראָדזשעט אין האַרבסטיקע וועלדער, מיט וואָס ס׳איז נעבענטשט
געווען קולבעס.

## 12

ווער קאָן זיי, ווער ווייס זיי, די וועלדער פון קולבעס, די גרויע, באַמאָכטע ישישים, וואָס ציען זיך אויסעט אויף צענדליקער וויאָרסטן און בענקען נאָך עפּעס און טראַכטן? נישט איינמאָל האָב איך שוין לעגענדעס און מעשיות און כּלערליי ווונדער און נסים פאַרנומען פון אַלטע אַרומיקע גויים אין סודותדיק-שטילע פאַרנאַכטן.
זיי פלעגן דערציילן די אַלטע „לעסניקעס”, און איך פלעג זיי האָרכן און האָרכן...
אַזוי ווי אַ גרויסער בין איך שוין געווען אין וואַלדישע מעשיות באַהאַוונט, — געוועבט און געפלאָכטן פאַרכישופט לעגענדעס פון ווייכן, פאַרצאַפּלטן שאָרכן; און שעהן-לאַנג האָב איך פאַרנומען די שלוה, ווען הייליק דער וואַלד האָט געדאַוונט.
יאָ, כ׳האָב געליבט זיי, די ליטווישע וועלדער, דעם גרינעם, פאַרטייעטן שווייגן, דעם גאָסטינעצ בּרייטן, ווו ס׳האָבן געצויגן זיך ווינטער און זומער אָבאָזן...
אין וואַלד כ׳האָב געפלאָכטן מיין קינדישן חלום צוזאַמען מיט קנאָכיקע צווייגן, און כ׳בין דאָרט מיט פּאַפּאָרטניק קאַלטן געוואַקסן — מיט וואַלדישע עלנטע גראָזן.

## 13

באָר ווינטער, ווען ווייסקייט אין ווייסקייט פלעגט נעמען זיך וויקלען און שפּיגלען,
ווען יום-טובדיק-שטילער אַרום פלעגן שוויגן פאַרפּושנעטע פעלדער, —
זיך שלעפּעריק שפּרייטן אין זוניקן חלל ווי שוימיקע, שנייאיקע פליגלען,
— דאַן האָב איך פאַרנומען דעם באַנגלעכן אומעט פון ליטווישע וועלדער.
אָ, ס'אַראַ קדושה און שטילקייט די וועלדער באַשנייטע צעווייען! —
אַ רחבות, אַ ברייטקייט, אַ ווייסער, צעבליטער גן-עדן...
און קרויזנדיק פלעכטן זיך בלייכע גירליאַנדעס פון זילבערנע שנייען
און הייליק באַקראַנצן אָט פונקט ווי אין מעשיות דעם וואַלד מיט זיין שומר —
דעם זיידן.

## 14

דער וואַלד האָט געציילט און פון אייביק געחתמעט די אַלטע, פאַרוואָרצלטע דורות פון בערדיקע יידן, ווי קאָרטשעס באַמאָכטע, פון אונזער פאַרצווייגטער משפחה, וואָס האָבן געקוואָלן און פרישע געצייטיקט, ווי ס׳צייטיקן האַרבסטיקע פירות אין דאָרפישע סעדער אין שטילע באַגינענס געבענטשטע מיט הימלשער ברכה. און פשוט, נאַטירלעך, ווי פויערים פראָסטע אין כאַטע אויף הילצערנע נאַרעס, זיי פלעגן זיך אַלע אין אָוונטן ווייסע פאַרקלייבן די קולבער שאַפּאַרעס — דער זיידע, די באָבע, די פעטערס און מומעס, סך-הכל אַזוי זאַלבעזעכצעט. געדוכט האָט זיך תמיד, אַז אָט-אָט דאָס שטיבל פון ענגשאַפט צעשפּאַלט זיך און קרעכצעט...

נאָר גאָרנישט! — אַן אָפּרו, אַ מקום-מנוחה מיר פלעגן דאָרט אַלע געפינען. געדוכט האָט זיך תמיד די יאָדערנע פעטערס, אַז ס׳קען גאָר נישט געבן ווי גראַמער אין ווינטער-נעכט ווייסע, אין בלייכע פאַרנאַכטן, ווען בלוטיקע שקיעות צערינען אויף גלימיקע שנייען און עלנטע וועגן, ווי דאָ ביי דעם זיידן אין קאַמער.

## 15

און דאָ, אין דעם קליינעם, פאַררויכערטן שטיבל מיט בלאָטיקע, ערדיקע דילן,
דאָ פלעגן שדכנים פון געגנט פאַרפאָרן, די מומעס שידוכים דאָ ריידן.
דאָ קומען כלי־זמרים אויף מזל־טובס, שמחות, אויף חתונות פריילעכע שפילן.
און אַלע — מע שפירט זיך געמיטלעך און היימיש ביים אַלטן ישובניק, דעם זיידן.
דער זיידע געווען איז ברייט־האַרציק און פריינדלעך, צו כיבוד און משקות אַ בעלן.
האָט תמיד געהייסן דער באָבען מיט „עפעס" די חשובע אורחים טראַקטירן:
— אַיי, קרעסע, זיי מוחל צו ביסעלעך בראַנפן. ס'אי סיי־ווי דאָך אַלץ שוין פאַרפאַלן,—
טאָ לאָזט זיך נישט בעטן, רב' יידן, לחיים! דערוואַרעמט די גלידער, וואָס פרירן...
און תיכף פלעגט באָבע אַ טישטוך פאַרשפרייטן, דעם טיש מיט מאכלים באַשטעלן:
— זייט מוחל, זייט מוחל, פאַרשעמט אונז נישט קולבער... שמעקט אָפּעט פון
היימישע קנישעס.
דער זיידע פלעגט זיצן אַ קלוגער און שווייגן, פון תענוג צערינען און קוועלן;
די באָבע — געטראָגן, געטראָגן פון קלייטל די טעפּ מיט די פולע לאַדישעס —
„געוואַרעמטע סמעטענע", זויער־מילך, פוטער און גערע, געטריקנטע קעזן
(ס'האָט קיין זאַך געפעלט, קיין עין־הרע, ביים זיידן. פון אַלצדינג צו ביסלעך געווען).
מע איז דאָ ביז טיף אין דער נאַכט זיך מכבד, מע שמועסט געמיטלעך, צופרידן,
אַזוי ביז דער מזרח נעמט זוניק זיך רויטלען און שפּיגלען אין טונקעלע שויבן.
דאַן תיכף נאָך שחרית צעפאָרן אין ווייטן די רויקע, בערדיקע יידן.
מיט האַרציקע ברכות צעשיידן זיך אַלע און לויבן דער באָבען און לויבן.

■

## 16

און דאָ אין דער כאַטע, אין ווינקעלעך שטילע פאַרקלייבן די ציגן זיך ציקלעך.
די קו פירט דער זיידע אַריין זיך דאָ קעלבן — אין שטאַל קאָן זי ווערן דערפראָרן...
און דאָ פלעגט מען צווישן די קעלבלעך און היגער די זויג-קינדער באָדן
און וויקלען,
וואָס ס'פלעגן מיט מזל די בריהשע מומעס פאַר זייערע מענער געבאָרן.
און אונזער משפחה, וואָס ווייטער אַ חודש געוואָרן איז גרעסער און גרעסער.
סע האָט זיך נאָך קיינמאָל געטראָפן, אַז עמעץ זאָל זיך אויף זיין גורל באַקלאָגן.
גאָר פאַרקערט: — די באָבע, דער זיידע, די פעטערס, — זיי שפירן זיך אַלעמאָל בעסער,
ווען עפעס אַ צווילינג אין מוטערשן אוצר הייבט אָנעט אַ מומע צו טראָגן.
אַ גדולה! אַ שמחה! אַ קלייניקייט עפעס? — אַ יונג מיט די ביינער אַוודאי!
מיט אומגעדולד וואַרטן שוין אַלע צוזאַמען, די גליקלעכע רגע זאָל קומען.
אַזוי פלעגן אָנקינדלען מומעס דורך ווינטער ווי קעלבלעך, להבדיל, אַ סטאַדע,
וואָס ווערן צעשאָטן אין פרילינג אויף לאָנקעס זיך פיטערן צווישן די בלומען.

■

## 17

סוף כסליו. צו קולבעס דערקייקלען זיך ווייטע פון קעלטן די שפורן,
און קויפיקע הויפנס דעם גאָסטינעץ ברייטן מיט פוכיקע שנייען באַשיטן.
באַווייזט זיך אין דערפל ווי אויף אַ רפואה דער ערשטער קאַצאַפּישער שליטן,
און שפּעטער – שוין גאַנצע אָבאָזן אין לענגען צעצויגן פון פויערשע פורן.
געאַרבעט דער זיידע האָט דאַמלסט אין וועלדער פון תחילת באַגינען:
האָט אויסגעמאַכט קוויטלעך, געציילט די פורמאַנקעס און אָפּגעשיקט קלעצער
און ברעטער.
אַ שרעק ווי פאַרנומען! אויף עסן אַפילו דאַן פלעגט ער קיין צייט נישט געפינען,
– כּסדר געיאָגט און געטריבן די גויים צוזאַמען אַזוי מיט די פּעטערס.
נאָר שטענדיק, ווען ס'האָט זיך דער מערב געלאָשן אין שיין פון צעשאָטענע שטערן,
דאַן פלעגן זיך אַלע בראש מיטן זיידן אַהיים צו דער וועטשערע קערן –
פאַרפּושנעט, פאַרגליווערט, די וואָנצעס באַפראָרן. – נו־נו, היינט געאַרבעט אַ ביסל!–
פאַרכמורעט זיך זיידע אַריבער דער פאַרע פון פּולער און זודיקער שיסל.
און נאָכדעם ער שלעפּט זיך פאַרמאַטערט צום אויוון – דערוואַרעמען כּלומרשט
די גלידער...
און תּיכּף, ווי נאָר אין האַרובע דערברענען די טרוקענע לעצטע באַלאָנעס, –
ער שלאָפט שוין צעפרייעט אַזוי ווי געהרגעט און כראָפּעט און שנאָרכעט אַ מידער,
נאָר באָבעשי גייט נאָך אַרום און זי זיפצעט: – פאַרמאַטערט... אַזאַ מין רחמנות...

## 18

דער ווינטער געקומען איז פרי אומגעוואַרט און פון קיינעם גערופן.
אַראָפּפירן האָט מען אַפילו דאָס היי פונעם זומפּ נישט באַוויזן.
האָט העלדיש אַ פרעסטל אַזוי זיך צעבעריעט, פאַרשיכּורטערהייט, בגילופין,
און ס'זיינען פאַרשנייט שוין געשטאַנען די וועלדער ווי ווייסע, באַפּאַנצערטע ריזן.
דאַן האָט זיך אַ סדרה פון אַרבעט אין בלייכע פאַרטאָגן צעוויקלט.
מע פלעגט זאַלבעאַכצעט אַרויסגיין דעם גערשטן אין דאַרזשענע „מלאָצען".
דורך נאַכט – שוין געפונען די דעכער און פלייטן אין דערפל באַניקלט,
און עפעס אַ שמחה אַ ברויזיקע, ווייסע אין ברוסטן נעמט ציטעריק שפּראָצן.
דאַן פול מיט התמדה, ווי איינער, זיי האָבן זיך אַלע צוזאַמען געסטאַרעט: –
פאַרקאַשערט די אַרבל, די ליינענע העמדער צעכראַשטשעט ביים בוזעם, צעריסן...
עס האָבן די היציקע פּעטערשע לייבער ווי שוימיקע קליאַטשעס געפּאַרעט,
און ס'האָט זיך געהערט, ווי די ברויזיקע בלוטן אין אָדערן שפּאַרן און פליסן.
אַ יאָדערנע שיקסע טוט שעלמיש אַ פינטל דעם יינגסטן פון פּעטערס בגנבה,
און ווידער באַהאַלט זי די ממזרשע אויגן אין לאַנגע, באַשאָטנטע ברעמען.
נאָר דאַן וואַרפט אַרויף זיך דער פּעטער צערייצטער אויף יענער פאַרשייטער נקבה,
און תאוהדיק, היציק אין אַייזערנע אָרעמס ער וויל זי פאַרקלאַמערן נעמען...
„טי שעלמע, אַדעלע!" – ער ברומט און ער פלאַקערט. זי הייבט זיך אָן ווערן און רייסן.
די באַקן צערויטלט ווי זוניקע שריפות און זאַפטיק ווי עפל און וויינ־יק.
אַזוי ווי אַ קאַלב, נעמט זיך צאַפּלען איר קערפּער אין פראָסטיקן מאָרגן אין ווייסן,
ביז פלוצים צערעוועט זיך היליכיק דער פּעטער פאַרכליניעט פון גליק און פון תענוג!

## 19

אַדעלע! די שענסטע פון קולבישע טעכטער. צופרידן, געזונט ווי אַ בידלע*)!
סיי זומער, סיי ווינטער איר מיידלשער קערפּער געשמעקט האָט אין מילך און
אין האָניק.
אַ בוזעם אַ פולער אַזוי ווי אַן אייטער, און הענט צוגעפּאַסט פּאַר אַ ווידלע**),
און ווילדזיניק גייען די פיס אירע טאַנצען באַגלייט פון אַ שייגעצס האַרמאָניק.
די אַקסלען פאַרברווינטע, ווי טונקעלע שאָלעכץ פון צייטיקע, רייפע קאַשטאַנעס,
זיי בריען, ווען ס'נעמט זיך אַדעלע פאַרדרייען מיט כלאָפּעס פון קולבער
מעשטשאַנעס.
און פלוצים אין טאַנצן — אַ בויג זיך צום פעטער: — איי, כאָטש פּאָטאַנצוי סאָ
מנאָי, אַבאַ! —
און ווידער משוגע זי לאַכט זיך פונאַנדער: — עך, סטאָיע יאַק סטאַראַיאַ באַבאַ! —
— טי שעלמע, אַדעלע! — נעמט אַבאַ מיט צאָרן די ציין אין די ליפּן פאַרשניידן,
און עפּעס אַ שמייכל פאַרקרימט זיך אַ בלאַסער פון וויטאָג אויף זיי און פון ליידן.

---

*) בידלע — אַ בהמה.

**) ווידלע — אַ הילצערנע גרויסע גאָפּל אָנצושטעכן שטרוי.

## 20

און אַבאַ—דער ייִנגסטער פֿון פּעטערשער כאָפּטע—אַ יונג מיט צעוואַקסענע ביינער,
אין שטיוול מיט פֿאַדקעוועס שווערע באַשמידטע—אַזוי פֿלעגט ער פּראַנטעווען תּמיד!
אַ גבר און אַ בעלן אויף פֿערד און אויף שיקסעס. אין דערפֿל געווען איז ער איינער,
וואָס האָט געקאָנט רייטן נאָך פֿלינקער פֿאַר רוחות און העלדיש פֿאַרציען אַ כאָמעט.
און ער, דער מוזיניק, מיט לייב און נשמה האָט האַלט געהאַט לאַנג שוין אַדעלען.
בשתּיקה פֿון ייִדן ער האָט איר אַפֿילו געבראַכט אַמאָל גלעזערנע קרעלן.
איז תּיכּף אַדעלע אַרויס צו די גויעס אַזוי מיט די קרעלן באַהאַנגען,
ביז וואַנעט פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך די מעשׂה איז סוף־סוף צום ייִדן דערגאַנגען.
דאַן האָבן קיין טענות און מענות געהאָלפֿן – אַפֿילו דער באָבעס תּחבולות...
עס האָט זיך דער ייִדע געהייסן באַזאָרגן פֿון שטאָל מיט די לעדערנע לייצעס.
– געהערט נאָר אַ ביסל! – האָט ער זיך צעפֿלאַקערט – מיט נאַפּקעס און
קולבער כאַמולעס!...
נאָר אַבאַ איז פּונקט ווי אַ גיבור געלעגן – קיין צוק נישט געטאָן מיט די פּלייצעס!

## 21

פאַרביסן, פאַרעקשנט, מיט אימפּעט און ווילן, אופאַרטע ווי פערד נאַראָוויסטע,
אַזוי האָבן פעטערס געטאָגט און געאָטעמט מיט אייגענע ליידן און פריידן.
זיי פלעגן זיך קיינמאָל דאָס לעבן נישט נעמען פון צרות און זאָרגן אומזיסטע,
— געראָטן ווי איינער, די יאָדערנע בנים, אין אַלטן, צופרידענעם זיידן.
באַוואַקסענע גלידער, די גופים ווי דעמבעס און באַקן צערויטלט און בלוטיק,
מיט ברייטע ווי דאָרפישע פעלדער נשמות, און אַלעמאָל פריילעך און מוטיק!
און ווי נאָר דער ווינטער מיט קעלטן און שנייען אין דאָרף האָט גענומען זיך רייצן—
אַזוי זיינען פעטערס מיט שכנישע גויים געגאַנגען דאָס בעדל שוין הייצן:
אַ מנין גבורים פאַרקלייבן זיך דאָרטן זיך בעזעמען, שמייסן און שוויצן...
די פאָניעס, זיי גיסן און גיסן אָן אויפהער אין שטיינערנער קראשנע די פאַרע,
אַזוי, אַז אין בעדל ווערט דושנע און פינסטער פון טונקעלער, זודיקער כמאַרע,
און קערפּערס צעגליען זיך פלאַמיקע, רויטע, אַזש בלוט נעמט פון
אויסווייניק שפריצן!
זיך אָנגעשוויצט זאַט, קריכט אַ פעטער, במחילה, אַראָפּ פון דער אויבערשטער פּאָלע
און תיכף לויפט נאַקעט אַרויסעט אין דרויסן, אַ רויטער, צעפּאַרעטער, נאַסער...
דעם אייז־דעק צעברעכט פונעם טייכל פאַרעקשנט מיט פיס ווי מיט בראָכ־
שטאַנגען גאָלע,
און באַך!... — בהרחבֿהדיק לאָזט ער זיך שווימען אין אײַזיקן, שניידיקן וואַסער.
און טאָמער אַמאָל האָט אַ צרה געטראָפן: — אַ קינד, אַ בהמה געפאַלן, —

האָט זיידע דער ערשטער דער באָבען געטרייסט שוין: — נו, קרעסע, גענוג שוין, ס'אי בלאָטע...

די באָבע פלעגט לאַנג נאָך אַרומגיין און וויינען, זיך אויסוויינען זאַט אין די שטאַלן, און תמיד פאַר שכנות אין דאָרף זיך באַקלאָגן: — נאַ סערדצע טאָ טאקאָ גריזאָטע.

## 22

מע האָט זיך ווי אַלעמאָל שפּעטער אַביסל דאַן גרייטן צום ווינטער גענומען.
עס האָבן געהאָרעוועט אַלע אויף דרויסן: — אין פעלד און אין שייער פאַרמאַטערט.
אַ שרעק, ווי דאַן זיינען די פּעטערס און מומעס געווען מיט דער אַרבעט פאַרנומען!
— סך־הכּל אַזוי אַרום חנוכּה עפּעס, זיי האָבן די אַרבעט געפּטרט...
דאַן האָבן זיך אַלע אין כאַטע פאַרקליבן — די גאַנצע משפּחה אינאײנעם,
און ס'זיינען נאָך שיקסעס מיט גויעס געקומען — אַ מנהג אַזאַ שוין אין קולבעס:
— ביים שעטקעווען קרויט אָדער גראָבן אַפילו אויף האַרבסטיקע פעלדער די בולבעס,
פאַרקלייבן זיך העלפן פון תּמיד ביים ייִדן די אַלע אַרומיקע שכנים.
ביז שפּעט אין דער נאַכט אין דער וואַרעמער כאַטע פאַרברענגט מען אין שטיפן
און לאַכן,
ביז וואַנעט דער מזרח פאַרחלומטער, בלאַסער נישט ווילנדיק הייבט אָן צו טאָגן.
דאַן ווייט אויף פאַרפּושנעטע, איינזאַמע וועגן און אַייזיק־באַשמאָלצענע שליאַכן
נעמט מונטערער ווינטער די מיידלשע לידער אין שנייאיקע הויפנס צעטראָגן.

## 23

אַזוי, אונטער שאַרפן פון שטאָלענע מעסערס עס זיינען די קרויטן געפלויגן.
די באָבע האָט לאַנג שוין ביים ברונעם אויף ווינטער פאַרווייקט אַלע דייזשעס
און טונען,
וואָס זיינען דורך זומער צעטריקנט געוואָרן, צעשפּאָלטן פון היץ און צערונען.
און ס'האָט זיך די אַרבעט ביז גרויען באַגינען ביים זיידן אין שטיבל פאַרצויגן.
אַ טומל, אַ רעש... דער ווייבערשער עולם געזשומט האָט ווי מחנות פליגן, —
האָט זיידע קיין סוף נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן און מיד זיך אַוועקגע-
שלעפּט שלאָפן.
די פּעטערס, זיי זיינען נאָך אויפגעלעגן, פאַרשוויצטע געקוקט און געשוויגן,
נאָר ס'האָבן זיך אַבאַס צעטומלטע בליקן גאַנץ אָפט מיט אַדעלעס געטראָפן...
דאַן פלעגט זיך זיין האַרץ ווי אַ קאַלב פאַרן קעלבן אין ברוסט-קאַסטן ברייטן
פאַרצאַפּלען, —
געדוכט האָט זיך אַבאַן, אַז אָט-אָט אַ רגע, און ס'וועט אין זיין לייב זיך
צעשפּרינגען.
מיט בליציקע טרערן פאַרגיסן זיך פולע מיט קויפן די ברעניקע אַפּלען,
און עפּעס דאָס בלוט אין די אָדערן זייגט הייבט אָנעט צו ברויזן און קלינגען.
— פאַרנורעט ער טיפער דעם קאָפּ אין די קישנס, די ציינער פאַרשניידט אין די ליפּן,
און פעסטער פאַרקוועטשט מיט דער האַנט ביי דעם גאָרגל — עס זאָל זיך נישט
הערן קיין כליפּען!

## 24

אַ סימן אויף טאָג איז דער זיידע מיט אַבאַן אין שטעטל אין נאָנטסטן געפאָרן. אויף חנוכּה פלעגט מען דעם איינציקן שוחט פון מעזישעק*) אַלע יאָר ברענגען. עס האָבן זיך שניידיקע ווינטערס צעבייזערט, אַ פראָסט האָט אַ שטאַרקער געפראָרן, און ס'האָבן די ווינטן מיט טרוקענע שנייען געשניטן דעם פּנים דעם שטרענגען. דער זיידע, דער גאַנצער פאַרהילט אין אַ וויקלע**), געהייסן האָט בעריעשער שמייסן. די פערד זיינען פלינקער פאַר אָדלערס געפלויגן. געשווומען אין שניי איז דער שליטן. „אַ גרויל, ס'אַראַ פושנעס!” האָט זיידע געצאָרנט, געטוליעט אין פעלץ זיך אין ווייסן:

— היי, אַבאַ, טרייב גיכער, מיר מוזן זיך אײַלן, דער שניי קאָן די וועגן פאַרשיטן!

צו מעריב מען איז שוין מיט מזל געקומען; פאַרפאָרן דירעקט צו רב' ליפען: — דער באָבעס אַ ברודער, אַ יידליק אַ געלער מיט אַקסלען פאַרשניטענע, שמאָלע האָט האָלט געהאַט ריידן און ציען די ווערטער, זיי קלייבן ווי אַרבעס און זיפּן... צו אים פלעגט דער זיידע פון תּמיד פאַרפאָרן צעשפּאַנען די פערד אין סטאַדאָלע. געוואָרן איז פריילעך ביי ליפען אין שטיבל: — אָ, זעט ס'אַראַ געסט, קיין עין־הרע! נו, זעצט אײַך, רוט אָפּעט... אַוודאי פאַרמאַטערט! שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ וועטער...

מע האָט נאָך געגעסן אַ באָרשטש אַ געזונטן, פאַרוויסטען אויף געלעכלעך קלאָרע, און אַלע עס זיינען געגאַנגען זיך לייגן דעם אָוונט ווי אַלעמאָל שפּעטער.

---

*) מעזישעק — אַ שטעטל צווישן קולבעס און פאָנעוועזש, ליטע.

**) אַ וויקלע — אַ ברייטער פעלץ, אָן אַרבל, זיך אַרומצעוויקלען אין זאַווערוכעס.

מע האָט נאָך גערעדט און געשמועסט אַ בּיסל. דערציילט זיך פֿון מעזישקער נייס. געפֿרעגט, וואָס עס מאַכן די באָבע, די מומעס, ווען ס'זיינען די קי זיך באַלאָפֿן, צי היי־יאָר וועט אויכעט די באָבע ווי תּמיד אָנפּלאָדענען געגנדזעלעך סטייעס,— בּיז וואַנעט אויף שלאָפּבּענק פֿאַרמאַטערטע, מידע מען איז דאָ געוואָרן אַנטשלאָפֿן.

## 25

די מעזישקער יידן – גאָר אַנדערע מענטשן, אין קולבער אַ האָר נישט געראָטן.
מע ווייס שוין פון סודות און קאַרגלעך אַ ביסל, מע רעדט לשון־הרע, רכילות,
מע ווייס נישט פון שמחות, פון פשטות און תענוג, פון פוי־ערשע זאַטע אַכילות,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך אין יעדערנס האַרצן פאַרגנבעט אויף אייביק דער שטן...
פאַראַן אויך נגידים, אַ סך באַלעבאַטים און פני און סתם פוסטע יחסנים, –
אויף כבוד און שבחים, אויף ברייטע גוטמאָרגנס און נאַרישע חניפות בעלנים.
נאָר זיי פלעגט דער זיידע אָן קיינע התפעלות פון תמיד פאַרבייגיין און וויכן.
אַ טבע אַזאַ איז ביי אים שוין געוועזן: – נישט אָפּגעבן כבוד דעם רייכן. –
„וואָס גרעסער דער נגיד, אַלץ גרעסער דער חזיר, ווער ווייס אַייך, די נאַקעטע
פליכעס!“ –
אַזוי פלעגט דער זיידע זיך שטעכן און וויצלען גאַנץ אָפט פאַרן גביר אין די אויגן.
און קיינמאָל האָט ער נישט געשעמט זיך חלילה פאַר זיי מיט זיין וואַלדישן יחוס,
פאַר סאַמע נגידים און פריצים אַפילו – זיין קאָפּ פלייגט ער קיינמאָל נישט בויגן...

## 26

ביי ליפען דער זיידע געשפּירט האָט זיך היימיש, כּמעט ווי ביי אַלעמען בעסער.
—ס'אי בלאָטע ווערט, ליפּע! באַדאַרף איך די סאַליעס, די גבירישע הייזער און שלעסער,
ווען כ'קאָן זיך מיר רויק, געמיטלעך צעלייגן אָט דאָ אויף דער הילצערנער נאַרע,—
פלעגט זיידע זיך חידושן תּמיד צופרידן און בלאָזן פון ספּאָדעק די פּאַרע.
— אַוודאי, אַוודאי, גערעכט, הירשע-הלל! — געשיינט האָט פון פרייד שרה-רייזע
(אַ יידענע הויכע מיט פליישיקע באַקן און בייכיק און גראָב ווי אַ דייזשע).
— מע זעט דאָך די טובֿות פון אונזערע קרובֿים! — פלעגט זי זיך שוין נעמען באַקלאָגן.
— אַזוינע גבֿירים און אונז וואָס זיי גיבן — אַליין זאָלן זיי דאָס פאַרמאָגן! —
און טאַקע דעריבער פלעגט אפשר דער זיידע די רייכערע קרובֿים פאַרמיידן.
מיט פּינען אַפילו — זיין לייבלעכן ברודער — ער פלעגט זיך דאָ טרעפן נישט וועלן.
זיין יידענע כלומרשט, זי האָט זיך געפריינדלט — פון אייגענע מוז מען דאָך ליידן...
און תּיכּף מיט כּבֿוד, מיט בראָנפן און לעקעך דעם טיש פלעגט זי הייסן באַשטעלן.
נאָר זיידע האָט תּמיד פאַרשטאַנען די לאַסקעס, וואָס ער קאָן ביים ברודער געפינען,
און אַלעמאָל אַבאַן פאַרקירעווען הייסן צו ליפּען — נישט דווקא צו פּינען.

## 27

מען קערט זיך צוריק מיטן שוחט צו ק לבעס, אין כאַטע ווערט יום־טובדיק ווידער.
אַ ווטשערע זאַטע... געוואַשן צום עסן... דער זיידע דערוואַרעמט די גלידער..
און נאָכדעם דער שוחט דערלאַנגט זיך אַ שאָקל: „רבותי, מיר קענען שוין בענטשן".
די באָבע קלייבט נחת: — געלויבט גאָט, די קינדער מע האַלט שוין פאַר
גאַנצענע מענטשן!...
צעשאָקלט, צעוואַרעמט. מע זינגט מיט אַ ניגון. מע בענטשט מיט כונה במזומן.
און תיכּף מע האָט זיך אַזוי מיט התמדה צו נאַכטישער אַרבעט גענומען: —
דער שוחט האָט אָנגעשטעלט שאַרפע חלפים, אויף דרויסן אַרויס צו דער שחיטה.
סע האָט אים פאַרמאַטערט באַגלייט צו די עופות אין שטאַל דער צופרידענער זיידע.
זיין פּנים געשטראַלט האָט אין נאַכטישער חשכות ווי זילבערנע שנייען צעבליטע,
און ס'זיינען די געגדז מיט די שווייסיקע שעפסן אַוועק צו דער רויטער עקדה...

■

## 28

אין שטאַל איז געוואָרן אַ בוינע, אַ יאַטקע, פון בהמות און גענדז אַ קצבות
(אַזוי האָט געפירט זיך פון לאַנג שוין ביים ייִדן, פון צענדליקער יאָרן אַוודאי).
עס זיינען געלעגן געקוילעטע שעפסן מיט אויגן פאַרגלאָצט ווי ביי סאָוועס,
און גענדז האָבן שטילע אויף דר׳ערד זיך געצאַפּלט אַ גאַנצע פאַרבלוטיקטע סטאַדע.
דערנאָך פלעגט מען נעמען זיי שלעפן אין שטיבל, זיי אָנהייבן פליקן און שינדן.
דער ייִדע פאַרמוחט פרוווט ראַטן און טרעפן, די גענדז וויפיל שמאַלץ וועלן האָבן.
ער ליבט די מלאכה, און ס׳גלוסט זיך אים שטענדיק די עופות די פיסלעך צעבינדן,
אַ צופּ טאָן אַ פעדער, אַ פּאַטש טאָן אַ בייכל און כאַפּן אַ קוק אויף דער באָבען...
די טולכלעך צעפּנט — צערינט ער פון נחת און שבתדיק הייבט אָן צו שטראַלן.
ער חכמהט זיך כלומרשט אַזוי מיט דער באָבען, די ווייבער באַגייסטערטע לאַכן...
— אַיי, קרעסע, פּאָווילע! דו קאָנסט נאָך חלילה אַמאָל די מענושעס פאַרגאַלן,
כע, פרעגט מיך בחורם — די גאַל ווו ס׳געפינט זיך — דאָס זיינען דאָך ווייבערשע זאַכן...
און „קינדזיקעס” פּעטע מע זאַלצט אָן אויף ווינטער, אַזוי ביזן פרילינג זאָל קלעקן.
אין שעפּסענע בייכלעך פאַרוויקלט די פריידקעס... די הענט זיינען מיד שוין פון שטאָפּן...
אין שאַרפע גערוכן פון פעפער און קנאָבל די כאַטע הייבט אָנעט צו שמעקן,
נאָר מערער פון אַלץ טוט הנאה דער באָבען: — ס׳וועט זיין נאָך אַ קישן צו קאָפּן...

## 29

אין קלייטלביים זיידן עס שטייען שוין פולע די זאַסיקעס אַלע מיט תּבֿואות:
מיט ווייץ און מיט גערשטן, מיט אַרבעס און קאָרן פון בעסטע, געראָטענע זאַנגען.
דאָ קאָן מען געפינען פאַרשיידענע גראָזן און פלערליי באַבסקע רפֿואות,
ווי מאָן-קעפּ, למשל, מיט הייליקער „רוטע"*) און בינטלעך מיט מענטע צעהאַנגען
— פאַר גרעבסן און קאָקלעס, פאַר מאָזלען און ווערים, פאַר ווינט-פּאָקן
פלומרשטע סגולות.
פון קימפּעטן שווערע און קרעץ, עין-הרעס - געוויסע באַוואוסטע תחבולות,
געוווּסט האָט די באָבע אויך מיטלען אַפילו אַ שד ווי-אַזוי צו פאַרטרייבן: —
באַשמירן די שוועלן און ווענט פון סטאַדאָלע מיט זודיקן בלוט פון וואָראָנעס...
ווי פויערטעס פראָסטע פלעגט באָבע דורך זומער די קרייטעכער זוכן און קלייבן,
אַזוי האָט געגלויבט זי מיט ריינער אמונה אין אַלע אָט די זאַבאָבאָנעס.

*) ר ו ט ע — אַזאַ מין גראָז, אַגב — די ליטווישע נאַציאָנאַלע בלום.

## 30

א יום־טוב אַ ווייסער. דער טאָג ליגט פאַרוויקלט אין זוניק־באַהאָפטענעם קיטל.
עס גלימטשערן וועגן און פעלדער פאַרחלומט, צעבליט ווי מיט זילבערנע ווייצן.
סע וואַרטן די שליאַכן אויף שפעטיקע אורחים, באַוואָרנט מיט עלנטע קרייצן.
און אַלע דערציילן, פאַרטרויען בלחש: — אַ יום־טוב... דער הייליקער ניטל...
און יעזוס געהייליקט פון אַלטע צלמים, צופרידן די שליטנס באַגלייט ער.
ער הענגט דאָ געקרייציקט און וואַרט אַ פאַרבענקטער אויף פוכיקע, ווייכע קאַליידן.
זיין פנים — פול רחמים און ליפּן פאַרציטערט אויף רויקע וועגן באַשיידן,
אויף גאָסטינעצן ברייטן, וואָס תמיד פאַרקלאַמערט דער וואַלד ווי אַ זקן באַשנייטער.

■

און ווער קען דאָס זאָגן, אַז קולבעס פון קדושה קאָן אויך אין אַ יובל געניסן?
— די פויערים אַלטע — אין נייע זשיפּונעס אויף חגא בכּיוון געניייטע,
אין לאַפּטשעס מיט אָניצעס ליינענע, קלאָרע — גלייך וואַלדישע וועגן באַשנייטע,—
פאַרציען די ליולקעס און פריינטלעכער עפּעס, ברייט האַרציק דעם זיידן באַגריסן.
די גויעס, זיי זיינען נאָך תחילת באַגינען אין קלויסטער צו תפילה געגאַנגען.
— איז עפּעס אין קולבעס אי רויק-געמיטלעך, אי שלעפעריק-באַנגלעך געוואָרן.
נאָר שפּעטער, צו מעריב, עס האָט זיך דערטראָגן פון גאָסטינעץ ווייטע געזאַנגען:
— צוויי שליטנס עס זיינען געפּאַקטע מיט כלאָפּעס פון שכנישן דערפל פאַרפאָרן.
איז פריילעך געוואָרן פון ביר און פון בראַנפן, פון היימישע בראָגע געברייטע.
עס האָבן געקלונגען און טעמפּע געטשאַקעט די שוימיקע, ברויזיקע קרוזשקעס.
פאַרפוצטע אין צערקעס מיט שטענגעס און קרעלן, פון וואָכיקער אַרבעט באַפרייטע,
עס זיינען געקומען אַ טאַנץ טאָן די שיקסעס אין קולבעס אויף נאַכט-„וואַקאַרושקעס".

■

# 32

מיט יאָרן צוריק האָט די אַלטע באַרבאַרע געשעמט פאַר דער שענסטער אין געגנט.
זי האָט זיך געפּעטשעטשעט, געריייצט און געצויבערט פון דאָרפישע שקצים נישט איינעם.
נישט איינמאָל האָט זי איר פאַרבריטער געליבטער אין וואַלד מיט אַ מעסער באַגעגנט,
און תּמיד עס האָבן געטראָגן אַ שנאה אויף איר די אַרומיקע שכנים.
פלעגט שטענדיק באַרבאַרע אַליין זיך שפּאַצירן. אַזוי עפּעס עלנט געבליבן...
די חבֿרטעס אירע, זיי האָבן איר קיינער איר מיידלשע שיינקייט פאַרגונען.
זיי האָבן אַפילו אַמאָל זי פון דערפל אויף עטלעכע וואָכן פאַרטריבן,
נאָר אַלעמאָל האָט זי אין יונגישע אָרעמס אַ שוץ און אַן אָפּרו געפונען.
מיט כלאָפּעס איז זי דאָ געווען נאָר איינע, וואָס האָט געקאָנט טרייבן לצנות.
זי האָט זיי געלאַסטשעט, פלעגט צוזאָגן „גליקן”, מיט יעדערן שטיפן און לאַכן.
געווען איז נישט איינער, וואָס האָט זי נאָך קיינמאָל באַשאָנקען מיט קלעפּ
און מתּנות,
און איטלעכער פלעגט נאָך איר לייב און איר קערפּער פאַרציטערטער גאַרן און שמאַכן.
ביז איינמאָל אין מאָך, צווישן שיכורע יעגלעס האָט יאַן זי, דער לעסניק, געטראָפן.
אַזוי ווי אַ הירש האָט ער נאָכגעשפּירט דאַמלסט די שענסטע פון טעכטער — באַרבאַרען;
אין היציקע אָרעמס פון וואַלדישן שומר איז זי ווי אַ קו זיך באַלאָפן...
און שפּעטער אַליין צווישן קוסטעס און גראָזן אַ קינד פאַר די וועלדער געבאָרן.

## 33

אַדעלע – אַזוי האָט דאָס וואַלד־קינד געהייסן, אַליין אין די וועלדער פאַרבאָרגן,
– מיט טשערעדעס געגנדז האָט געטאָגט זי אויף לאָנקעס, מיט בליטן די לאָקן באַשאָטן,
עס האָבן געשמעקט אירע האָר און איר קערפּער אין טויאיקן, ווייסן פרימאָרגן,
און ווילד ווי אַ סאַרנע מיט וואַלד־גרינע אויגן – די גאַנצע אין מוטער געראָטן.
באַרבאַרע האָט עטלעכע יאָר נאָך געהוליעט, ביז וואַנעט עס איז איר דערעסן
(אַוועק זיינען קלאַנגען און סודות טשיקאַווע, דאָס דאָרף האָט געהאַט וואָס
צו ריידן).
האָט ווידער זיך רויק באַרבאַרע אין קולבעס ווי אויף צו להכעיס באַזעסן
פאַר אַלע אַרומיקע דאָרפישע שכנים, – אַליין אין איר וועלטל באַשיידן...
נאָר דאַן האָט אַדעלע איר מוטער פאַרביטן – אַ בראַנד, אַ געפאַר פאַרן ישוב!
נאָך היציקער האָט זי געברייצט די בורלאַקעס, געצונדן די תאווה אין לייבער...
עס זיינען די זכרים געווען בגילופין אין דאָרף פון איר מיידלשן כישוף,
און ס'האָבן זי אייפערדיק תמיד געשאָלטן אין קולבעס די מאַמעס און ווייבער...

## 34

איז שטענדיק אַדעלע געווען פון די ערשטע אויף דאָרפישע ווינטער-הוליאַנקעס.
פון אָרעמס צו אָרעמס געגליטשט האָט זיך ריטמיש איר שלאַנגיש-באַוועגלעכע טאַליע,
— דעם גרעסטן נצחון געהאַט אויף די שמחות צעווישן די קולבער מעשטשאַנקעס.
די שקצים — זיי האָבן געקריצט מיט די ציינער: — זאָבאַטש, טי נע שעלמוי, קאַנאַליאַ!
און איינמאָל אַפילו עס זיינען געקומען מאַרטינישקער יונגע בורלאַקעס —
געטאַנצט און געהוליעט, געשיכּורט צוזאַמען, ביז מזרח גענומען האָט טאָגן.
און נאָכדעם געזונטע, צעפּאַרעטע, רויטע, ווי הייסע, געבראָטענע ראַקעס,
צוליב דער פאַרשייטער און שיינער נקבה — מיט קולבער ביז בלוט זיך צעשלאָגן.
אַ צייט האָבן דאַמלסט געווירקט נאָך די האָפּן, די שוימיקע, שיכּורע טשאַדן,
ביז סוף-סוף אַדעלע האָט העלדיש צענומען די בלוטיקע, ווילדע געשלעגן.
דאַן האָבן זיך ווידער פאַרקייקלט אין ווייטן די טיפע, בורלאַקישע סליאַדן,
און ביסלעכוויז זיינען פאַרשוויגן געוואָרן די ווייסע, צעזונגענע וועגן.

## 35

און איצטער, קאַלייד, האָבן אַלע אין דאָרף ביי אַדעלן פאַרקליבן זיך ווידער,
די כאַטע געשמעקט האָט אין שוויס און אין מענטשן, אין פעלענע נאגענעס עפּעס...
עס האָבן געקלונגען ביז שפּעט-נאַכט געזאַנגען און ברוסטיקע מיידלשע לידער,
און ס׳האָבן זיך קאַלטע געריכן דערטראָגן פון ווייסע אַרומיקע סטעפּעס.
דאַן האָט מען פון ס׳ניי זיך גענומען צום טאַנצן – געטאַנצט און געשטונקען
ווי שעסקעס.
מען פלעגט זיך אַרויסלויפן אָפּקילן כלומרשט אויף דרויסן אין שניי אַלע ווײַלע.
פון שוויס און פון גארע, פון ווילדע געשרייען געשטראָמט האָט פון שטיבל אַ כוואַליע,
און ס׳האָבן געצויגן, געצויגן די וועלדער צו זיך אויף די איינזאַמע סטעזשקעס.
עס זיינען געוועזן די וועלדער פון קולבעס מיט כלערליי ערטער באַשאָנקען –
מיט ווינקעלעך שטילע, ווו ס׳האָט זיך אַ זווג געקאָנט אין דער פינסטער פאַרקלייבן.
דאָרט פלעגן זיך אַלע פאַרטאָג, נאָך דער שמחה, אין פּאָרלעך צעשיטן און בלאָנקען
אַזוי, אַז פון גאַנצער צעהוליעטער מחנה אַפילו קיין סימן פלעגט בלייבן.
נאָר דאָס מאָל האָט עפּעס אַדעלע מאַרודשזעט: – משמעות געוואַרט נאָך אויף וועמען.
עס זיינען שוין אַלע געוועזן מרוצה אין וואַלד גיין אַ מקום געפינען...
נאָר ס׳האָבן געזוכט אירע בליציקע אויגן, געבלאָנדזשעט פאַרטיפט אין די ברעמען,
ביז וואַנעט ס׳איז אַבא געקומען צערויטלט פון פראָסטיקן, פרישן באַגינען...

■

## 36

קיין אויג האָט די נאַכט שוין נישט צוגעטאָן אַבאַ, סע האָט אים אַדעלע גערופּעט.
עס האָבן זיך לידער אַזש נאָנט ביז זיין פענסטער פון איבער די מאָרגעס דערטראָגן.
אַזוי איז ער שטיל אויף דער נאַרע געלעגן, די נאָז זיך פון לאַנגווייל קאַלופּעט,
געוואַרט, אַז דער זיידע זאָל אַיינשלאָפן שטאַרקער נאָך קודם ס׳וועט אָנהייבן טאָגן.
דער אַלטער האָט נעכטן אים שטרענג נאָך פאַרבאָטן צו גיין צו די כלאָפּעס
און נאַפקעס...
– האָט עפּעס אַן אומעט זיך שטיל אין זיין האַרצן מיט פיינלעכער בענקשאַפט צעגאָסן,
זיין לייב האָט אַ ציטער אַ קאַלטער געטאָטשעט ווי בייסיקע, גיפטיקע פּיאַווקעס,
און לאַנגווייליק האָט ער געוואַרט און געגענעצט – די נאַכט האָט אים
קרענקלעך פאַרדראָסן...
געוואַרט האָט דער פעטער, ביז וואַנעט פאַרשוויגן אין שטוב וועט דער רעש
דער קלענסטער,
ביז וואַנעט עס וועלן אין דערפל פאַרשטומען אין שטאַלן די הענערשע קרייען.
– דאַן האָט ער פּאָווילע מיט פינגער פאַרציטערט צעפּראַלט ווי אַ גנב דעם פענסטער,
און אַיילִיק אַוועקגעלאָזט זיך צו אַדעלען אויף פרישע געפאַלענע שנייען.

■

## 37

אַ ברכה, אַ בענטשונג פֿון הייליקן יעזוס. די וועלט איז פֿאַרפֿולט מיט זיין שמייכל
עס בויגן זיך איבער באַזילבערטע צווייגן און פֿלעכטן זיך אויס אין אַ דוהע.
דער וואַלד – ווי אַ משכּן פֿון כּהנים ווייסע און סודותדיק־שטיל ווי אַ היכל,
ווו ס׳רוט זיך די שכינה אין לויטערע רגעס, און עמיצער זינגט הללויה!
ס׳אי שטיל און קיין מענטשן קומען דאָ נישט קיינמאָל, דאָ זיינען זיך
קיינער מתיחד...
– אַן אויסגעבעט ווייכער ביי יאָדלעס צופֿוסן און היציקע אָרעמס צעשפּרייטע,
אַ טשאַד און אַ כּישוף און אויגן צעשטראַלטע און עפּעס אַ בריאיקער פּחד...
און ווידער אַ ציטער אַ זיסער און מידער, ווי ס׳ציטערן סאָסנעס באַשנייטע...
און גאָט קוקט פֿון אויבן אַ הייליקער, גוטער... מיט חדווה און גנאָד אין
זיין שמייכל.
דער קאָפּ איז פֿאַרטשאַדעט פֿון היציקער תּאווה, פֿון ריחות פֿאַרשיכּורטע, ווייסע...
און ס׳דוכט זיך אַדעלען, אַז עמעצער שעפּטשעט: – נישט שרעק זיך... כ׳בין
מוחל, כ׳בין מוחל...
און עמעצער גלעט זי און קושט זי אַ בלייכע, פֿאַרציילט איר אַ שנייאיקע מעשה...

■

## 38

שווין עטלעכע וואָכן ווי אַבא האָט קיינעם פון זיינע חברים געטראָפן:
דער זיידע פאַרעקשנט האָט שטרענג אים אין קלייטל אויף לאַנגע מעת-לעתן
פאַרשלאָסן,
למאי ער איז דאַמלסט ביינאַכט דורכן פענסטער צו קולבער נקבות אַנטלאָפן.
און ס'האָבן זיך טעג עפעס גרויע און דריבנע ביי אַבאן אין תפיסה צעגאָסן...
די באָבע געפרוּווט האָט שוין בעטן און וויינען, געוואָרגן האָט זי זיך מיט טרערן:
– געוואַלד, וואָס דו מאַכסט פון די עלנטע קינדער! ווער אפשר שוין
רוגזענען קלעקן?...
נאָר זיידע האָט קיינע הנחות געגעבן, געוואָלט האָט ער קיינעם נישט הערן...
אַזוי איז געזעסן דער פעטער פאַרשפאַרטער, ביז ווינטער געגומען האָט עקן.
און אַרבעט געווען איז אַ תהום אין די וועלדער – טאָג-טעגלעך ביז דרייסיק פאָדוואָדן
אַרויסגעפירט האָבן די פעטערס מיט פאָניעס צוזאַמען פון קולבער דעליאַנקעס*) –
מיט האָריקע יאָדלעס און בייכיקע דעמבעס די פויערשע שליטנס באַלאָדן.
אַזוי האָבן שווערע זיך לאַנגע געצויגן אָבאָזן פון מידע פורמאַנקעס.
און ווייט האָט דער גאָסטינעץ בלאַסער געבלייכט זיך, צעפאָרן פון זילבערנע שינעס.
עס זיינען געשטאַנען אויף צענדליקער וויאָרסטן צעטומלט די וועלדער יעלאָווע.
מען האָט זיי געהאַקט און געטשעסעט, געשניטן די פעכיקע גרינע „פושינעס"**),
ביז וואַנעט עס האָבן צעשטראַלט און צעשמייכלט זיך טעג אויף די וועגן מאַרצאָווע.

---

*) דעליאַנקעס – אויסגעמאָסטענע, איינגעטיילטע שטיקלעך וואַלד.

**) פושינעס – יאָדלעס, אין ליטוויש.

## 39

אין ווייכע, צעגאַנגענע שנייען עס האָבן שוין שמעקן גענומען די פעלדער.
אַ נעפל אַ פייכטער פון איבער די מאָרגעס האָט זיך אַ באַבלויטער געהויבן,
און ס'זייַנען באַפרייט פון די פילשטשיקעס זעגן געוואָרן דערבייאיקע וועלדער.
אין לופטן צעפּאָכעט עס האָבן זיך פליגל פון ווילדע געקומענע טויבן...
מערץ. שוין נאָך פורים. אין וואַלדישע גראָבנס דער שניי האָט געשמאָלצן
דער לעצטער.
ווי שטיקעלעך וואָלקנס איז ער נאָך געלעגן צעווערימט אין אַנדערע ערטער.
אַ שניי-בלימל האָט שוין פון לאָנקעס געווונקען — אין בלייכן פרימאָרגן באַנעצטער...
און אַלץ האָט געקוואָלן אַרום פון התפעלות, געקוקט און געשוויגן אָן ווערטער.
שוואַרצערד... שוין מיסט אויף די פעלדער צעוואָרפן, און טראָפנס פון זון און
פון תכלת.
די זומפן, זיי האָבן אין ווייטע מרחקים געטונקלט ווי שמוציקער קאָדער,
און הימלען צעהענגען זיך ברייטע אויף קולבעס ווי זיידענע, בלויע פאַטשיילעס,
און קינדיש, צופרידן, אַזוי תמעוואַטע עס שמייכלט דער נאַקעטער אָדער.

## 40

פאַרטאָג איז די באָבע מיט גלחשע לאָנקעס אַליין צום זאַקריסטיאַן*) געגאַנגען:
זיין ווייב האָט געהייסן איר קומען נאָך אייער געקליבן פון אייגענע פלאָדן.
עס זיינען נאָך שטיקער פון נאַכט אויפן מערב אין טונקעלע שאָטנס געהאַנגען,
און בלוט-אָרעם עפּעס האָט שטילער באַגינען געציטערט אין הערצל פון לאָדן.
נאָר שפּעטער האָט זון זיך אַ רויטע צעפלאַקערט, ווי פּורפּורנע מאָן-קעפּ אין בליען.
די נאַקעטע פעלדער מיט שיין און מיט חושך, זיי זיינען באַגאָסן געלעגן.
אַ ביסל פאַרשפּעטיקט האָט באָבע זיך היי-יאָר די הינער אַוועקזעצן בריען,
און גיכער זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט שפּרייזן מיט נאַסע און בלאָטיקע וועגן.

---

*) זאַקריסטיאַן — אַ שמש אין אַ קלויסטער.

## 41

געקומען צוריק איז זי מיד און פאַרמאַטערט, די גאַנצע מיט בלאָטע באַכליאַסקעט.
זי האָט זיך אַ טאָג ביים זאַקריסטיאַן פאַרהאַלטן. קיין צייט איז קיין סך נישט געבליבן.
ביז וועטשערע שפּעטע אַזוי מין פאַרדאגהט אין שטאַל ביי די עופות געקאסקעט:
— פון צווישן די פולקן פאַריאָריקע הינער, — די בריאיקע קוואָקטשעס געקליבן.
פון תמיד עס פלעגט זיך די באָבע מיט אייער פון גוטע פּאָראָדעס באַזאָרגן: —
די גרויסע באַזונדער אין סעצעק*) באַהאַלטן, זיי תמיד סאָרטירט פון די קליינע,
און אונטער דער זון זיי באַקוקט און געוואַרעמט אַ לויטערן, העלן פרימאָרגן,
— געטוישט זיי, געביטן מיט פויערטעס־שכנות — צוויי קליינע געגעבן פאַר איינע...
און נאָכדעם פלעגט באָבע די טעג מיט די שעהן אַלץ חזרן פאַר זיך און ציילן.
שוין קרוב דריי וואָכן, ווי ס'זיינען די קוואָקטשעס אויף בייכיקע זיפן געטופּעט.
געוואַרט האָבן אַלע, די שאָלעכצן זאָלן מיט מזל שוין נעמען זיך שיילן,
ביז וואַנעט סע האָט זיך אַ שנעבעצל געלער אין הייטל פון איי צעקאַלופּעט.

---

*) סעצעק — אַ גרויסע געפלאָכטענע קאָרב. ביי פויערים דינט דאָס אויך צייטנווייז פאַר אַ מאָס.

## 42

גאָטס ניסים ! – געשטראַלט האָט דער זיידע פאַר שמחה – ווי גרויס ס'איז דעם אייבערשטנס ווונדער ! ...

ווי קונציק עס וואַקסט דאָס אַ לעבן באַשאַפן... אין פינסטערן איי-שאָלעכץ וואַקסט עס. די באָבע האָט עופעלעך יונגע געוואַרעמט אין פעדערן יעדן באַזונדער – צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז זי ערנסט פאַרנומען געווען מיט די הינער ביים לאַקסטעס*): – געטאַפּט און געציילט אַזש ביז שפּעטיקן אָוונט די וואַרעמע אייער פאַרבריטע, צורעכטגעמאַכט שטענדיק דאָס איי אין די זיפּן, די ברייערקעס זאָל זיין באַקוועמער. און שפּעטער עס האָבן זיך יונגוואַרג צעלאָזן ווי געלע יורגינעס**) צעבליטע אויף לאָנקעס, אין גאָרטן, אין שכנישע שטאַלן מיט הילכיקן, פריילעכן זמר.

*) לאַקסטעס – דאָס אָרט, וווּ ס'זיצן די הינער.

**) יורגינעס – געלע, גרויסע פרילינג-בלומען.

## 43

אַבא געפֿירט האָט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן צעפּרייעטן מיסט פֿון די שטאַלן:
באָרוועס, פֿאַרבערודזשעט, די הויזן פֿאַרקאַשערט אַזוי ווי אַן אמתער פּויער.
דער טאָג איז געוואָרן אַלץ וואַרעמער, זיסער, צעוויקלט זיך ווייטער און בלויער,
און ס'האָבן אין לוזשעס אויף דאָרפֿישע וועגן צעשפּריצט און געפּליושקעט
זיך שטראַלן.
און קינדער... מע שפּילט זיך שוין פֿריילעך אויף דרויסן אַזוי פּאַזע פּויערשע כאַטעס.
די גויים אַוועק זייִנען פֿרי אויף די פֿעלדער, גענומען צום זייען זיך גרייטן.
אַרויס איז דער זיידע די גיטער באַקוקן, פֿאַרדאגהט, פֿאַרקלערט באַלעבאַטיש,
און האָט זיך אַ טאָג אויפֿן גאָרטן גערויעט, באַמיסטיקט די נאַקעטע בייטן.
מע האָט שוין די קאַפּטשעס מיט מזל צעעפֿנט, געפֿירט אויף די מאָרגעס די בולבעס.
אין לופֿטן געריזלט עס האָבן זיך פֿעטע גערוכן פֿון ערד און פֿון זאָמען,
און ווידער איז פֿרילינגדיק-וואַרעם געוואָרן אין דערפֿל ביים זיידן, אין קולבעס.
געבענטשט האָבן אַלע מיט האַרציקע ברכות „זיין הייליקן נאָמען".

■

## 44

אַזוי ווי אַ מיידל, וואָס בליט און וואָס צייטיקט—דער פרילינג איז צייטיק געוואָרן.
די ביימער באַפּוכט שוין מיט פרישע און צאַרטע צעוויקלטע בלעטער,
ווי פּעלכעלעך גרינע פון טשערעדעס שעפּסן עס קרייזלט אין פעלד זיך דער קאָרן
און ציט זיך אין שנורן אַריין אין די הימלען, וואָס האַרבסט האָט פאַרזייט
נאָך דער פעטער...
צעשפּרייט האָבן רחבותדיק דופטיקע אָרעמס די ווייכע, באַגרעזלטע לאָנקעס,
ווי בושלען פאַרשפּרייטן אין ווייטע מרחקים מיט פּאָכיקע פליגלען.
און ס׳זיינען געלעגן באַשפּראָצט שוין מיט גראָזן, מיט פעלדישע זיסע ראמאנקעס
די גרעבענער טיפע און זאַפּטיקע טאָלן, די שפּיצן פון מאָכיקע היגלען.
עס פאַרעט. און וואָלקנס פאַרציען זיך שווערע אויף קעפּ פון צעקודלטע וועלדער.
אַ שטורעם לויפט דורך און פאַרקייקלט די שטויבן פון ווייסע, צעוויקלטע וועגן.
אין דערפל אַהיים נעמען פויערים איילן פון טונקל-געוואָרענע פעלדער,
און שפּעטער אַ וויי האָט געטאָן שוין מיט ריחות פון ערשטן, פאַרבלאָנדזשעטן רעגן.

## 45

עס שעפּטשעגען ווידער שוין ליפּן פאַרציטערט: — שבכּוחו וגבורתו מלא עולם —
אַ פייערל אײַלט זיך אַהיים מיט די פעלדער, באַצייכנט זיין ברוסט מיט אַ צלם...
און ס'קייקלט זיך הייזעריק, ראַשיק אַ דונער אין ווייט איבער ביימערשע שפּיצן,
און טראָפּנס צעשפּרינגען זיך זילבערנע, גרויסע אויף שויבן מיט גילדערנע בליצן.
דער זיידע דערשראָקן הייסט גיכער דער באָבען די יושקע פון קוימען פאַרמאַכן:
— סע קאָן נאָך חלילה אַ צרה זיך טרעפן. אַ פריאיקער היי־יאָר געוויטער...
און עפּעס אַן אימה באַפאַלט אויפן ישוב, אַ מידער פאַרציטערטער ציטער...
באַרעגנטע גויעס עס בראָדזשענען נאַסע ווי הינער מיט בלאָטיקע שליאַכן:
— באָרוועס, פאַרקאַשערט די ספּאָדניצעס לאַנגע—די קעפּ זיך באַדעקט מיט די קליידער
זיי לויפן צו קולבעס און אײַלן זיך אַלע מיט קויטיק־צעקוואָלענע וועגן.
די באָבע, זי קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, גייט אום אַ פאַרזאָרגטע אין חדר:
— ווער וויס, ווי די קינדער אַהיים וועלן קומען?—אַ גרויל ס'אַראַ גוס פון אַ רעגן! —

## 46

די מומע נחמה – געזונט און פֿאַרליטן, ברייטפּלייציק, אַ מויד ווי אַ צימעס!
אין חשבון פון קינדער – געוועזן די ניינטע, פון טעכטער – סך־הכּל די צווייטע.
– פלעגט אָנפּאַקן היי אויף די פעלדער אַ קאַרע, אַזש קוים נישט קיין פולן קלעהימעש*),
– אַ וווּנדער פאַר גויים און דאָרפישע שניטער, פאַר פויערטעס ברוסטיקע רויטע...
– געוואַקסן, צעבליט זיך און אפשר פון שוואַרץ־ערד איר לייב איז געוועזן געקנאָטן.
געווייקט זיך אין שלאַקסן אויף מעזשעס צעאַקערט, געאָטעמט מיט ערדישע ריחות.
אַ קינד פון די פעלדער – פאַרזייט און באַמיסטיקט... אין דאָרפישע שיקסעס געראָטן,
וואָס האָבן געצייטיקט פון זון און פון רעגנס, – מיט שקצים פאַרמאָסטן די כּוחות!
ביז אָוונטן ט,פּע געגראַבעט אין סטויגן דאָס היי מיט דער הילצערנער גראַבליע.
פלעגט אויפהייבן העכער פאַר כלאָפּעס אַפילו דעם סאקעס מיט גראָזן אַ זשמעניע...
און טאָמער אַ שגץ געטאָן האָט אַ טשעפּע, – אַ שטויס אויף צוריק: – אידז דאָ דיאַבלאַ...
כאַ־כאַ, אַ געלעכטער! מע קנוילט זיך צוזאַמען – פאַטשאַי, טי יעדרעניע פּעניע...

---

*) קלעהימעש – אַ שייער ספּעציעל היי צו האַלטן.

## 47

און דאָבע – די עלטסטע פון מומעס (דער זיידע, ער האָט זי גערופן די גרינגדע),
– פאַרצויגן אַ ביסל און גאוהדיק עפּעס, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ בכורה:
געהיט זיך פון „טשוקן", פון שלעכטע „פּאַגאָדעס", אַפילו פאַר פרילינג-טעג לינדע.
„קאָנסט אויסזען ווי קורטע", פלעגט זיידע זיך ווינצלען, – „ווען עטלעכע שענקט דיר דער בורא".

באמת, ער האָט זי געליבט מיט נשמה, ווי האָלט האָבן קאָן נאָר אַ טאַטע.
– אַ טעלעצע דאָך פון דער אייגענער סטאַדע... געהאָדעוועט זי און געפּיטערט.
און באַלד וועלן אַלע אין ווייטן צעפליען און ווערן צעזייט און צעשפּליטערט,
פאַרלאָזן דעם וואַרעמען נעסט און די אַלטע פאַריתומט אַליין אין דער כאַטע...
– כע-כע, אויף דער עלטער ווער וויס וואָס ס'וועט געבן? – שוין בעסער פון דאַמלסט נישט טראַכטן...

און באָבע נעמט ווישן פאַרלאָפענע אויגן און שנייצן די נאָז אין דער פאָלע.
אַזוי פלעגט דער זיידע זיך אָפּטמאָל פאַרקלערן אין שוויגעדיק-שטילע פאַרנאַכטן,
דעם קאָפּ אויפן ברוסט אַ פאַרמאַטערטן בויגן און זיפצן: – אַ קללה... אַ קללה...

מען טרייבט שוין אַרויס די בהמות פון שטאַלן. אין קולבעס אַ יום-טוב—„יורגינע"*).
אין ווייטן צעוויקלען זיך לאָנקעס און טאָלן ווייכהאָריקע, זאַפטיקע, גרינע.
אַ שפּע... סע שפּרודלט מיט זון און מיט תּכלת. עס הילכן די וועלדער פון לידער.
אין שאָטן דער זיידע ליגט ברייטלעך צעצויגן,—רוט אָפּ זיינע זינדיקע גלידער.
— אָך, טאַטעניו זיסער! ווי גרויס ס'אי דיין חסד. די וועלט איז פאַרפולט מיט
דיין ווונדער...
ווי איטלעכער ווערימל האָט זיך זיין מזל, זיין אייגענעם וועג און זיין תּיקון.
און אַלץ ווערט באַשאַפן אויף דר'ערד דורך זיין רצון: די מענטשן... די חיות
באַזונדער...
אַזוי איז געלעגן דער זיידע אין שאָטן פאַרשיכּורט פון טויזנטער גליקן.
און ס'האָבן פון ווייטן געזונגען די וועלדער, געצויגן צו זיך מיט די לידער.
— רבונו של עולם! כאָטש נעם און צעוויין זיך און פאַל פאַרן בורא אַנידער!..

---

*) יורגינע — אַ דאָרפישער יום-טוב, ווען מע טרייבט צום ערשטן מאָל אַרויס די בהמות אין פעלד.

## 49

מיט צוויטן און בליטן באַשאָטן די קוסטעס, די שטאָלצע, בעל-גאוהשע ביימער.
עס בליט שוין דער בעז און די עפּל אין סעדער, די שלאַנקע, ווייסלאָקיקע באַרנעס.
אַזוי איז פֿאַמעלעך מיט פעלדישן אָטעם געקומען אין קולבעס ל״ג בעומר,
און מוידן, זיי האָבן צעבליט זיך אין פֿריליגג פֿאַרשעמט ווי דערשראָקענע סאַרנעס.
די באַקן צערויטלט און בראָנזיק די אַקסלען און ברוסטן ווי דאָניצעס*) פולע.
געשלאָגן פון זיי האָבן היציקע ריחות – באַגערן פון ערדישע תאוות.
דאָס דרויסן געשמעקט האָט אין סעדער און האָניק, אין זיסער בעריאָזעווער „סולע״**),
וואָס אָנצאַפּן פלעגן די פילשטשיקעס יונגע אין וועלדער מיט שטומער התלהבות.
פאַרנאַכט. און די שקצים ווי זשרעבצעס צעשפּאַנטע, מע קלייבט זיך אין וואַלד שוין צוזאַמען,
זיי וויסן, אַז באַלד וועלן שיקסעס דאָ קומען זיך פּאַשען אין מאָך ווי די קליאַטשעס...
ביז וואַנעט באַגינען וועט שטיל זיך פאַררויטלען צעווישן די קופּערנע שטאַמען,
– די פּויערטעס יונגע מיט אומגעדולד וואַרטן אויף אָרעמס פון קולבער יונגאַטשעס...

---

*) אַ ד אָ נ י צ ע — אַ הילצערנע כּלי, אין וואָס מע מעלקט די בהמות.

**) ס ו ל ע — זיסער זאַפט פון יונגע בערזעס, פּויערים באַנוצן דאָס אָנשטאָט אַ געטראַנק.

## 50

אין סודות פאַרזונקען דער וואַלד איז געשטאַנען צעטומלט,
— באַשאָטנט און טונקל — אַזוי ווי אין גרינע געצעלטן...
אַ מידער דערמאָנט זיך דער זיידע: — ס'אי, קינדער, היינט אַנדערע וועלטן —
פאַרפיפקעט זיין פיפקע — געדענק איך די וועלדער אַנומלט...
— פאַראַנען אַ סך וואָס אַצינד פון אַמאָל צו דערציילן:
דאָ פלעגט מען אויף וועלף און אויף בערן אָפט מאַכן אָבלאַוועס —
דעם וואַלדישן בוזעם צעשניטן, צעקעסטלט מיט ראָוון — קאַנאַוועס,
גזלנים דאָ פלעגן פאַרפאָרן פון טראַקטן דעם רויב זיך צעטיילן.
געדיכטע געוועזן די וועלדער, געדיכטע... באַפלאָכטן מיט גיפטיקע שלאַנגען.
ווער האָט עס געסמייעט אַליין אין דער טיף טאָן אַ וואַנדער?...
געהאָרכט האָבן אַלע, ביז וואַנעט מען איז זיך צעגאַנגען.
— כע-כע! — טוט אַ זיפצע דער זיידע — אַוועק איז אַלצדינג מיט אַנאַנדער...
די פעטערס אין ווייט צווישן בייכיקע דעמבעס פאַרקראָכן.
אַ פאָזיעמקע ווו האָט אַ זאַפטיקע, רויטע געוווּנקען,
און נאָך איינע הינטן ווי פלאַמיק-צעשאָטענע פונקען,
און צווייגן פאַרפלאָכטענע וויגן זיך שווערע און פאָכן.
מוראַשניקעס שוואַרצע... פון שוואָמען און יאַגדעס גערוכן
ברענגט פלוצים צעטראָגן פון ווייטן אַ ווינטל.
מע גייט און מע בראָדזשעט אין גראָזן די פאָזיעמקעס זוכן —

אָט אײנע, אַ צװײטע גיט רױט צװישן בלעטער אַ פֿינטל.
און שטאַמען פֿאַרבװינטע מיט גוזן באַװאַקסן און קנאַכיק...
אַ ציטער, אַ צאַפּל פֿון טױזנט פֿאַרשװיגענע טענער.
עס טוליעט דער אָװנט צו דר׳ערד זיך אַ װײכער. ס׳אי שטיל און ס׳איז מאָכיק,
און ס׳אָטעמען טיפֿער אַרײַן זיך די ריחות פֿון פֿרישע געטשעסעטע שפּענער.

## 51

דער שלאָף איז געוואָרן צעשטערט אין באַגינען פון פייגלשן זמר.
עס האָבן די פּעטערס זיך קלייבן גענומען די פּעכיקע וועלדער פאַרלאָזן.
געמייזעכצן זיינען געלעגן שוין גרייטע צום שניט מיט צעפּרייטע גראָזן,
און זון האָט צעגאָסן אויף ליכטיקע פעלדער, גלייך שטראַלן אַ וואַרעמען עמער,
פאַרברוינטע און בערדיקע-שוואַרצע מיט ליידיקע טאָרבעס אויף אַקסלען באַהאַנגען,
— מען איז מיט פאַרשלאָפענע וועגן אין איינעם צו קולבעס געגאַנגען.
געטראָפן אויף לאָנקעס די דאָרפישע שניטער מיט בליציקע קאָסעס,
וואָס האָבן זיך שאַרפע געשפּיגלט אין טראָפּנס בריליאַנטענע ראָסעס.
— באָזשע נאַ פּאָמאָשטש! — באַגריסט זיי דער זיידע. מען ענטפערט
„דזשענקויע״ צופרידן.
מען הויבט אויף די אויגן אַ רגע: — „דזשען דאָברי, אַל יוש ווי דאָ כאַטע?...״
און ווייטער מע קלינגט מיט די שטאָלענע שאַרפן באַגינען אין מידן;
און פּעטערס, זיי שפּאַנען צו קולבעס פאַרמאַטערט מיט שטעקנס אין הענט סוקאָוואַטע.

■

## 52

א יום־טוב אין דערפֿל. ס'אי לוסטיק און פֿריילעך. פּאָלאָוויניקעס*) יונגע פֿאַררופֿן...<br>
(זיך אָפּגערוט שוין פֿון די וועלדער אַ ביסל, פֿאַרביי איז אַ קורצע הפסקה).<br>
עס זיינען שוין אַלע געוועזן פֿון בראָנפֿן און מעד בגילופֿין; —<br>
מע גרייט זיך אַרויסגיין די לאָנקעס אַ שניט טאָן. געמאַכט האָט דער זיידע<br>
„אַ טלאָקע"**).<br>
צוויי טעג נאָכאַנאַנד זיי געפּויעט, די גויים. געזופּט און פֿאַרמאַטערט געטרונקען.<br>
געהוליעט אַזוי אויף אַן אופֿן — דער קאַדוק זאָל נעמען!<br>
און ס'האָבן שוין מאַטע די אויגן געגלאַנצט אין פֿאַרשיכּורטע ברעמען,<br>
מע האָט זיך געטשאַקעט, געלאַכט און אין ביליקן טאַבאַק געשטונקען.<br>
אַרויס זיינען אַלע אויף דרויסן, דער טאָג איז געוועזן דער דריטער...<br>
— צעשטעלט אין אַ קרייז זיך די שיקסעס, די שקצים, די יאָדערנע שניטער: —<br>
כאָ־כאַ און כאַ־כאַ! און סע הילכט אַ געלעכטער. — דער זיידע אינמיטן...<br>
די פּאָלעס פֿאַרקאַשערט, ער טאַנצט און פֿון מיידלשע הויפֿנס עס שיטן זיך,<br>
שיטן זיך בליטן<br>
אויף זיינע טשופּרינעס. מען קייכט זיך באַרוישט פֿונעם טאַנצן.

---

*) פּאָלאָוויניקעס — פּויערים, וואָס מע דינגט אָן צו העלפֿן באַאַרבעטן די פֿעלדער. זיי באַקומען אַ העלפֿט פֿון דער געראַטעניש אויף דעם פֿעלד, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט.

**) אַ טלאָקע — אַ דאָרפֿישער מנהג: — פֿאַרן אָנהייבן אַ וואָסערע נישט איז גרעסערע אַרבעט, מאַכט מען אַ מין שימחהלע.

עס קנוילן זיך לאָנקעס מיט פעלדער צוזאַמען אינאײנעם.
און שווייסיקע פנימער שוויצן צערויטלט און גלאַנצן.
— אַ יום־טוב אַ גרויסער אין קולבעס פאַר אַלע אַרומיקע שכנים.
און ווידער מע רוט זיך, מען זופט קווערטלעך ברויזיקע בראַגע פון ביטערע האָפּן,
ביז וואַנעט דער אָוונט פאַלט צו אַזאַ מידער אין זילבערנע טויען פאַרטולעט.
כאַ־כאַ און כאָ־כאָ און אַ ווילדער געלעכטער! מע טאַנצט און מע הולעט,
ביז אַלע ווי זאַנגען געקאָסעמטע פאַלן מיט פויסטן פאַרקוועטשטע צוקאָפּן.

■

53

ס'אי הייס און סע פֿאַרעט. דער טאָג שיינט צו זיין אַזאַ טעמפּער און מידער.
אַ וואַרעמער טוי איז אויף גראָזן נאָך פֿייכטע געלעגן.
דערבייאיקע הילכן שוין לאָנקעס מיט פֿריאיקע לידער,
און דורשטיקע פֿעלדער רחמנותדיק וואַרטן אויף רעגן.
אַרויס איז דער זיידע מיט פּעטערס צוזאַמען פֿאַרטאָג צו דער אַרבעט,
דעם הימל באַקוקט — ס'אי נישט קאָנטיק אויף רעגן, זאָל גיין נאָר כּשורה...
— היי, חברה, — אַ צימבל געטאָן ווי אַ מזמור! מיט שיקסעס דעם טאָג נישט צעבאַרבעט!...
און אַלע די שערמיגעס וואַרפֿן אַרונטער, מע שטעלט זיך אויס גלייך אין אַ שורה,
ווי שדים אין זומפּן צעשפּרינגען זיך בליציקע קאָסעס,
די האָריקע הענט ביי די פּעטערס באַשפּראָצן מיט אָדערן גרינע;
פֿון בראָנזענע שטערנס צעקייקלען זיך טראָפּנס און רינען,
ביז וואַנעט די בליקן מיט פֿייערלעך רויטע צינדט אָן בין-השמשות.
דאַן נעמען שוין אַלע פֿאַרטײַעטע קוקן אַזוי אויפֿן זיידן: —
נעבכײַ וואָלט ער גיכער, דער אַלטער, אַוועקלייגן קאָסענען הייסן.
מע ווישט אָפּ מיט אַרבל פֿון שטערנס פֿאַרברוינטע צעפּרײַעטע שווייסן;
מע קוקט און מע שוויגט, נאָר אַ גרויל, ווי סע ווילט זיך שוין ריידן!
— גענוג, טוט אַ בורטשע דער זיידע, — רוט אָפּעט ביז מאָרגן די גלידער!
געבענטשט זאָלן זיין יענע הענט, וועלכע ווייסן פֿון פֿעלדישער פּראַצע.
ס'וועט סטייענען צײַט נאָך געגוג זיך פֿאַר אייך מיט די מוידן צו קראַצן!...
און אַלע באַגעגענען קולבעס מיט ריחות פֿון היי און מיט לידער.

## 54

פון איין האַנט צו צווייטער הייבט אָנעט אַרומגיין דער ראָזעווער לאַבן.
אַ וועטשערע זאַטע פון בולבעס געשטיקטע מיט זויערמילך קאַלטן פאַרזייערט.
דער זיידע און פעטערס — מע קייט מיט הנאה, מע שאָקלט די געמבעס, אַז ס׳פייערט!
פון פליישיקע ליפן — אַ שטילער געפלאַפל, נאָר אומעטיק עפעס איז אַבאַן...
ווערט שווייסיק און דושנע דער אָוונט אין שטיבל ביים זיידן פון פעטערשער כאָפטע.
עס קוקן די האָריקע לייבער אַרויס פון די אָפענע העמדער און שוויצן.
מע פרייכט און מע סאָפעט פאַרמאַטערטע, מידע ווי עופות אויף פסח געשטאָפטע,
און אַלע אָן כוחות ביי ליידיקער שיסל, זיי בלייבן פאַרשלאָפענע זיצן.

■

## 55

די נאַכט האָט געשמעקט אין גערוכן פון וואַרעמען היי און פון מענטע.
פאַרקנוילט זיך אין טויאיקע גראָזן אַזוי ווי אַ גליטשיקע זשאַבע,
מיט אָפענע אויגן צעגליטע, ווי פונקען, געלעגן איז אַבא,
און נאָנט לעבן אים האָט די קליאַטשע געהונקען אין פענטע.
דאָס דערפל איז שטילער און שטילער פאַרשוויגן פון לידער געוואָרן.
צעכוואַליעט עס האָבן זיך ווילדע אין האַרצן באַגערן,
אַזוי ווי עס כוואַליעט סוף-זומער אַ פעלד זיך מיט קאָרן,
און טראָפנס בריליאַנטן געשפריצט האָבן ציטעריק שטערן.
האָט סתם אין דער וועלט אַריין הילכיק זיך אַבא צעיוכעט,
געדרעוועט אַזוי ווי אַן אָקס, וואָס מע פירט צו דער שחיטה,
אַז ס׳האָבן אַרומיקע וועלדער אַ ציטער געטאָן און געסקרוכעט...
און ס׳האָבן אין חושך געברענט זיינע פלאַמיקע אַפּלען צעגליטע.
און באַנגלעך איז אַבאַן געוואָרן — פאַרבענקט נאָך אַדעלען זיך עפּעס.
סע האָבן די שלייפן געקלונגען... דאָס בלוט האָט אין מוח געשאָסן.
די בענקשאַפט פון רחבותדיק-ווייטע און האַרבסטיק-פאַרלאָזענע סטעפּעס
אין טיף פון זיין האַרצן האָט שאַרף זיך צעגאָסן.

## 56

דער זומער געשאַרט האָט זיך פאַזע די מעזשעס, געשאַרט און שיר־שיר
ניט פאַרגאַנגען.
פּאָדסאָלניקעס גליען פונאַנדער באַזונטע און וויגן זיך שווער אויף די בייטן,
און ס׳קנוילן זיך האַרבסטיקע ווינטן און ווייען אויף גילדערנע פעלדער מיט זאַנגען,
און עפּעס געגנומען האָט שמעקן מיט פּירות, אין שפּעטן סעפּטעמבער, אין רויטן.
נאָר זיין איז נאָך אלול. דאָס היי שוין געשניטן. מע פירט שוין אין שייער
דעם קאָרן,
און עצבותדיק קוקן געקאָסעטע פעלדער ווי פליכעס פאַרצויגענע, פליקע.
אַ נייעס אין קולבעס. מע קוועטשט מיט די פּלייצעס:—אַדעלע איז קויפּיק געוואָרן...
— אַן אַרבעט פאַר גויעס און פלאַפּלערקעס — שיקסעס, מע רעדט און מע פלוידערט
בשתיקה,
און תיכף פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען טשיקאַווע — פאַראַנען פון וואָס שוין צו ריידן...
אַזוי ווי אַ גנב גייט אבא אַרומעט, נאָך גרויליקער ווערט אים און באַנגער.
איין מיטל פאַראַנען: — אַנטלויפן פון קולבעס! — דערגיין וועט דאָך באַלד דאָס
צום זיידן...
ס׳איז מערער פאַר קיינעם קיין סוד ניט געבליבן. זיי וויסן שוין אַלע —
זי שוואַנגערט.

57

א שבת באַגינען. ס'איז רויק און הייליק. סע רוט נאָך פון שחרית דער ניגון...
דער זיידע גייט אום מיט אַ האַנטוך אין חדר און טרייבט דורכן פענסטער די פליגן
און כמורעט זיך כלומרשט: — אַ גרויל ווי זיי בייסן. מע קאָן דאָך פון זיי נישט
דערהאַלטן.
געהערט נאָר אַ ביסל?... אַפילו אום שבת — נישטאָ זיך אַווו צו באַהאַלטן...
נאָר פלוצים דערהערט זיך אַ טרוקענער קרעכצן — דזשען דאַברי, פאַן אילקו,
יאַק שעמעס? —
אַוודאַי געהערט שוין די ביטערע נייעס? באַשערט דאָך מסתמא אַ צרה...
אַזוי זיך ראַספּוסטשעט... אַ, הייליקער פאָטער! — נישט שטראָף מיך אַצינד מיט
אַן אמת!...
האָט פרום זיך געצלמט ביים אָפענעם פענסטער דערשלאָגן די אַלטע באַרבאַרע.
דער זיידע צעטומלט און רויט פון בזיון צערעוועט זיך גרויליק מיט צאָרן: —
היי, אבא! ממזרים!... ביי יידן ממזרים?... ס'איז ממש משוגע צו ווערן!
נו־נו, ס'אַראַ נחת דערלעבט פון מוזיניק!... וועסט גיין שוין צו אַלדע שוואַרץ־יאָרן!...
און ס'האָבן אויף לאַנגע, באַזילבערטע ברעמען באַוויזן זיך גליאיקע טרערן.
די באָבע האָט וואָכן שוין גאַנצע געטענהט, מיט טרערן געלאָשן די ווונדן.
צוויי טעג נאָכאַנאַנד ווי אַ הונט ביי דער בודע איז אבא ביים גאַנעק געלעגן,
אין דרייען פאַרקאָרטשעט, געשעמט זיך פאַר שקצים — צום סלופּ מיט אַ שטריק
צוגעבונדן,
און ס'האָבן אים דורשטיק פון קולבעס געצויגן אין ווייטן די טונקעלע וועגן.

## 58

סוף זומער. סעפּטעמבער. עס גייען שוין יידן אַראָפּ מיט די אויבסט פון
די סעדער.

פאַרשווייגן אויף מיידלשע ליפּן די האַרציקע ליטווישע „דיינעס"*).
פון שליאַכן דערטראָגן זיך קלאַנגען פון ווייטע, פאַרקייקלטע רעדער,
און ס'קנוילט זיך אַ ווינט אין אַ גראָבן און שאָרכעט מיט געלע הושענות.
די נעכט — אויסגעבלייכטע, ווי פויערשע ליינען, און פראָסטיקע, שלאַנקע און
שאַרפע ;
און שפּינוועבסן ווייסע ווי זילבער-געוועבן. סע שמעקט שוין מיט ימים-נוראים.
די שטילע באַגינענס באַגריסן שוין קיינער. — צו וואָס וועט מען איצטער זיי
דאַרפן ?...
און עפּעס פאַריתומט אויף רויקע וועגן באַגעגנט מען דאָרפישע גויים.
און ווידער די גרויע, באַמאָכטע ישישים — די קולבער פאַרחלומטע וועלדער.
ווי פליגל פאַרצאַפּלטע שפּרייטן זיך צווייגן און הענגען פאַרמאַטערט אַרונטער.
ווי אומעטיק-פיינלעך סע קוקן אין דערפל די ליידיק-געוואָרענע פעלדער !...
אין בראָנזענע אָרעמס פאַרקלאַמערט זיי שטאַרקער דער האַרבסט אַזאַ פרישער,
געזונטער.

---

*) ד י י נ ע ס — ליטווישע פאָלקס-לידער.

## 59

אַ ן אלול-טאָג בלאַסער. ליגט קולבעס פאַרשלאָפן, באַדעקט מיט אַ בלייענעם
וואָלקן.
סע פרעגן נישט קיינער – וווהין און פון וואַנעט. מע גייט מיט די בלאָטיקע וועגן.
נישט גרינגער ווערט ווערן, נישט לייכטער אַ ביסל. צו וואָס נאָך דאָס נאַרישע פרעגן?...
אַ האַרבסטיקער פחד... אַ רעגנדל דריבנער – דעם גאַנצן באַגינען געמאָלקן.
און באָבע פאַרקלעמטע דורך טרערן זי בעט זיך: – פאַרגעס נאַר, מיין קינד,
נישט צו שרייבן...
אין ווינקעלעך שטייען די מומעס און וויינען – אַפילו די שטאָלצע נחמה.
און זיידע מיט אבאן באַהאַנגען מיט פעקלעך, זיי נעמען אין וועג זיך שוין קלייבן.
די לעצטע פאַרבלוטיקטע ווערטער צערינען: – נו, זיי געזונט, מאַמע!...
און באַנגלעכע גרוסן פון ערד און פון זומפן, פון קאָפּטשעס מיט בלאָטיקע בולבעס.
ס׳איז שווער זיך צו שיידן מיט דעם, וואָס ס׳איז טייער, און אַלץ מיטאַמאָל
זיך פאַרגעסן.
עס ווילט זיך נאָך ווייטאָגן ממש צוזאַמען, די פעלדער צום האַרצן אַזש פרעסן!...
אָ, זייט געבענטשט, יידן, אויף פעלדער צעפּאָקטע, – אין טונקעלע וועלדער
פון קולבעס!!...

# בורן

די קליינע, שפּילעווודיקע מאַלפּע אויפן גרויסן הויף,
וואָס ס'איז געווען באַלייגט דורכאויס מיט קלעצער
און אַלט-אַראָפּגעוואָרפענע פון ערגעץ-ווו בודינקעס, —
האָט זיך געשפּילט, געקוילערט זיך אין שמוציק-רויטן זאַמד,
געשטעלט זיך אויף די פיס און טיף אַריינגעקוקט
פאַרזשמורעט מיט די פלינקע, קלוגע אויגלעך
אין העלע פּאַסמעס ליכט און שיין,
וואָס ס'האָט געשאָנקען אַזוי ברייט
דער שטילער, אויסגעהעלטער אַפריקאַנער טאָג.

זי האָט געקלונגען מיט דער שווערער קייט,
וואָס איז געווען פאַרגאַרטלט מיט אַ דינעם גורט
צום בויך פון לעבן אירע דינע פיס,
ווו ס'איז געווען שוין אויסגעריבן אַ פליקער פּאַס
פון אָט דעם צוגעקייטן אַייזן אויף איר ווייכן פעל.
און דאָס האָט איר משמעות נאָך דערמאָנט
אָן יענע זומערדיקע, גוטע טעג,
ווען זי האָט נאָך אַרומלויפן געקאָנט
אַזוי מין פראַנק און פריי אויף שפּיצן הויכע בערג;



לאַנדשאַפט אין דער קייפּ (קאַפּלאַנד)

זיך פירן מיט איר מאַמען ביי דער האַנט,
זיך וואַרעמען אין הייסן, קלאָרן ליכט,
און איינזאַפּן אין זיך די פרייהייט און די ברייט
פון שווייגענדיקן אַפריקאַנער „בוש”.

און איצטער מוז זי זיצן, נעבעך, אויף דער קייט
און שפּילן זיך צוזאַמען מיטן קליינעם הונט,
וואָס פלאָנטערט זיך כּסדר צווישן אירע פיס,
און בילט, און בייסט איר לאַנגן עק,
און ציט זי פאַר די אויערן אַרום.
זי דאַרף דאָ צונעמען פון מענטשנס האַנט
דעם נאַרישן, דעם קאַרגן גאָב,
וואָס ער ברענגט דאָ פאַראירטוועגן צו טראָגן יעדן טאָג.
— מישטיינס געזאָגט: — אַ פלוים, אַ שטיקל האַרטן ברויט
צי אָט — אַ טעלער הייסן זופּ,
וואָס זי איז גאָר צו דעם אַפילו נישט געוווינט.
נאָר וואָס? — אַ שווערע צייט...
איז דאָך נישט שייך, ווען מע מוז...

איז ציט זי זיך פּאַר לאַנגווייל טאַקע אויפן שטאַנג,
און לויזט פּאַמעלעך איר פאַרשטויבטע פעל,
און קוילערט זיך אין שמוציק־רויטן זאַמד;
און מיטאַמאָל – דערלאַנגט זי זיך אַ שטעל, להבדיל, ווי אַ מענטש,
צעפינטלט זיך אויף גיך, אויף גיך
מיט אירע לויפנדיקע ־ברעמען, –
די דינע הייטעלעך,
וואָס קלעפּן זיך אַזוי געשווינט צו אירע כיטרע אויגן,
און קוקט אַריין פאַרטראַכט און ערנסט
אין דער זון.

דאָס איז דער הויף, ווו ס׳וווינט פון יאָרן שוין אַן אַלטער בור,
אַ האָלענדער, געקומען דאָ פון אַמסטערדאַם
מיט יאָרן נאָך צוריק.
אַ לאַנגע קייט פון שווערע טעג – אַדורכגעמאַכט אין לאַנד.
– געשלעפּט זיך פון דער „קייפ"*) אַמאָל מיט זיינע פריינט,
מיט יונגען פלייציקע – געראָטענע אין אים...

---

*) „קייפ" ־ קאָלאָניע, טראַנסוואַל, נאַטאַל און אָראַנדזש פרי סטייט – דאָס זיינען די פיר פּראָווינצן, אין וואָס ס׳איז אַיינגעטיילט דער דרום־אַפריקאַנער פאַרבאַנד.

אַוודאַי, ער געדענקט אַפּילו נאָך אַצינד
דעם סקריפּעדיקן שפּאַן פון זיינע פּוילע אָקסן,
דעם זאַמדיק־הייסן שליאַך, די בוידן אָן אַ צאָל,
וואָס האָבן זיך געבליכט אויף אַפריקאַנער ערד,
צעצויגן אין אַ ריי — אַ לאַנגער קאַראַוואַן ...

מען ט׳אויסגעקוקט דאָס לאַנד. געגאַנגען צו טראַנסוואַל,
און אַזש מיט שווייס און בלוט באַטריפט די ערשטע טריט
פון אָט דעם ווייסטן וועג.
און איצט אַפּילו נאָך צום טאָג,
ווען ער דערזעט נאָך ווען ניט איז אַ ריי
פון צען און צוועלף און פערצן פּאָר געשפּאַנטע אָקסן,
וואָס פירן שוין דעם גאָב פון זיין געבענטשטן לאַנד: —
די פּולע קאַסטנס קרויט און מערן, בוריקעס, סאַלאַט,
און ריבן, אוגערקעס און קרייטער כּלערליי,
וואָס שמעקן ממש אויפן גאַנצן מאַרק
מיט רויער ערד און טראָפּנס פּערלדיקן טוי,
געבראַכט אַהער פון ערגעץ־ווו אַ ווייטער פאַרם, —
דאַן קוועלט ער אָן פון גליק, און ס׳גיסט זיך נאָך

אַזאַ מין גרויסע פרייד,
וואָס ער האָט דאָ דערלעבט צו זען דעם שכר
פאַר זיין אַמאָליקער צעלייגטער מי.
— געבענטשט איז גאָט! — די אַרבעט איז אַוועק פאַר נישט אומזיסט,
און ס'האָט פאַרטאָפּלט זיך צום טאָג זיין לוין:
— דאָס לאַנד איז ברייט, און ערד פאַראַנען איז דאָ נאָך לרוב,
און בויען וועט מען קענען נאָך אַ סך...
און ס'האָט דער אייבערשטער געבענטשט אים אויך מיט זין,
מיט יונגען פלייציקע — פּאַרליטן פונקט ווי ער;
און מוידן וואָסערע אַצינד זיינען פאַראַן!
— זיך אויפגעהאָדעוועט אַזאַ מין יונגער דור...
אָ, „וראך טאך"*), ווי סע לויפט געשווינט די צייט!
מע זאָל מערנישט דערלאַנגען זיך אַ קלער: —
ווי מע האָט זיך דאָס אויסגעפּאַשעט נאָר אויף היגער ערד...
אַוודאַי — בלוט און מילך! שוין גאָרניט ווי געוועזן.
למשל, ער האָט זיך גערדאַרפט נאָך אויסשרייבן אַ ווייב,
— פון האָלאַנד אַזש אַהער זי דאָ געבראַכט

*) ו ר א ך ט א ך — אַן אויסגעשריי פון באַגייסטערונג אָדער באַוווּנדערונג. דעם אויסגעשריי באַנוצט דער בור כּמעט צו יעדן דריטן וואָרט.

(אי דאָס האָט זי נאָך פאָרן נישט געוואָלט).
און טאַקע, ווו אַ שטייגער האָט ער זי פאַרפירט? —
אין ווילדן סטעפּ... אַרומגעשלעפּט מיט טרייסלענדיקער בויד.
נאָר היינט איז דאָס שוין אויך נישט קיין געפאַר.
מע וועט געפינען שוין שידוכים פאַר די זין.
הלוואַי מיט אַלעמען אַזאַ מין זאָרג!
— געלויבט איז גאָט!
ער האָט געגעבן אים מיט פולער האַנט,
און איצטער — אָסור, אויב עס איז אים שלעכט.

אַזוי האָט זיך פון סאַמע אינדערפרי
אַרומגעפּאַדעט אויפן הויף דער אַלטער בור
צווישן קופּעס ליים און זשוויר און ציגל אָן אַ מאָס,
וואָס ער אַליין האָט דאָ געפירט אַ גאַנצע וואָך.
דאָס הויז איז גרויס. אַוודאַי — ליכטיק און גערוים,
נאָר גרעסער איז דאָך אָבער זיין געזינט;
איז וועט מען טאַקע דאָ דערבויען נאָך אַ שטיק —
אַ פליגל וועט מען צושטעלן ביים זייט,
און דאָרט, פון לעבן גאַס — געפּאַסט וואָלט אַ גאַראַזש:

די אַלטע קאַר דאַרף נעכטיקן אין הויף,
שוין צייט צו האָבן אויך פאַר דעם אַ שטיקל פּלאַץ...
נאָר „כוט"... מע וועט געפינען שוין פאַר אַלץ...
אַ קנאַפּע בייז... אַמאָל האָט ער נאָך ווינציקער געהאַט...

אַזוי האָט דאָ באַקוקט דער באַלעבאָס
אַ גאַנצן טאָג זיין רחבותדיקן הויף.
מיט זיך אַליין באַטראַכט דעם פּלאַן:
אַרומגעגאַנגען הין און הער, געציילט די טריט,
געמאָסטן יעדן שפּאַן אין גאַנצער ברייט
און נאָכדעם אומגעקערט זיך אויף צוריק,
און אויסגעמאָסטן נאָכאַמאָל דאָס אין דער לענג;
און אָפּגעוואָרפן איטלעך שטיקל האָלץ פון אויפן וועג:
— דאָס וועט אים נאָך צוניץ קומען אַמאָל —
אַ לייסט... אַ שטאַנג... אַמאָלע וואָס מע דאַרף...
מען מוז זיין שפּאָרעוודיק אין לעבן אויף דער ערד,
ס'אי נישט קיין שפּיל...
ווען נישט זיין אויסגערעכנטע נאַטור,
וואָלט ער דאָך איצטער גאָרנישט ניט פאַרמאָגט.

אַ קונץ צו לאָזן גיין לאיבוד אָן אַ צוועק?...
— אַ קנאַפּע בריהשקייט איז דאָס ביי אים.
אָט זאָל מען בעסער אים באַווייזן, ווי מע ברענגט
פון אַלצדינג נאָר אַרויס אַ תּכלית מיט אַ נוץ, —
וואָלט ער זיך פאַר זיין לאַנד אַוודאַי מער געפרייט,
וואָלט אים אַוודאַי מער הנאה דאָס געטאָן...

און נאָכדעם איז ער ווידער באַלד אַריין
צוריק אין פוסטער שטוב.
ס'איז יום-טוב גראָד געוועזן יענער טאָג, —
איז דאָס געזינט געוועזן אַוועק אין קירך.
זיין אַלטע ווייב האָט אויך זיך מיטגעשלעפּט.
נאָר ער? — ער גייט שוין דאָרטן נישט פון לאַנג.
צו וואָס? — אַ שאָד די צייט.
די „בייבל" קען ער אויסווייניק כמעט;
און טרעפן בלויז מיט מענטשן זיך אין גאַס,
און צוהערן די דרשות פונעם פּריסט —
ע, נאַרישקייט... אַוודאי איז עס נישט כדאי:
מע קען נאָך אינדערהיים געפינען וואָס צו טאָן,

און גאָט וועט אים געוויס נישט שטראָפן פאַר די זינד,
ווייל ס'שטייט געשריבן דאָך פון אים אַליין,
אַז מיטן שווייס פון דיין געזיכט זאָלסט עסן ברויט, —
איז מוז מען פראַצעווען, כּל זמן מע קאָן...
און ווייל ס'איז קיינער נישט געווען אין הויז
האָט אַלץ אַרום געשמעקט אין פוסטער רו,
אין יומטובדיקן לאַנגווייל און אין שלאָף,
אין דינע שפּליטערלעך צעשטויבטער זון,
וואָס האָבן זיך צעשאָטן און געפּלייצט
פון יעדן ווינקעלע און שפּעלטעלע אַרויס.

עס איז געווען אַוודאי אַזאַ טאָג,
ווען אַלצדינג וויל נאָך לעבן אויף דער וועלט,
ווען איטלעכער איז גליקלעך אָן אַ סוף!...
אַפילו אויך די מאַלפּע אויף דער קייט
קאָן זען פאַר זיך אַזאַ מין גרויסן ציל,
קאָן פילן יעדן שפּליטערל פון זון —
איעדן טראָפּעלע פון פלייצנדיקן ליכט
און גלויבן, אַז עס וועט נאָך זיין באַשערט

צו טאַנצן ווידער אויף די שפּיצן הויכע בערג
פון איר פאַרגעסענעם און רחבותדיקן „בוש”.

אַזוי האָט יעדערער געגלויבט אין יענער שעה,
אַז אַלץ אַרום איז יומטובדיק און גוט.
דער פּאָפּוגיי געדרעמלט האָט אין שטייג
מיט אַזאַ זיסלעכן, האַלב־אופן שלאָף.
די בונטע פעדערן ביי אים האָבן געגלאַנצט
מיט הערלעכער, מיט שפּילעוודיקער פאַרב
און זיך צעגאָסן אין אַ ריינעם גאָלד,
אין גרין און בלוי, אין רויט, און נאָכאַמאָל אין גאָלד.
דער הונט משמעות איז געווען נאָך אין כעס,
למאי מען האָט באַגינען אים פאַרווערט
היינט מיטלויפן מיט אַלעמען אין קירך.
איז ער געלעגן ווי געפּגרט אויף דער ערד.
קיין צאַפּל נישט געגעבן מיט קיין גליד,
ער האָט אַפילו דאַמלסט נישט געפּרוווט
אַראָפּטרייבן פון זיך אַ פליג: –
אָט זאָלן זיי אים פרעסן, און געננוגו!...

און אַט אַזוי אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ
אויף זיינע פּאָדערדיקע אויסגעשפּרייטע פיס,
האָט ער פאַרוואָרפן זיך און נאָר געבעטן גאָט,
אַ גנב זאָל דאָ קומען איצט צו גיין —
ער וועט אפילו נישט דערלאַנגען זיך קיין ריר:
— אַ רעכט... זיי האָבן דאַן באַדאַרפט אים מיטנעמען מיט זיך!...
נאָר מיטאַמאָל — אַ שפּרונג און אָנגעשטייפט זיין עק,
האָט אָנגעשטעלט די אויערן פאַרשפּיצט
און זיך פאַרגאַנגען אין אַ ווילדער בילעריי.
— אַ קאַפּער איז געקומען מיטן וועג, —
האָט ער פאַרגעסן זיך, פון וואָס ער האָט געטראַכט,
און איז געבליבן באַ זיין הינטישער נאַטור.

דערווייל האָט שוין אַ צייט דער באַלעבאָס
געאַרבעט אין זיין ליכטיקן וואַרשטאַט.
געפלויגן איז דער שפּאַן פון אונטער זיינע הענט,
דער הובל איז געלאָפן אויפן האָלץ געשווינט:
ווי גלאַט און שמעקעוודיק און פריש
דאָס אי געוואָרן נאָר די רויע ברעט.

— עס וועט שוין זיין אַן אויסנאַם פון אַ טיר!
און ס׳האָט אַרום פאַרשמעקט אין ווייכער סמאָלע
און אין פעך, אין פרישן, צאַפּלדיקן האָלץ
פון וועלדער פינסטערע געבראַכט.

און אין דער קיך — געפּלאַפּלט האָט די צוגעשטעלטע יויך,
די קירבעס מיט דעם איינגעדעמפטן פלייש,
די ציבעלעס געפּרעגלטע אין שמאַלץ
מיט דעם מחיהדיקן, פעטן קרויט.
די קאַווע האָט געבלעזלט און געקאָכט,
און רונד אַרום האָט ריח זיך פאַרשפּרייט
פון גליקלעכן, צופרידענעם געקעכץ.
עס איז געווען אַזאַ מין יומטובדיקער טאָג —
אַזוי פיל ליכט און וואַרעמע, צעפלייצטע זון!...

מיט האַלבן טאָג — געקומען איז אַ פולע שטוב מיט געסט;
די בורן אין קאָסטיומען אויסגעפּוצט,
מיט ברייטע היט און הענגענדיקע גראָבע הענט.
די ווייבער זייגען דאָ געזעסן מאָט

מיט קערפערס אָנגעגאָסענע מיט שמאַלץ,
מיט פעטע גיידערס און מיט פולע בריסט,
אַזוי, אַז שווער געווען איז צו געבן זיך אַ ריר;
און ס'האָט געשפּילט דער אַלטער גראַמאָפאָן
פון ס'ניי, שוין אפשר צו דעם צענטן מאָל
דעם זעלביקן, דעם גוט-באַקאַנטן וואַלס.
די ווייבער האָבן אָנגעקוואָלן אַזש
פון דער מחיהדיקער, אמתער מוזיק
און צוגעטופּעט מיט די פיס,
און צוגעשאָקלט מיט די שווערע קעפּ,
און ס'האָט זיך זיי געחלשט גיין אַ טאַנץ!

די מענער האָבן צוגעקוקט צו דעם
און אויך זיך גוטמוטיק פאַרבראַכט.
מען האָט גערעדט אין פראָסטן אַפריקאַנס.
די נייעס זיך דערציילט פון אויפן לאַנד,
און שטילערהייט געשמועסט פּאָליטיק,
און נאָכאַמאָל פּאָל קרוגערן*) דערמאָנט:

*) פּ אָ ל  ק ר ו ג ע ר — איינע פון די וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן פון דעם אמאָליקן בורן-פאָלק.

– אָט דאָס געווען איז אַ בראַווער מאַן –
נישטאָ היינט נאָך איינער צו אים!...
פאַרגאַנגען זיינען יענע יאָרן, יאָ...
אַ שאָד... די ענגלענדער, זיי לאָזן נישט צורו,
מע וועט זיי באַלד שוין גאָר אַרויסטרייבן פון לאַנד.
נאָר ניין, ס'איז אַפריקע באַטריפט מיט זייער בלוט...
און איצטער זיינען זיי פאַראַנען דאָ אַ סך.
געדענקען זיי נאָך אַלע יענע צייט,
ווען ס'אי געווען אַ ווילדערניש אַרום.
און טאָמער האָט אַ בור געפירט אַמאָל אַ גאַסט
צו זיך אַראָפּ אין פאַרם, –
האָט דאָס געדויערט ממש גאַנצע טעג...
– מע פאָרט, מע פאָרט, און ס'נעמט קיין סוף אַפילו נישט צום שליאַך.
„וואר איז די פלאַץ?״*) –
פלעגט יענער נייגעריק שוין טאָן אַ פרעג.
– „דא–בו–ו–ו״**) – פלעגט מען אים דאַן אַ ווייז טאָן מיט דער האַנט: –

---

*) וואַר איז די פלאַץ – וואו איז דאָס אָרט (אין אפריקאַנס).

**) דאַבו – אָן דאָרטן, אַן אָנווייז אויף עפּעס.

„עס אי שוין נאָנט, אָן דאָרטן, „קאָן יאַיי סין?‟*)
נאָר ס׳האָט זיך אַלץ נאָך קיין זאַך נישט געזען,
און אָפטמאָל פלעגט מען אָפגיין גאַנצע נעכט...
נאָר היינט איז שוין אַן אַנדער צייט.
זיי קאָנען שוין אַ סך עפּעס וואָס טאָן.
די קאַפּערס וועט מען אויסשיסן ווי היינט...
און מע וועט קעמפן נאָך פאַר זייער פאָלק און שפּראַך...
געוויס וועט מען נאָך אויפטאָן עפּעס... יאָ...
אַזוי האָבן די בורן זיך געטרייסט,
געזופט די קאַווע פון דער פלאַכער שאָל,
זיך צוגעהערט געשמאַק צום גראַמאָפאָן
און אמתע הנאה דאָ געהאַט.

דער באַלעבאָס פאַררויכערט האָט אַ האָלענדער ציגאַר,
טראַקטירט מיט דעם צופרידן זיינע געסט.
מען האָט גענומען אַזוי פאָרזיכטיק זיין גאָב
מיט צוויי פאַרגרעבטע פינגער אין דער האַנט,
מיט דרך ארץ און מיט אָפּשיי, ווי אַ זאַך,

*) קאן יאיי סין? — קענסט ניט זען?

פאַר וואָס מע האָט אַ גוואַלדיקן רעספּעקט.
און נאָכדעם האָט מען דאָס אַזוי מין גוט באַקוקט,
דערלאַנגט אַ לעק דעם שפּיץ מיט נאָסער צונג
און טאַקע זיך באַגאַוועדט ביי דערביי,
און ווישנדיק די סלינע פון דער ליפּ
גאַנץ איינפאַך — מיטן אַרבל פון פּידזשאַק,
האָט מען פאַרכלינעט זיך מיט שמעקעדיקן רויך.

די פּייפן האָט מען אויסגעביטן גלייך
אויף אָט דעם חשובן און טייערן אַנטיק;
און ס'איז געוואָרן אָנגערויכערט באַלד
מיט אַזאַ ביטערן, געדיכטן טשאַד
די גאַנצע בענקענדיקע שטוב.

אַזוי האָט מען אין איינעם זיך פאַרבראַכט
געמיטלעך אין דער יומטובדיקער רו,
און קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט,
ווי ס'האָט געצויגן זיך דער זומערדיקער טאָג,
געצויגן זיך מיט אַזאַ פוילער היץ

אין דרויסן ביז דעם קילן אויפדערנאַכט.

דאַן האָט דער אָוונט דאָ געטאָן אַ שפּריץ מיט ליכט.
מען ט׳אָנגעצונדן פייער אינעם הויז,
מען האָט זיך אויפגעהויבן שוין אַוועקצוגיין.
די בורן האָבן זיך אַזוי פאַרנייגט
מיט העפּלעכן און טיפן בויג,
מיט דאַנקען און מיט חניפות כּלערליי,
און טויזנט מאָל אַרויסגעזאָגט די „גוטע נאַכט",
און איינציקווייז צוריק געלאָזן זיך אין וועג.
דער אָוונט איז געווען, ווי אַלעמאָל באַגאָסן מיט אַ שקיעהדיקן שיין,
אַ שטיקל הימל האָט נאָך ערגעץ־ווו געברענט,
און ס׳האָט געוויקלט זיך אַ העלער פּאַס
פון אמתן, פון ליכטיקן בורשטין.
אַ ביסל ווייטער — זיך צעגאָסן אין אָראַנזש
און באַלד פאַרטונקלט זיך אויף אַלעמאָל אין שוואַרץ.
אַ בענקעניש געשפּרייט האָט זיך אַרום
פון די פאַרגליווערטע און שווייַגענדיקע בערג,
און ס׳האָט געשוויגן אויך דער אויסגעלייגטער טראַקט.

נאָך וועטשערע האָט תּיכּף זיך דער באַלעבאָס
אָוועקגעשלעפּט פֿאַרמאַטערט צו זיין בעט.
ער דאַרף זיך מאָרגן אויפֿהייבן פֿאַרטאָג;
ס'אי אַרבעט נאָך פֿאַראַנען דאָ אַ ים, —
מע וועט זיך שטעלן בויען שוין מיט גליק...
נאָר ס'האָבן אַנדערע מחשבות גאָר געהאַט
בעת מעשה זיינע אויסגעפּוצטע זין.
מען האָט נאָך נישט געחלומט פֿונעם שלאָף
און עפּעס לאַנגווייליק אויף עמעצן געוואַרט.

און באַלד האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש
אַ טרוקענער פֿון פֿינסטערן געהעפּט.
דאָס איז מען אָנגעפֿאָרן מיט דער גרויסער קאָר
זיי מיטנעמען צום אָפּגעמאַכטן טאַנץ.
די יוגנט איז געוועזן אַזש באַרוישט.
מען איז געקומען דאָ צוזאַמען זאַלבעצענט.
די בחורים — מיט טאַנצענדיקע פֿיס;
די מוידן — מיט באַהאַלטענער געפֿאַר,
מיט שרעק און מורא פֿאַר דער תּאוהדיקער נאַכט.

נאָר דאָך האָט זיי געצויגן ערגעץ-ווו,
און ס'האָבן זיך געהויבן פולע בריסט, —
געאָטעמט אַזוי האַמעטנע און שווער,
און ס'האָט אַזוי געכּישופט אָט די שרעק...
דער טומל איז געוואַקסן אויפן הויף.
ס'האָט יעדערער געזוכט פאַר זיך אַן אָרט
אויף די צעלייגטע האַרטע ברעטער פון דער קאַר,
מיט וואָס מע האָט געפירט אַ גאַנצע וואָך
פאַרמאַטערטע די שטיינער מיט די זשוויר.
נאָר דאָס וואָלט נאָך אַוודאי נישט געשאַט —
האָט מען דאָ אָבער דווקא נאָך געדאַרפט
אַ פיאַנע מיטפירן מיט זיך צום טאַנץ —
אַ טראַנטע עפּעס פון אַן אַלטן הויף,
וואָס ס'האָט געבּאַרבעט ווי אַ פוסטע טון
און צוגענומען אַזאַ ברייטן פלאַץ.
איז מען געזעסן דאָ דערפאַר אַביסל נישט אַזוי גערוים,
נאָר דאָרטן וועט עס דאָך צוניץ קומען געוויס.
די פאַרם — אַ מהלך איז פון שטאָט,
און ווער ווייס, צי קלעזמאָרים וועלן זיין?...

עס מאַכט נישט, אויב עס איז אַפּילו ענג,
און ס׳שטורכעט עפּעס עמעצן אין זייט: —
יחסנים קענען בלייבן אין דער היים,
און דאָ מוז מען צופרידין זיין מיט אַלץ.
מע וועט דערפאָרן שוין די פינף און צוואַנציק מייל,
און נאָכדעם וועט מען הולענען ביז טאָג...
און אויב ס׳איז טאַקע וועמען נישט באַקוועם,
דאַן קאָן ער נאָך חרטה האָבן, יאָ.
אָט זאָל ער נאָכלויפן נאָך אַלעמען צופוס —
נישקשה, ס׳אי אַ מזלדיקער וועג...
אַזוי האָט מען געהיצט זיך און געשפּאַסט
מיט אמתן, מיט יוגנטלעכן ברען.
מען האָט געקוויטשעט און געשריען און געלאַכט,
געטומלט און געקראָכן אויף די קעפּ,
און נאָכאַנאַד געטראָטן זיך די פיס, —
ביז וואַנעט ס׳האָט די קאַר געטאָן אַ ציי
און איז אַוועק מיט אימפּעט און מיט רויך.

דער קלייגער הונט געבליבן איז צופרידן שטיין,

ווײַל דאָס מאָל האָט ער דווקא נישט געוואָלט
די באַלעבאַטים זײַנע נאָכלויפֿן אין וועג.
— משוגע! — אין אַזאַ מין שפּעטער שעה...
כּדאַי איז טאַקע זיך אַרויסיאָגן פֿון הויט...
האָט ער זיי צוגעגלייט סך הכּל ביז דער גאַס
און באַלד זיך אומגעקערט צוריק
און זיך צעבולן אין דער טיפֿער נאַכט.

פֿאַראַנען זײַנען שטערן אין טראַנסוואַל,
וואָס זײַנען פֿינקלענדיק און צאַפּלדיק און ריין,
וואָס זײַנען גרעסער נאָך פֿון עמעצנס אַן אויג. —
צי פּשוט, ווי אַ שטיקל פּראָסטע גלאָז,
וואָס שימערט אונטער ברענענדיקער זון,
ווי אמתער, ווי טײַערער ברילּיאַנט!
אָט פֿלאַקערט עס אין לויכטנדיקן זאַמד,
אָט גיט זיך דאָס אין שטערנדלעך אַ שיט,
און פֿונקען אַזש צעפֿליען אין דער לופֿט,
ווי טראָפּנדלעך פֿון פּערלדיקן טוי.
און אַלץ אַרום צעגיסט זיך און צעשטויבט

אין וואַרעמער, אין ברענענדיקער פאַרב.
האָט זיך געגאָסן דאָ אַזאַ מין ווייסע ליכט,
און הימלען האָבן שוואַרצע זיך געבלייכט,
און ס׳האָט געטונקלט זיך דער אומעטיקער שליאַך,
און ס׳האָט געשוואַרצט זיך אין דער טיף די רויע ערד,
און אַלץ אַרום געטעמט האָט מיט שרעק,
מיט טויבער וויסטעניש פון אַפריקאַנער נעכט,
מיט אַזאַ בענקעניש פון בלאָנדזשענדיקע טריט,
וואָס קענען נישט געפינען זייער סליאַד.
און אין אַ טיפער רו פאַרזונקען איז געלעגן גאַנץ טראַנסוואַל.
עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון קדמונים אָן,
נאָך איידער גאָט באַשאַפן האָט די וועלט,
איז דאָ פאַרבליבן פון דער ליידיקייט אַ שטיק
און זיך פאַרטייעט אין אַ שווייגן אויף דער היגער ערד.

מען איז געפאָרן דאַמלסט פאָרזיכטיק און שטיל.
מיט גריבער איז געווען פול דער וועג,
און ס׳האָט געטרייסלט און געוואָרפן אין דער הויך,
מען האָט געקאַטשעט זיך און זאָרגלאָזע געלאַכט

אין טיפער רויקייט ביי יעדן שפרונג און פאַל.
דער עולם האָט אין איינעם זיך געקנוילט,
און ס'האָט זיך קיינער אינעם חושך נישט דערקאָנט.
און בחורים מיט בענקענדנקע הענט
געוואַרט האָבן אויף רגעס, ווען מע וועט
אַרומכאַפּן אַ קוויטשעדיקע מויד
און פּרעסן זי און קלאַמערן צו זיך
מיט תאווה און מיט צאַפּלדיקן האַרץ...

נאָר מיטאַמאָל צעטראָגט זיך אַ געשריי,
מען בייזערט זיך: א, וואַך טאַך, ווי זי בייסט!...
— געקאָנט אַראָפּבייסן די גאַנצע האַנט.
אַזעלכענע נקבות, וואָס איר זיינט,
מע וועט אייך שוין באַווייזן, ווי צו בייסן... הינט!
און ווידער גיט אַ טרייסל זיך די קאַר,
און ווידער קנוילן אַלע זיך צענויף,
און ווידער האָט מען גוטמוטיק געלאַכט...

אַזוי איז מען געקומען שוין צו פאָרן אויף אַן אָרט.

די יונגען האָבן זיך צעשאָטן מיטאַמאָל
און איינציקווייז „פאַרנומען" יעדן קוסט...
— אַהאַ, — זיך איינגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט!...
די מוידן זיינען דאָ געבליבן שטיין,
זיך אָנגעקוקט פאַרשעמט און זיך צעקייכט.
דערנאָך האָט מען געגומען גיין אין שטוב.
די זכרים האָבן ווידער זיי דעריאָגט,
און ס'איז געוואָרן אַזוי לייכט און גוט.

עס זיינען שוין געווען געקומען אַ סך געסט,
און דאָך האָט נאָך דער עולם אַלץ געפּלייצט.
מען איז געקומען דאָ פון אומעטום:
— פון גאַנצע פערציק צי פון פופציק ווייטע מייל.
געשפּאַנט האָט מען מיט אייזלען און מיט פערד.
די רייכערע — מיט „פאָרדן" זיך צעיאָגט,
געהויבן אַזוי גדלותדיק דעם שטויב
און ברומענדיק פאַרשווונדן אינעם סטעפּ.
אַ סך האָבן געפּלאָנטערט זיך צופוס
מיט גראָבע שטעקנס אין די יאָדערדיקע הענט.

מען איז אַרויס אין וועג נאָך האַלבן טאָג,
די זון איז נאָך געווען אין סאַמע ברען,
און דאָך איז מען געקומען מיט דער נאַכט.
אַ סימן, אַז ס'אי טאַקע אמת ווייט,
— אַוודאי אַרום זעכצן גוטע מייל...

די גרויסע שטוב געווען איז שוין געפּראָפּט מיט געסט:
מיט פּאַרמערס און מיט ווייבער אָן אַ שיר,
מיט יונגען, ווי געקנאָטענע פון ליים, —
אַזוינע הויכע, אומגעלומפּערטע און פּראָסט,
מיט ווייסע אויגן און מיט קעפּ פון העלן פלאַקס.
די מוידן האָבן דווקא דאָ געהאַלטן שטאַט,
גלייך ווי זיי וואָלטן דאָ ביי איטלעכן געפרעגט:
„קאַן יאַיי פאַרסטאַנד דען אונזערע מענירע? — יאַ!"...*)
און ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען.

מען איז געזעסן אויסגעזעצט אַרום אויף לאַנגע בענק.

---

*) קאַן יאַיי פּאַרסטאַנד דען אונזערע מענירע? — יאַ — קענסטו דען פאַרשטיין אונזערע זיטן, מאַנירן, יע. אינטערעסאַנט, אַז צו יעדן דריטן וואָרט גיבן די בורן צו דאָס וואָרט „יאַ".

די מיילער האָט מען אָנגעשעפּט מיט לופט,
און נישט אַרויסגערעדט קיין איין און איינציק וואָרט.
די הענט האָט מען געהאַלטן אויף די קני,
אַוועקגעלייגט געשניצטע, ווי פון האָלץ —
אָן שום באַוועגונג און אָן קלענסטן ריר.
געאָטעמט האָבן מערנישט פולע בריסט,
געהויבן זיך אונטער דעם ביליקן קאַרטון,
און אויגן האָבן סתם אַזוי געגלאָצט,
געקוקט פאַרגליווערט ערגעץ אין איין פונקט,
און נישט געטאָן קיין צאַפּל מיט אַ ברעם.
אַזוי איז מען געזעסן דאָ אַ לאַנגע צייט,
געהאַט מסתמא גרויס הנאה פון דערפון,
אַז אָט — מען איז געקומען צו אַ טאַנץ...
און פאַרמערס האָבן אַלץ נאָך דאָ געשטראָמט,
ווי זונטאָג צו אַ זינגענדיקער קירך.
מען האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף די ווענט די היט,
די שטרויענע פאַרבאַקענע פון זון,
אַזוי, אַז ס'האָט דערמאָנט דער געלער שטרוי
אָן פעלדער און אָן צייטיקדיקן ווייץ,

אָן „מילִיס״*), וואָס געראָטן שוין אין לאַנד,
אָן „קאַפּער־קאָרן״ און אָן רויטער ערד,
און אָן פּאַרגרעבטע, און אָן שווערע הענט,
וואָס טרייבן אַזוי קונציק דעם געשפּאַן.
און ס׳האָט זיך ממש אַזש געדוכט,
אַז אָט־אָ וועט צעשרייען זיך אַ גראָבער קול:
— אַיי, „קאַפּער״, „פּאַסמאַן״, „בלאָמפּצלד״**) — צו דער רעכט...
און אָקסן וועלן אָנפאַנגען צו גיין
מיט פולע און מיט שלעפּעדיקע טריט.

און נאָכדעם האָט מען רויק זיך באַגריסט,
געפרעגט, וואָס יעדערער מאַכט עפּעס אין געזונט
— דאָס ווייב, די קינדער, און וואָס מאַכט דער שווער;
צי מעלקן זיך אַ פּנים נאָך די קי;
צי ס׳איז געווען אַ טריקעניש אין זייער קאַנט,
און צי עס וועט זיין ביליק היי־יאָר וואָל.

---

*) מילִיס — קוקורוזע.

**) „קאַפּער״, פּאַסמאַן״, בלאָמפּעלד״ — נעמען פון אָקסן. ביי די בורן האָט יעדער אָקס אַ נאָמען.

דערצו האָט מען פאַרביסן מיט אַ וויין.
אַ חכמה האָט אַוועקגעהרגעט ווער,
האָט זיך דער עולם טאַקע גוטמוטיק צעלאַכט,
און באַלד אַוועקגעלייגט אַ צווייטע אויף אַן אָרט,
און ווידער האָט מען זיך צופרידענע געקייכט.
דערווייל איז עפּעס אָנגעפאָרן ווער פון שטאָט.
דער מוזיקאַנט געקומען איז פארשפעטיקטער פון וועג,
האָט מען זיך טאַקע שטאַרק מיט אים דערפרייט
און היימלעכער געוואָרן איז אין הויז.

ווען אַפריקע פאַרשמעקט מיט טעג פון אָנהייב האַרבסט,
מיט זוניקן און וואַרעמען אַפּריל;
און ווען די פעלדער ווערן פול מיט ריינעם גאָלד –
מיט „מיליס" און מיט קאָרן און מיט ווייץ;
און ווען אַ זילבערדיקער שיין צעגיסט זיך אויף דער וועלט
מיט שטילע האָפענונגען פון אַ מזלדיקן שניט,
און שמעטערלינגען איינגעטונקט אין ליכט
צעשפּריצן זיך, ווי גילדערדיקער גוס,
און פאַלן ווי אַ רעגן אויפן גראָז;

און ווען ס׳פאַרשמעקן אַזוי שאַרף די נעכט
מיט ערשטן אָנזאָג פון אַ פראָסט, -
דאַן הייבן זיך שוין אָן די „שיפּסקינס״*) אויפן לאַנד,
דאַן קומט מען זיך צוזאַמען אויסטאַנצן די פרייד,
און מען איז גליקלעך מיט דער ברכה פון דער ערד.
דאַן קומען זיך צוזאַמען בורן אָן אַ שיר.
מען הולעט און מע טאַנצט ביז האַלבע נאַכט,
מע טרינקט די שוואַרצע קאַווע און מע שטינקט,
און נאָכדעם טאַנצט מען ווידער און מע שוויצט,
און אָט אַזוי — ביז לויטערן פאַרטאָג.

נאָר דאָ איז נישט געווען קיין פּראָסטער טאַנץ
פון פויערים און גראָבע יינג...
מען איז צוזאַמען דאָ געקומען פאַר אַ ציל;
און ס׳האָבן זיך פאַרקליבן אַ סך פּני,
אַפילו אויך דער „מייער״**) פון דעם נאָנטסטן מאַגיסטראַט,
און עפּעס שרייבערלעך אַ פּאָר,

*) שיפּסקינס — דאָרפישע פויערישע טענץ און הוליאַנקעס.
**) מייער — בורגמייסטער, דער שטאָט-פאַרוואַלטער.

און שיקסעס אין געשטיקטע טופל און אין היט,
און נישט אָט סתּם אַזוי — אַבילע ווער.

האָט מען זיך טאַקע דאָ געהאַלטן מעשׂה לייט —
מיט אָנגעצויגענעם און אמתדיקן שטאַט.
דער מוזיקאַנט געגרילצט האָט מיטן שמיץ,
געקאָרטשעט זיך אין אָנגעשטייפטן העמד,
געסאָפּעט און צעפּאַרעטער געשוויצט,
און זיך פֿאַרלאָרן אין זיין לאַנגגן ראָק,
וואָס אים האָט עס לחלוטין נישט געקליידט.
די פּיאַנע, וואָס מע האָט אַהער געפֿירט,
האָט אויך עפּעס געבראַכט אַ שטיקל נוץ: —
זי האָט געבארבעט און געסקריפּעט — אַ געפּאַר!
און ס'איז דער עולם זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ טאַנץ.
געטאַנצט האָט מען געלאַסן אַ „פּאָקס-טראָט"
און נאָכדעם — אַ פֿאַמעלעכן קאַדריל.
מען ט'ציילנדיק באַרעכנט יעדן „פּאַ"
און טאַקע נישט געקראָכן אויף די פֿיס.
הכּלל, מע האָט אין ווילדערניש פֿון פּאַרם

אַראָפּגעבראַכט אַ לײַטישקײט פֿון װײַט...

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אַ טײל פֿון געסט
דערפֿילט עפּעס נישט היימיש אינעם הויז
אויף אָט דעם לײַטישן און אויסגעפּוצטן „באַל".
— יאָ, װאָסי דאָס אַ שטײגער פֿאַר אַ טאַנץ?
אַזוי װי מע װאָלט זײַן פֿון פּאַרצעלײַ;
מען ציטערט פֿאַר אַן איבעריקן טראָט,
גלײַך מע װאָלט זשאַלעװען די הינטנס טאָן אַ דרײ,
אַ קלײניקײט, עס קען נאָך אָפּפֿאַלן אַ שטיקל פֿון דערפֿון!
און אײנציקװײז איז תּיכּף מען אַרויס
אין בענקענדיקן סטעפּ.

דערװײַל געװאָרן איז אַ ביסל לײדיקער אין שטוב,
און ס'האָט זיך נישט געפֿילט אַזוי די שװערע היץ
מיט דעם פֿאַרטשאַדעטן און שטינקענדיקן רויך
פֿון די פֿײַפֿן מיטן ביליקן טיטון.
און פֿרײער האָט דער עולם אָפּגעאָטעמט דאַן,
און װידער זיך אַװעקגעלאָזט אין טאַנץ.

אויף דרויסן האָט זיך אָפּגעטאָן אַ וועלט!
פאַרזאַמלט האָט זיך דאָ כמעט דער גאַנצער קראָאַל,
וואָס ס'איז געלעגן אַ פּאָר מייל סך-הכּל פון דער פאַרם.
די קאַפּערס האָבן שפּילן דאָרט דערהערט,
איז מען אַוודאי נישט געווען פויל
און זיך אַ לאָז געטאָן צום הויז
פון זייער ווייסן באַלעבאָס.
מען איז געקומען דאָ מיט קינד און קייט:
די מענער, מיט די ווייבער, מיט די הינט,
און קאַפּערלעך געטאַנצט האָבן ביים זייט
האַלב-נאַקעטע מיט פולע נעז,
זיך אויסגעשטעלט אַרום די פענסטער אויף די קעפּ,
געסטאַרעט זיך צו כאַפּן נאָר אַ קוק,
און אָנגעקוואָלן אַזש פון פרייד
מיט אויסגעשטשירעטע און ווייסע ציין,
און פיס האָבן צעטאַנצט זיך אונטער זיך.
עס האָט אַזוי געשיכּורט די מוזיק,
און אויגן האָבן גליקלעך זיך צעברענט:
אָט זאָל מען זיי דאָ לאָזן נאָר אַצינד,

דאַן וועלן זיי באַווייזן זייער טאַנץ, —
מע וועט צעשפּרינגען זיך, אַז ס'ציטערן די ערד!
איז אָבער אַן עבֿירה זיך צו טאָן אַ ריר —
אַוודאי וועט מען צוכאַפּן דעם פּלאַץ...
איז מען געשטאַנען בײַ די פענסטער רונד אַרום
און זיך געהוידעט מיטן טאַקט פון דער מוזיק.

און אין דער זעלבער צײַט
האָט זיך אַ ביסל ווייטער עפּעס אַנדערש וואָס געטאָן.
דאָרט האָבן זיך פאַרקליבן די,
וואָס זײַנען נישט געווען צופרידן מיטן טאַנץ
פון שטעטישע יחסנים און פון פּני.
מען האָט זיך אויסגעשטעלט אַרום אין ברייטן קרײַז
און זיך צעלאָזן מיט התלהבות און מיט ברען.
געטאַנצט האָט מען צוזאַמען, אויף אַ מאָל
פון צוואַנציק אַזש ביז פינפאונצוואַנציק פּאָר.
מען האָט געכלאפּעט אין די הענט,
און צוגעזונגען מיט אַ קול,
און צוגעטופּעט מיט די פיס.

פאָנדאָלאַנד

דער עולם איז פֿאַרגאַנגען אין עקסטאַז,
אַרומגעכאַפּט זיך אַלע מיטאַמאָל
און ווי שיכּורים זיך פֿאַרדרייט אין סטעפּ.
עס האָבן זיך געהויבן וואָלקנס שטויב,
און פֿיס האָבן געטראַמפּעוועט די ערד,
זיך איינגעבויגן — אויפֿגעשטעלט צוריק,
געוויגט זיך, ווי שיכּורים נאָך אַ טרונק
און זיך וווּליוּנגעריש פֿאַרגאַנגען אין אַ פֿייף...
די מוידן האָבן קוויטשעדיק געגרילצט,
און ס'האָט פֿאַרקלונגען רונד אַרום דער גאַנצער „בוש",
און אַלע האָבן נאָר געשריען „כוט"!

די קאַפּערס האָבן תּיכּף דאָס דערהערט
און ראַפּטאָם זיך אַ לאָז געטאָן אַהין
(משמעות, ס'האָט זיי מערער דאָס געלאָקט...).
איז אָבער שטיל געוואָרן באַלד אין הויז,
ס'האָט אויפֿגעהערט צו ראַצן די מוזיק,
און ס'האָט צעטראָגן זיך פֿון דאָרט אַ האַרטע שטים.
דאַן האָבן זיך די שוואַרצע ווידער אומגעקערט צוריק,

זיי האָבן זיך געיאָגט אויף גיך, אויף גיך
פאַרכאַפּן ווידער ווו ניט איז אַן אָרט.
די בורן האָבן אויך פאַרלאָזן זייער טאַנץ
און זיך געטאָן אַ ריס צום שטוב.

דאָס האָט דער „מייער" זיך אַצינד צערעדט,
אַ דרשה דאָרט געהאַלטן פאַר די געסט:
„מען איז געקומען נישט נאָר טאַנצן בלויז אַהער ,
נאָר עפּעס טאָן אַ גוטע זאַך.
נישט אַלצדינג קען דאָך געבן אַייך די שטאָט.
איר נויטיקט זיך אַצינד אין אַ שפּיטאָל;
דאָס הייסט אַפילו, ריכטיקער גערעדט —
נאָר אין אַן אַמבאלאַנס,
וואָס זאָל אַייך ברענגען צו דעם שטעטישן שפּיטאָל,
און דאָרט וועט מען אַייך צונעמען מיט ביידע הענט,
איז דאַרפט איר טאַקע זען... ס'איז אַייער לאַנד"...

דאָ האָט דער מייער נישט פאַרענדיקט זיינע רייד.
דער עולם האָט אַ שאָס געטאָן „הורײַ!".

„הורי:״ האָט מען געשריען ביזן דאַך;
„היפ-היפ״! האָט מען געענטפערט פון דער גאַס...
און ווידער האָט דער „מייער״ זיך צערעדט:
— „ס׳איז אייער לאַנד,
און איר דאַרפט פילנעווען דאָס ווי אַ קינד,
און יעדערער פון אייך דאַרף געבן, וואָס ער קען —
אַ שילינג וועט מען צונעמען מיט דאַנק.
איר טוט דאָך דאָס אַוודאי נאָר פאַר זיך.
אָט שטעלט זיך פאָר: — איר ווערט למשל קראַנק״...
און ווידער האָט מען נישט געלאָזן ענדיקן די רייד.
— „נאַראָנים״ — האָט זיך עמעצער געטאָן אַ קרים —
„נישט קרענק און נישט באַדאַרף דעם אַמבאלאַנס״,
און אויסגעשפייגן האָט ער אויפן דיל
און איז אַרויס פון שטוב.

נאָך אים האָבן פּאָווילינקע זיך אויך געטאָן
אַ ציי די איבעריקע געסט,
און ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט זיך אויף דער גאַס.

עס איז געווען שטיל און אָנגענעם ביז גאָר.
מען האָט זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע פון דער היץ
און אָפּגעקילט פון פרײַ֗עדיקן שווייס.
נאָר נישט געדויערט האָט עס לאַנג,
ווי ס׳האָט דער באַלעבאָס פון פאַרם
געוואָלט צורעכטמאַכן דעם „מייערס" רייד.
דאַן האָט מען אָנגעהויבן כּבוד צו דערלאַנגען אויפן הויף: —
די קאַווע האָט אַ קאָכיקע געבריט,
און ס׳האָט געשיכּורט אויך דער פּראָסטער ביר,
וואָס מען האָט קויפן גאַנצע אָנגעבריײַט אין הויז.
און ס׳האָבן אויך געשמעקט די קלוגע „קייק"*)
מיט צימרינג און מיט פּוטער, און וואַניל,
דער „לעקער-כוט"**) געווען איז איינמאָל אַן אַנטיק,
ער האָט געצויגן אַזש אַן אויג!
און היינט די באַבקעס מיט די אָנגעבראַכטע טערט,
באַשאָטן מיט אַ צוקער-שטויב,
מיט בלימעלעך און פייגעלעך באַפּוצט

*) קייק — געבעקס.
**) לעקער-כוט — צוקערקעס, זיסקייטן.

פון ראָזן און פון גרינעם טייג, —
אַ חיות נאָר אַ קוק צו טאָן אויף זיי!
האָט מען געפּאַקט טאָקע און ווילגיין זיך געלאָזט.
אַ סך האָבן פון לאַנג שוין נישט געדענקט
פון אַזאַ טייערן און זאַטן „דאַנס"*).
דערווייל האָט זיך צעהולעט דער המון,
געוואָרן עפּעס אויפגעלייגט ביי זיך,
און זיך צעשאָטן מיט אַ רחבותדיקער האַנט.
מען האָט געגעבן וויפיל איינער האָט געקענט:
אַ „טיקי"**) און אַ שילינג און אַ פונט...
דערצו האָט מען געמאַכט אַ לאָטעריי,
מען ט'אָנגעבראַכט אויף בלעכן אַ פּאַרמעג
פון הינער און פון אינדיקעס און גענדז
געבראָטענע אין שפּרודלדיקן פעטס,
וואָס האָט אַזוי מחיהדיק געטריפט,
ווי העלע טראָפּנס פון דער לויכטנדיקער זון.
און דאָס האָבן די פּויערים געקויפט,

*) ד א נ ס — טאַנץ.

**) ט י ק י — אַ קליינע זילבערנע מטבעה אין ווערט פון 3 פּענס.

געשטיגן און אַריינגעטריבן אַזש
אין „סיקספענס"*) און „ניינפענס"*), ווי אַמאָל...
און נאָכדעם האָט מען שטיקערווייז געפּליקט
און זיך פאַרכלינעט מיט דער טריפנדיקער שמאַלץ...

אַזוי האָט מען פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט,
ביז וואַנעט עס האָט עמעצער באַמערקט,
ווי ס'רויטלט זיך אין מזרח שוין דער טאָג.
עס האָט געפאָרבן זיך אַ שטראַלנדיקער פּאַס
אין רויט, אין זילבער און אין געל
און אויפגעגאַנגען מיט אַ העלן ליכט...

דער באַלעבאָס האָט זיך שוין לאַנג געפּאָרעט אויפן הויף,
בעת זיינען אָנגעקומען אָקאָרשט זיינע זין.
ער איז געשטאַנען ביי אַ טיפער גרוב
און צוגעגרייט די וואָפנע מיט די זשוויר.
געוועזן איז ער אייגנטלעך אין כעס

*) סיקספענס, ניינפענס — זעקס פענעס, ניין פענעס.

נאכשאל מען האָט געפּטרט אַזאַ נאַכט
אין נאַרישקייטן און אין פּוסטע טענץ.
נאָר וואָס? אַמאָל איז ער דאָך אויך געווען יונג,
האָט ער זיך אויך מסתּמא נאַריש דאַן געמאַכט.
און ווידער האָט ער אויסגעמישט דעם קאָלך.

די מאַלפּע האָט געגליטשט זיך פונעם שטאַנג,
געקוילערט זיך אין שמוציק־רויטן זאַמד,
געשטעלט זיך אויף די פּיס, להבדיל, ווי אַ מענטש
און טיף אַריינגעקוקט אַזוי מין ערנסט און פאַרטראַכט
אין גרויסן טאָג.

■

# דאָס הויז

## א

דאָס הויז געשטאַנען איז אַליין זיך בײַ אַ ברעג,
ווי אַלע גבירישע, מיוחסדיקע שטיבער.
עס האָבן זיך אין גאָלד געוויקלט הייסע טעג,
און איבער זיי האָט זון געגאָסן זיך אַריבער...

פון איין זייט האָט אַ סאָד געטונקלט זיינע ווענט,
און שטראַלנדיקער שיין געפּלייצט האָט פון אַ צווייטער,
און ווי אַ רויטער פלעק האָט פייערדיק געברענט
פון הינטן, לעבן שטוב, אַ טעניס־פּלאַץ אַ ברייטער.

די קאָפּערס האָבן גוט פאַרטראַמפּעוועט די ערד
מיט רויטן, שווערן ליים, פאַרזשאַווערטן און האַרטן.
אין וואָכעדיקע טעג האָט קיינער נישט געשטערט
דעם רחבותדיקן פּלאַץ אויף זונטאָגן צו וואַרטן.

אַזוי אין שטילער רו, צעוויקלט אין דער ברייט
געלעגן איז דאָס אָרט אין זונענשיין אין בלאַסן,



נאַטאַל

און ס'האָבן זיך אַרום דער אַלטער שטוב געדרייט
אין שאָטנס און אין ליכט פֿאַרגליווערטע טעראַסן,

באַוואַקסענע געדיכט מיט פלאַנצן און מיט גרינס,
מיט קאַקטוסן באַזעצט און בליאיקע מאגנאָליעס.
און ס'האָט צעווישן אַלץ אַ שטרייפעלע אַ דינס
פון ברענענדיקער זון געדראַפעט זיך פּאָווילע,

— געדראַפעט זיך אַזוי מיט פאָרזיכטיקע טריט
אויף גראָזיקן געפלעכט און ציטעריקע צווייגן.
און אַלץ אַרום האָט שטיל זיך שפעדיק צעבליט
אין גרינער, ווייכער רו און לאַנגווייליקן שווייגן.

געשוויגן האָט דאָס הויז, און צווישן בערג אַליין
שוין וויפיל צענדליק יאָר די רויקייט פאַרנומען,
זיך צוגעהערט פאַרטראַכט, צי ס'קומט נישט ווער צו גיין,
און אומעטיק געוואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען.

נאָר קיינער פלעגט אַהער נישט אָנגיין מיטן טאָג,

אַחוץ אַ „טרייערס״ קאַר פֿלעגט ווען-ניט-איז פֿאַרפֿאָרן,
מיט גרינסן כּלערליי זיך אָפּשטעלן ביים ראָג,
מיט „ארענדזשעס״ געפּאַקט און רויטע פּאָמידאָרן...

דאַן אומגעריכטערהייט פֿלעגט זיך אַ שטיקל רעש
ביי צוגעמאַכטער טיר פֿון דרויסן זיך דערטראָגן.
און ווידער פֿלעגט דאָס פֿערד אַזוי פֿון גאַס צו גאַס
אַ גאַנצן מידן טאָג אַרומשלעפּן דעם וואָגן;

און ווידער פֿלעגט די רו פֿאַרשלינגען דאָס גערויש
ביי צוגעמאַכטער טיר פֿון שוויגענדיקע שטיבער...
עס האָט אין וויכן גאָלד געוואַשן זיך דאָס הויז,
און זון האָט איבער אים געגאָסן זיך אַריבער.

ב

און מערקווירדיק אַזוי: — ווי אומעטום איין האַנט
וואָלט אַלע שטיבער גלייך פון אינעווייניק ראַמען.
דאָס קופּער און דעם מעש, די בילדער אויפן וואַנט —
אין איטלעכן הויז עגאַל — געהאַט ווי פון איין מאַמען...

די מעבל אומעטום פון שווערן האָלץ געשניצט,
די וואַזעס און קרישטאָל אויף אומעטיקע טישן
פון קאַפּערס שוואַרצע הענט אַזוי האָבן געבליצט,
געשימערט, ווי די זון, פון שייערן און ווישן.

און שטראַלן אומעטום — אויף גלאָזוואַרג און קרישטאָל
געשפּילט האָבן מיט פאַרב פון ברענענדיקע פונקען.
און ס׳האָט אַזוי גערוט פון לאַנג שוין פון אַמאָל
דאָס גאַנצע שטילע הויז אין שוויגעניש פאַרזונקען.

און וואָכעדיקע טעג אַזוי פלעגן פאַרביי
אין לאַנגווייליקער צייט און כסדרדיקן עסן:
אָט אָפּגעטרונקען טיי און תּיכּף פון דאָס ניי
אין קיך ביים ווייסן טיש צו פרישטאָג שוין געזעסן;

און באַלד, צו שפּעטער־צו, אַרום אַ זייגער צוויי
— געהאַלטן שוין דעם „לאָנטש"*) אַ האַלבן אין פּאַרדייען;
און נאָכדעם זיך פּאַררוט, געטרונקען ווידער טיי
מיט שמעקעדיקן „קייק" פון בעסטע בעקערייען...

געגאַנגען איז די צייט נישט איילנדיק און גיך,
אָן אויסנאַמען אַ סך, אָן שום קיינע פאַרלאַנגען.
מע האָט אַ לעבן לאַנג געגעסן אין דער קיך
און מערנישט טיי פאַר געסט — אין „דיינינג־רום"**) דערלאַנגען...

דאָס צימער איז גערוים, נאָר אָנגעשטעלט דורכאויס
מיט מעבל פּלערליי און ביליקע אַנטיקן.
און כאָטש ס'איז אַזוי ברייט און רחבותדיק און גרויס,
דאָך פילט מען, ווי מע קאָן פון ענגשאַפט זיך דערשטיקן.

ס'איז אָנגעזאַפּט די לופט מיט וואַקס און פּאַראַפין
מיט קיצלדיקן שטויב פון טונקעלע גאַרדינען,
וואָס הענגען אַזוי שווער און לאָזן נישט דער זון
אין סאַמע העלן טאָג מיט העלקייט זיך צערינען.

---

*) לאָנטש — צווייטער אָנבייסן.
**) „דיינינג־רום" — עס־צימער.

און ס'פרייעט אַזוי שטאַרק די שטיקנדיקע היץ
אין אָנגעברענטן הויז מיט צוגעמאַכטע טירן.
נאָר ווייבער זיצן אָפּ... מען אײַלט זיך נישט, מע זיצט,
ביז וואַנעט ס'כאַפּט שוין אָן אַ נודנעקײַט צו שפּירן.

דאַן קוקט מען זיך אַרום: — נישטאָ שוין וואָס צו טאָן,
מע דאַרף זיך שוין אַהיים באַלד אָנפאַנגען צו קלייבן.
איז שטעלט מען ווידער אָן פון ס'נײַ דעם גראַמאָפאָן,
צי גאָר, אָט סתם־אַזוי, רכילות נעמט מען טרייבן.

אַזוי אַ לאַנגע צייט... פאַרזיצט מען זיך ביז שפּעט.
דער אָוונט רוקט זיך צו, מען מוז זיך שוין צעשיידן.
טוט עפּעס אַזוי באַנג: — נישט אַלעמען באַרעדט,
און ס'גלוסט זיך נאָך אַזוי אַ גאַנצע וועלט באַרײַדן.

נאָר גאָרנישט קען מען טאָן. עס קילט זיך שוין די זון.
אַזוי שוין אויך צו לאַנג אַ ביסל זיך פאַרזעסן.
און באַלד מען זינגט שוין אויס פון ס'נײַ — „גוד־אַפטערנון"*)
און אַלע חלומען שוין ווידער פונעם עסן...

*) „גוד־אַפטערנון" — אַ גוטן נאָכמיטאָג (אַ גוטן טאָג).

## ג

דערפאַר נישט אַלע מאָל מע קומט צו גיין „פאָר טי"*)
אין זאַלן רויקע פון פשוטע גבירים.
פאַראַן אַזוינע טעג — פון סאַמע אינדערפרי
ווי ווייבער קלייבן זיך אַרויסצוגיין אין „טי-רום"**).

עס ווערט אַ גאַנצע זאַך... אַ טומל אינעם הויז.
מע לויפט אַרום פאַרסמט ווי מייז איבערן חדר.
אַזוי ווי אויף אַ באַל מע פוצט זיך דאַמלסט אויס
מיט צירונגען אַ סך, אין סאַמע רייכסטע קליידער.

— ווי דען-זשע און וואָס הייסט?... — באַווייזן וואָס מע האָט.
אַוודאי וועט מען דאָרט אַ סך באַקאַנטע טרעפן...
אין קאָרן גאוהדיק מע פאָרט אַריין אין שטאָט,
ווי טירן שטייען ברייט פון טיי-הייזער צעעפנט.

דער טאָג איז ברעניק-הייס. מיט זון אַזוי געדיכט
באַשמאָלצן זיינען ווענט און מויערן און גאַסן...
פון טיפן הימל-ראַנד עס שטראָמט אַ העלע ליכט,
צעשוועבקט זיך אויף דער ערד אין בלינצעלדיקע פאַסן

*) „פאָר טי" — פאַר טיי, צו טיי.
**) טי-רום — טיי-הויז.

און בראָט מיט הייסן ברי דעם מידן טראָטואַר,
ווו ס'שטעמפּלען זיך די טריט צו קלעפּיקע אַספאַלטן.
אַ טומל, אַ גערויש, אַ קאַר יאָגט נאָך אַ קאַר,
און יעדער גאַרט אַזוי פון היץ זיך ווו באַהאַלטן...

און קאַפּערס שלעפּן מאַט ווי פרײַכנדיקע הינט
די גופים פריִיִאיקע אין שטינקענדיקע שווייסן.
די לופט איז ווי אַ בלעך, קיין סימן פון קיין ווינט
אויף ביימער און אויף גראָז אין זומער-טאָג אין הייסן.

און דאַן אין סאַמע ברען פון דרומדיקן טאָג
מען איילט זיך אין קאַפע אַ ביסל זיך פאַרזיצן,
און אַלעמען איז ליב דער הייסער „פאַר-אָ-קלאָק"*), —
ווי קיינעם וואָלט געאַרט די זומערדיקע היצן...

פאַרשוווּמען איז דער זאַל מיט ווייבער אָן אַ שיר,
מיט קערפּערס שמאַלציקע, צעפּרייטע און פעטע,
מע זיצט זיך אַזוי ברייט, און אונטן ביי דער טיר
עס וואַרטן שוין אויף זיי פאַרשטויבטע „שעווראָלעטן".

---

*) „פאַר-אָ-קלאָק" — פיר אַ זייגער — טיי-צייט ביי ענגלענדער.

און ס׳שלאָגט אַ שאַרפער גרוך, אַ וואַרעמקייט אַרויס
פון שווערע, טעמפע הענט און שוויַיסיק-זאַטע לייבער.
ביז טונקעלן פאַרנאַכט פאַרבענקטע וואַרט דאָס הויז,
ביז ס׳נעמען זיך פון שטאָט שוין אומקערן די ווייבער.

און דאַן איז ווידער שטיל, טוט ווידער אַזוי באַנג...
פאַרבראַכט אין פוסט-און-פאַס אַ לעבן אַזאַ גרויסן.
און ס׳ציען זיך אַזוי מין אומדערטרעגלעך לאַנג
די וואָכעדיקע טעג, די לאַנגווײַליקע שעהן...

ד

דער זונטאָג איז געבענטשט אַזוי פון אייביק-אָן
מיט שלאָפלאָז-קורצע נעכט און לויטערע פאַרטאָגן.
אַ סימן נאָך אויף טאָג — עס קלינגט דער טעלעפאָן,
מע האָט שוין עפּעס-וואָס אַ וויכטיקייט צו זאָגן.

און וואַרעם איז דאָס בעט, אין דרויסן אַזוי העל!...
די טאָכטער שפּרינגט אַרויס אין מאָרגן-שיין אין שטילן:
— אָ, אייַבי, האַו אַר יו?*) — טהייַנק יו, ווערי וועל,**)
צי קומט מען היינט צעגויף אין טעניס עפּעס שפּילן?

און דאַן פילט אָן דאָס האַרץ אַ יום-טובדיקע פרייד,
און ווידער איז דער טאָג מיט זונענשיין פאַרלאָפן.
עס בענקט נאָך שלאַנקען גוף דאָס ווייסע טעניס-קלייד,
און אויגן קוקן מיד און צאַרט אַזוי פאַרשלאָפן.

און רויק איז די לופט — פון קיינעם נישט געשטערט.
צעוויקלט זיך די ברייט אין זאַפטיקן באַגינען.
סע רוט אַ גאַנצע וועלט, עס קוועלט אַ שטומע ערד,
און ס'שמעקט אין הייסער זון, אין רייפע אַפּעלסינען.

---

*) האַו אַר יו? — וואָס מאַכסטו?
**) טהייַנק יו, ווערי וועל — איך דאַנק דיר, זייער גוט.

און עפּעס ווייט מיט גליק, מיט זיסלעכן פֿאַרדראָס
פֿון אַפֿריקאַנער בערג אין גלויביקע פֿאַרטאָגן;
און עפּעס מאָנט דאָס האַרץ, מע ווייס אַליין נישט וואָס,
נאָר אָסור, אויב עס קען זיך ווער אויף וואָס באַקלאָגן!

אין זונטאָגדיקער רו געמיטלעך, נישט גערעדט,
פֿאַרטיפֿט אין „סאַנדיי-טײַמס“*) מיט אַלע חושים ממש
זיצט שטיל דער באַלעבאָס נאָר אָקאָרשט פֿונעם בעט.
עס שמעקט נאָך אַלץ אין שלאָף, אין זײַדענע פּידזשאַמעס,

און ס'פּיפּקעט זיך זײַן פּײַפּ מיט קיצלדיקן רויך.
דעם בעסטן טאַבאַק דאָרט ער האַלט אין איין דערשטאָפּן;
און ס'איז אַזוי מין גוט, דער הימל אַזוי הויך, —
די גאַנצע וועלט באַפֿרייט פֿון „ביזנעס“ און פֿון „שאָפּן“...

אַזוי אַ גאַנצן טאָג אַ רויִקן פֿאַרבראַכט
מיט אייגענעם געמיט און אייגענע געדאַנקען.
ביז לאַנגזאַם עס דערקריכט דער טונקעלער פֿאַרנאַכט,
און שקיעה הייבט שוין אָן אויף שויבן-גלאָז צו צאַנקען.

---

*) „סאַנדיי-טיימס“ — א זונטאָג-בלאַט אין יאָהאַנעסבורג.

דער אָוונט קומט דאָ אָן מיט יום־טובדיקע געסט,
און ס'צינדן זיך אין נאַכט אין פייערן די שויבן.
מיט כּיבוד פֿול די שטוב, מען גאסטעט און מען עסט,
מע האַלט נאָר אין איין קול דאָס עסנוואַרג צו לויבן.

דאָס חנפעט מען אַזוי די „מיסיס" פונעם הויז
מיט זיסע, גוטע רייד. זיי ווייסן, אַז זי וויל עס.
גאָר באַלד ווי דורך דער טיר מע שטופּט זיך נאָר אַרויס,
— עס הייבן זיך שוין אָן אויף איר אַליין רכילות:

— דאָס איז געווען פאַרברענט, און דאָס — אַ ביסל רוי,
„די פּיטשעס"*) זיינען אויך אין זופּ צו לאַנג געלעגן...
און יידענעס צעהיצט מע פּלאַפּלט אָט אַזוי,
ביז וואַנעט זיי צעשיידט אין נאַכט די שטומע וועגן.

גאָר גאָרנישט, ס'מאַכט נישט אויס. מען ווייס, אַז מען באַרעדט,
ס'איז לאַנגווייליק אַליין, טאָ וואָס־זשע קען מען פּאָרט טאָן?
דאַן ווי צעווישן פריינט פאַרזיצט מען זיך ביז שפּעט
אַרום אַ גרויסן טיש ביי גאַנצע טאַליעס קאָרטן.

*) „פּיטשעס" — פּערסיקעס.

מען היצט זיך און מע שפּילט אַדורך די גאַנצע נאַכט,
ווי מאָרגעדיקער טאָג וואָלט קיינעם גאָרניט אַרן.
און פּליכעס ווערן שווער און אומעטיק-פאַרטראַכט,
מען מוחט און מע קלערט, דעם שכן ווי צו נאַרן.

און ווייבער שפּילן מיט, איז קשהדיק מיט זיי:
גראָד לאָזן זיי זיך נישט באַשווינדלען און באַרײַסן.
ווערט עמעצער אין כּעס: — „טו העל זיי פון דער פליי"*) —
ער שפּאַסט דאָס כּלומרשט דאַן דער אויפגערעגטער כּעסן.

און אַלעמען פאַרכאַפּט די שיכּרות פונעם „בלאָף".
אַזוי די גאַנצע נאַכט, ביז זוניקן באַגינען.
און מערנישט אין דער פרי נעמט שפּרייטן זיך דער שלאָף,
אַ מידקײַט אינעם גוף הייבט אָן אַזוי צו רינען.

און ווידער ווערט דאָס הויז פאַרלאָזן מיטן טאָג,
און ווידער איז פאַרשטילט אַלצדינג אַרום געוואָרן.
און מערנישט ווי אַ קאַר שטעלט אָפּ זיך פאַזע ראָג
מיט „אָרענדזשעס"**) געפּאַקט און רויטע פּאָמידאָרן...

---

*) טו העל זיי פון דער פליי — אַ ספּעציפיש ווערטל ביי יידי-שע קאָרטן-שפּילער: — צום שד זיי פון דער שפּיל.

**) אָרענדזשעס — אַפּעלסינען.

# אויף טראַנסוואַלער ערד

I

אויף גאַסן זייטיקע פון טומלדיקער, הייסער שטאָט
באַוויזן האָבן זיך די ערשטע פאַרמערס פון טראַנסוואַלער ערד
אויף גרויסע בורע-וועגענער, וואָס ס'האָבן טראָט ביי טראָט
אַרומגעשלעפּט פאַרזאָרגט מגושמדיקע אָקסן.
מען איז געווען פאַרגרעבט, מיט נישט געגאָלטע בערד;
מיט שמוציק לאַנגע האָר אַיעדער גליד באַוואָקסן,
ווי שטיקער פּראָסטע לאַנד פאַרלאָזן פונעם שניט
מיט טרוקענעם בוריאַן און שטעכעדיקע מאָכן.
און רויק, נישט געאײַלט, מיט פוילע, שטילע טריט
אַזוי האָבן געשלעפּט די אָקסן שווערע יאָכן,
געשפּאַנט צו פיר, צו זעקס און צייטנווייז – צו אַכט
„נאַשפּיץ", אין דער לענג פון צאַפּלדיקער שורה...
דעם גאַנצן מידן טאָג ביז טונקעלן פאַרנאַכט
מיט לאַנגע בייטשן זיינען נאָכגעגאַנגען בורן
נאָך איטלעכן געשפּאַן פאַרשלאָפן, פּאַזע זייט,
געפּאָכעט אין דער לופט, גלייך ווי מיט לאַנגע ציצות...
און ס'האָט אויף פולער גאַס, אַזוי פון צייט צו צייט,

אַן אָפּגעהאַקטער קול געשריען: — „פּיטשעס", „פּיטשעס"! —
— אַ סימן, אַז ס'איז שוין געשטאַנען שפּעטער שבט
מיט פאַרעדיקע טעג און קילע אויפדערנאַכטן,
וואָס ס'האָבן זיך מיט רעגנס אָנגעזאַפּט צו זאַט,
און אײַנגעשטילט דעם דורשט פון קרײַטעכער פאַרשמאַכטע
אין לאַנגווײַליקן סטעפּ אויף לאַנגווײַליקע מײַלן;
און ס'האָבן שטיל, מיט פרייד געצײַטיקט פולע סעדער,
אַז פאַרמערס האָבן זיך גענומען אומגעלומפּערט אײַלן
מיט זומערדיקן לאַסט אויף סקריפּעדיקע רעדער.
מען ט'צוגעגרייט דעם שפּאַן און אויפגעשטעלט די בוידן, —
דעם ברודיקן ברעזענט גענומען גוט פאַרציען.
אויך האָבן זיך באַזאָרגט די ייִנגערע מיט מוידן,
מיט ווײַבער ברוסטיקע, וואָס פאַרענען און בריען,
ווײַל טאָמער וועט מען זיך אין וועג אַמאָל פאַרזאַמען
(די אָקסן גייען שווער, זיי ציען קוים די פורן):
דאַן קומט צוניץ אַ ווײַב... ס'אי פרײלעכער צוזאַמען,
דאָס ווייסן זיי גענוי, די היימיש־פּראָסטע בורן.
און אָט אַזוי אַרויס מען איז אין ווײַטן וועג,
די קאַרעס פול געפּאַקט מיט „וואָטער מעלענס"*) זיסע,

מיט שמעקעדיקן היי, מיט בעטגעוואַנט און פעק, —
און אָנגעשאָטן אויבס, נאָר אָקאָרשט־וואָס געריסן,
אַזוי, אַז ס׳האָט אַ צי געטאָן מיט אַבריקאָסן,
און וואַרעמער גערוך פון פלוימען האָט געשלאָגען,
און באַרן האָבן האַרט מיט גרינקייט זיך צעגאָסן...
מען ט׳צוגעבונדן דאַן כּמעט צו יעדן וואָגן
אַ בלעך פון פאַראַפין, אַ דרייפוס מיט אַ טשייניק;
און קעגנאיבער דעם — אויף אָנגעשטעקטע וויטשעס —
צעקוואָלענע פון זון, פון שפע און פון תענוג —
מען האָט פאַר אַ באַוויז אַרויפגעשטאָכן „פיטשעס״...
און אָט אַזוי אַוועק צום ג׳לדערדיקן דרום
מיט גאַנצן האָב און גוטס, מיט ווייבער און מיט שמאַטעס.
מיט זאַמדיק־הייסן וועג געשפרייזט האָבן די זכרים,
און הינט האָבן געשלעפט זיך הינטן גאַנצע טשאַטעס
מיט ציילנדיקע טריט אין חמימהדיקע ווייטן,
אויף לאַנגע, גראָבע שטריק מיט הענגענדיקע צינגער.
מע האָט אַזוי געפרייכט, געפּאָכעט מיט די זייטן,
געבענקט נאָך דעם פאַרנאַכט — זאָל ווערן עפּעס גרינגער...

*) וואָטער מעלענס — קאַווענעס.

און ס'האָט אַיעדע בויד אַ קאַפּערל באַגלייט
אויף שוואַרצע, דאַרע פיס מיט ברענענדיקע אויגן.
אַ צווייטער „פּיקינין"*) פון פּאַרנט אויף אַ קייט
האָט נאָכאַנאַנד דעם שפּאַן פּאַרויס אין וועג געצויגן...
און שטראַלנדיקע טעג מיט טיפע האָריזאָנטן
צעגאָסן האָבן ליכט אויף גוואַלדיקע שטחים.
— מען זאָל כאָטש ווו נישט איז אַ ישוב זען אַ נאָנטן, —
נאָר מאָך און האַרטע גראָז אין טריקענ־יש צעקראָכן;
און „בושעס"**) שטייען קרום צעטופּעט פאַזע וועגן;
אַ קאַקטוס דאָ און דאָרט מיט בלעטערדיקע צווייגן
איז רחבותדיק אין זאַמד צופרידענער געלעגן.
און ס'האָט אַ גאַנצע וועלט געהאַלטן אין איין שווייגן!
און אויפן רויטן ליים פון ברענענדיקן סטעפּ
האָט אויסגעצופּטער מאָך געשוואַרצט זיך קאַרג און אָרעם,
אַזוי ווי ס'שוואַרצן זיך די קרייזלדיקע קעפּ

---

*) פּיקינין — אויף קאַפער־לשון אַ קליינער, צום מערסטן — אַ קליין קינד

**) בושעס — קוסטעס. אין טראַנסוואַל ציען זיך הונדערטער מײַלן סטעפּ באַוואַקסן מיט קליינע קאַליקצס־ביימער; מען רופט עס דאָ „בוש־פעלד".

בײ קאַפערס אין דעם קראַאַל*) פון הײסן, מידן דרום;
און הימלען האָבן זיך אַריבער בערג געהויבן
מיט זשאַווערדיקן ראָסט און „קריכערס" אָנגעוואָקסן,
און בורן זײַנען מיד מיט הײסע זײלן שטויבן
געגאַנגען נאָכן שפּאַן פון שווערע, פוילע אָקסן,
און שלעפעריק באַגלײט די לאַנגע קאַראַוואַנען
מיט הילכיק־דינע שמיץ פון פאָכעדיקע וויטשעס.
דורך זומערדיקע טעג אויף אײנגעשפּאַנטע שפּאַנען
אַזוי האָט מען געפירט די קאַוועגעס און „פיטשעס".

*) אַ קראַאַל — אַ ישוב, וווּ עס וווינען בלויז שוואַרצע, אַזאַ מין קאַפער־שטער דערפל.

## II

עס וואַרעמען זיך טעג אַזוינע שטילע אין טראַנסוואַל,
און סעדער שטייען גרייט מיט פירות שוין באַלאָדן.
אין פעפער-ביימער גרינט אַ קאַפּערישער קראַאַל,
און ס'זעטיקט זיך אין זון זיין לימיק-רויטער באָדן.
די לופט איז טרוקן-הייס. עס שמעקט אין עקאַליפּטוס,
אין זיסלעכן גערוך פון פּריאיקן באַגינען.
אַ ים מיט קלאָרן ליכט — גלייך עמעצער צעזיפּט עס
מיט גילדערדיקער פאַרב פון רייפע אַפּעלסינען,
און מיט אַ פולער האַנט צעשיט עס און צעשפּרייט,
פאַרשמירט דעם גאַנצן סטעפּ מיט פליסעדיקע שטראַלן,
און אַזאַ בלויע ווייט איז דורכזיכטיק און ברייט,
און ס'דוכט זיך, אַז סע פּלייצט די זון פון טויזנט קוואַלן,
פון טויזנט מיטאַמאָל צערינט זי און צעקוועלט,
ווי ס'רינט אַראָפּ אַ טייך פון בערג אויף האַרטע גרונטן.
און אָט אַזוי מיט שיין באַגאָסן איז אַ וועלט...
עס שפּאַרט פון אומעטום: — פון אויבן און פון אונטן
אויסגעהעלטע ליכט אויף רויע שטיקער ערד,
וואָס האָבן נישט געזען קיין אַקער און קיין בראָנע...
דאָ האָט די שטילע רו נאָך קיינער נישט געשטערט, —

אַיעדן אינדערפרי באַגריסט מען: – „סאַקאַ באָנאַ“ –
גוט מאָרגן!, און מע גייט פאַרוויקלט אין „מאַטשעקעס“*)
אין טיכער רויט און געל אויף נאַקעדיקע גופים.
מע גייט זיך מיטן שליאַך, מיט אויסגעלייגטע שטעקעס,
אָט טאַקע אַזוי סתם – פון קיינעם נישט גערופן.
די שטעגן זיינען ברייט – איז גוט אַזוי צו שפּרייזן;
און פלינק זיינען אין גאַנג די לאַכעדיקע „זולוס“*).
באַהאַנגען זיך מיט דראָט, מיט בלעכלעך און מיט אייזן,
מיט שטיקלעך פּראָסטע גלאָז, מיטביינדלעך און מיט סגולות,
פאַרמעסט מען זיך אין וועג מיט שפּרייזנדיקע טריט
אויף דאַרע, הויכע פיס און לייכטע, ווי ביי שטרויסן.
דער פוילער האַלבער-טאָג צעשרפעט זיך און בריט,
און ס׳גיסט זיך אַזאַ היץ אין אָנגעהייצטן דרויסן...
נאָר אַפריקאַנער זין – די קינדער פון טראַנסוואַל,
אויף בענקענדיקער ערד, – זיי בלייבן נישט אין מיטן...

*) מאַטשעקעס – פאַרביקע, קאָלירטע קאָלדרעס, אין וואָס די קאַפערס פאַרוויקלען זייערע נאַקעטע לייבער אָנשטאָט אַ מאַנטל און קלייד.

**) זולו, – אַ שבט שוואַרצע אין נאַטאַל. איינער פון די בכבודיקסטע שבטים אין לאַנד.

זיי ציען זייער וועג פון פרי סטייט ביז נאַטאַל
און אַזש ביז סאַמער קייפ אויף מיילן־ווייט פאַרשניטן!
באַגעגנט מען זיי אָפט אויף היגע שטילע וועגן
מיט האַרציקן געֿרוס פון אומעטיקע היימען.
ווּהין, נאָך וואָס מע גייט — איז איבעריק צו פרעגן...
און ס׳בריען זיך די טריט אויף אָנגעברענטע ליימצן.
נאָר גאָרנישט... מען איז פריי! און ווייטער — וועמענס עסק?...
— די דרומדיקע זון אַוודאי איז זיי ליבער...
געשמירט מיט רייַנסטן אייל, — די גופים אַזוי שווייסיק,
זיי גלאַנצן פון דער ווייט מיט נאַקעטקייט אַריבער;
און ס׳טונקלט זיך דער בראָנז פון מענערישע לייבער,
ווי ס׳בליאַסקענען ביי פערד די גלאַנציק־זאַטע פעלן.
מיט אויסגעלייגטן וועג פאַרבלאָנדזשענען אויך ווייבער
באַהאַנגען אַזוי שווער מיט פאַטשערקעס און קרעלן,
און זשאַווערדיקן דראָט פאַרוויקלט גאַנצע קנוילן
אויף שוואַרצע פיס און הענט ביז בויגעוודיקן אָרעם.
זיך דורכלויפן אַ גאַנג — אַז אסור מען ט׳זיך פוילן;
זיי זיינען שוין געוווינט, די טעכטער פונעם דרום,
צו רחבותדיקער ווייט פון לאַנגווייליקן כטעפ,

וואָס בענקט אין הייסער רו און אומעטיקן שווייגן...
מע גייט זיך אַזוי לייכט מיט משא אויף די קעפּ,
מיט אָנגעפּאַקטע פּעק און גאַנצע בינטלעך צווייגן.
נאָר קיינעם איז ניט שווער. צי קען זיין עפּעס גרינגער
אין זומערדיקן טאָג צעווישן זאַמד און קוסטן?...
די שטיקער רויטע ערד באַרירן קוים די פינגער,
און אָט אַזוי מען שוועבט מיט אויסגעשטעלטע ברוסטן,
וואָס הענגען שווער אַראָפּ פאַרשפּיציקטע און שטייפע,
גלייך ווי פון שוואַרצן בראָנז געשמאָלצן און געגאָסן,
און שלאָגן מיטן רייץ פון ליידנשאַפטן רייפע,
וואָס צייטיקן אין זון ווי פולע אַבריקאָסן.
דאָ טרעפן זיך צענויף די זולוס מיט די בורן, —
צוויי קינדער פון איין לאַנד, ווי צוויי צעקריגטע שכנים...
מע גייט אַזוי צופוס, מען פאָרט מיט שווערע פורן —
אין וועג איז מען עגאַל, — צעמישט מען זיך אין איינעם,
און ס'שפּרייזן אַזוי פויל די שפּאַנען מיט די אָקסן,
מיט גילדערדיקן לאַסט אויף אויסגעהעלטע שטרעקעס.
עס איז דער גאַנצער סטעפּ מיט גראָזן ווילד באַוואָקסן,
און ס'פינקלען אין דער זון די פאַרביקע "מאַטשעקעס".

## III

אוּן דאָ צעווישן פעלד און שטאָט אין בלעטער פון באַנאַנעס,
אין שטילער, אויסגעשפרייטער רו און פלייצענדיקער תּכלת, —
צעלייגט זיך ווי אַ שטעטל נאָך מיט שטיבלעך און פאַרקאַנעס,
באַפלאָכטן און באַהאַנגען זיך מיט „הייביסקעס" און „דײליס"*),
און ס'בליט זיך שוין דער „קריסמאַס-בלום"**), די טונקעלע „פינצעטאס"***)
מיט גרויסע, רויטע קווייטן-קעפּ, ווי בעכערס פולע אָפּן,
אַז ס'ווערט דאָס אויג צעטומלטע פאַרכּישופט, ווען עס זעט עס.
און אַלץ אַרום איז שלעפעריק, און ס'ציט אַזוי צום שלאָפן.
און דאָ — אויף גאַסן זאַמדיקע, צעווישן גראָז און שטיבער
צעלייגן זיך די גערטענער, די קלייטן מיט די „שאָפּן"****).
די קרעמער וואַרטן לאַנגווייליק, צי ס'קומט נישט ווער אַריבער,
און ס'חלשט זיך אַוועקלייגן דעם שווערן פויסט צוקאָפּן.
נאָר גאָרנישט, עפּעס טאָר'ן נישט פון ווילטאָג זיך פאַרגינען...
איז שטייט מען טאַקע שעהן-לאַנג, ס'איז זוניק און ס'איז וואַרעם.

---

*) דײליס — אַזוינע בלומען, ענלעך צו די ליטווישע געאָרגינעס.

**) קריסמאַס-פלאָיער — אַ גרויסע בלום, וואָס בליט קאַלייד-צייט.

***) פּינצעטאַס — אַ ספּעציפישע דרום-אַפריקאַנער בלום, וואָס בליט אין גרויסע שיינע רויטע און געלע בעכערס.

****) שאָפּן — קראָמען.

און מיטאַמאָל, פון העלער הויט, אין מיטן גאָר דערינען
עס ווערט אַ גאַנצע לויפעניש, אַ שטעטלדיקער ליאַרעם...
וואָס? – אַ „קאַר” האָט דורכגעציט, אַ קאַר אַ שפּאָגל נייע...
– אַפילו זיך נישט אָפּגעשטעלט, גלייך ווי עס וואָלט געבראָטן...
ווי ס׳האָט דאָס נאָר אַדורכגעזעצט!... געוויס קיין בולעוואַיע*).
אַ „פאָרד” צי גאָר אַ „שעווראָלעט” טשיקאַווע נעמט מען ראָטן.
דאַן פאַנגט מען אָן זיך אַנפּערן. מען קען זיך נישט צעטיילן.
און יידן זיינען מזלדיק: – פאַראַן שוין וואָס צו ריידן.
אַ מעשה מיט אַ חכמהלע האָט יעדער צו פאַרציילן.
און אָט אַזוי אַ גאַנצן טאָג איז שווער זיך שוין צו שיידן.
איז שטייט מען טאָקע ליידיקע ביי וואַרטנדיקע טירן.
פאַראַן איז צייט ביי אַלעמען, נישטאָ זיך ווו צו איילן.
און שמועסן פאַרשיידענע מע הייבט אָן צו פאַרפירן, –
ביז וואַנעט ס׳קומט אַ „טראַוולער”**) אָן פון שטויביק-ווייטע מיילן.
ווערט הייסער עפּעס, ברעניקער דאָס איינגעשטילטע לעבן,
פאַרקריכט מען אויף „פּאָליטיקע”, אויף ענגלענדער און יידן.

---

*) בולעוואַיע – די הויפּט-שטאָט פון רעדישע Rhodesia (אַן ענגלישע קאָלאָניע צו צפון פון דרום-אַפריקאַנער פאַרבאַנד).

**) טראַוולער – קאָמיוואָיאַזשאָר, רייזענדער.

— דער האָט אַ שיינע „פּיטיקע" אויף „פּאַלעסטיין" געגעבן, —
מיט שמחה, אַזוי גדלותדיק דערמאָנט מען זיך צופרידן,
און דער האָט גאַנצע טויזנטער פאַר „טשאַריטי"*) צעשאָטן:
— אַ גרויסער, פיינער „זייאָניסט"**), אַ קליינינקייט צו זאָגן!...
און ווידער נעמט מען חשבונען, באַרעכענען און ראַטן —
אַ שטייגער וויפיל דער גביר צי יענער קאָן פאַרמאָגן...
צערויטלען זיך די פּנימער פון גוואַלטיקע חשבונות.
מע קלייבט זיך שטילע איינציקווייז אין קופּקעלעך און שורות.
נאָך האַלבן טאָג, אָט סתּם אַזוי צעשיטן זיך די שכנות,
אין טאָקע שווערע, לייביקע, פאַרשלאָפן שפּרייזן בורעס —
מיט טעכטער און מיט בורעטעס, משפחהס־ווייז אין איינעם.
מע גייט זיך סתּם, פּאָווילינקע פאַרביי די אַלע הויפן...
באַגעגנט מען מיט יידן זיך — באַגריסט מען זיך ווי שכנים;
מע שטעלט זיך ביי די שאָפן אָפּ, — גלייך מען וואָלט וועלן קויפן...
נאָר גאָרנישט — כאָטש זיך אָנקוקן ביי אויסגעפוצטע פענסטער.
און הערצער קלאַפּן מיידלשע און קוויקן זיך און קוויקן.
באַמערקט מען יעדע נאַרישקייט — פון גרעסטער ביז דער קלענסטער;

*) טשאַריטי — צדקה, נדבות פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

**) זייאַניסט — ציוניסט.

די אַלעע

און ס'וואַקסט אַזאַ מין ווונדערניש: — אָ! ווראַך טאַך, וואָס אַנטיקן!...
און ווידער גייט מען דריבנעטשקע פאַרביי די אַלע שויבן,
פאַרביי די קראָמען ליידיקע מיט וואַרטנדיקע שוועלן.
די גאַס וועט באַלד זיך ענדיקן, — מען טאָר זיך נישט דערלויבן
די טריט אַ ביסל האַסטיקער מיט איילעניש צו שטעלן.
און אַזאַ פוילע רויקייט נעמט בענקענדיק זיך שפּרייטן,
און איטלעכער וויל איינריידן, ווי שטאַרק ער איז פאַרנומען: —
— געלייזט היינט גאָר נישקשהדיק — דערציילט מען פאַרן צווייטן...
און מיטאַמאָל די ווייבער שוין, זיי הייבן אָן צו קומען.
מע גייט אָט ווי אויף חתונות, אויף שמחות צי אויף בריתן:
זיך אויסגעפּוצט און אויסגעקליידט פאַר שטעטלדיקע גאַסן.
ווערט באַלד די הייסע שוויגעניש ביטאָגיקע צעריסן
פון טומלעניש און לאַכעניש, — דאָס שמועסט מען געלאַסן...
אָהאָ! די ווייבער — פּלאַפּלערקעס מיט מיילער ווי אויף שרויפן —
מיט זאַטע, פרישע פּנימער און אויסגערוטע זייטן.
מע גייט מיט אַלע חברטעס אַ שמאַכטע עפּעס קויפן, —
אַוודאי גרויסע קענערקעס... מע פירט זיך ווי ביי לייטן;
און יעדערע אַ דעה זאָגט און רעדט אַריין אינמיטן,
די ווערטער אַזוי פּאַרזיכטיק צעצויגן און צעזונגען.

און ווײַבער ווײַזן קענטעניש – דער אויבערשטער זאָל היטן!
– אַזש באַלד אַ גאַנצן האַלבן טאָג פֿאַר גאָרנישט זיך געדונגען.
איז גייט מען ווידער לײדיקע, גלײַך ווי מען איז געקומען,
ווי פּאַווּעס שטאָלץ, בעל־גאווהדיק, מיט שלעפּעדיקע שלעפּעס,
אין קלײדער לאַנגע, פֿאַרביקע, אין קווײטן און אין בלומען.
און ס׳ציט אַזאַ מין בענקעניש פֿון אַפֿריקאַנער סטעפּעס,
און ס׳גיסט זיך אַזאַ לויטערקייט, אַן אויסגעשטראַלטע תּכלת
אויף גאַסן און אויף גערטענער, אויף אויסגעהעלטע מײַלן...
איז גייט מען טאַקע דריבנעטשקע, נישטאָ זיך וווּ צו אײַלן;
און ס׳בליִען שוין און כּישופֿן די „הײַביסקעס” און „דײליס”.

# ב ר י װ ו

## 1

די וואָך האָב איך קיין בריוו פֿון קיינעם נישט געקראָגן.
ווער ווייס, וואָס דאָרטן האָט געטראָפֿן?
די לאַנגווייליקע נעכט איך קאָן נישט שלאָפֿן
און וואַרט מיט אומגעדולד, זאָל נעמען טאָגן.
איך וואַרט. אַוודאי איז פֿאַראַן אויף וואָס צו וואַרטן:
אויף מיטוואָכן, וואָס ברענגען בריוו און גרוסן,
ווי צו אַן אַרעסטאַנט אין תּפֿיסה אַ פֿאַרשפּאַרטן
אין טיפֿער ווייט, ביים ים אַטלאַנטישן צופֿוסן,
וווּ קיינער איז נישטאָ און קיינער איז פֿאַראַנען,
וווּ ס׳ציען זיך פּאַמעלעך פּוילע וואָכן,
גלייך אָקסן איינגעשפּאַנט אין שווערע יאָכן.
און פֿיינלעך איז דער פֿייף פֿון שיפֿן און פֿון באַנען,
וואָס ברענגט זיך צייטנווייז צו טראָגן פֿון דערווייטן,
און רופֿט, דערמאָנט, פֿאַרציילט פֿון אַלטע היימען,
וווּ מענטשן קאָנען זייער טיפֿן צער צעבייטן
אויף שטיקער שוואַרצע ערד און איינגעדאַרטע ליימען,
וווּ אָרעם גייען-אויף געהאָדעוועטע ברויטן,
באַגאָסענע מיט שווייס און אָנגעזאַפּט מיט ווייען;

און האַרבסטן קוקן דורך דורך שפּלדיקע פלויטן
מיט רעגנס און מיט זאָרג — אַדורכגעמישט מיט שנייען...
און ווי סע קומען טעג צופרידענע און גליקלעך,
אַווי מע האָט אַמאָל נאָך וועטשערעס געגעסן,
פון וואַנעט מען האָט מיך אַרויסבאַגלייט אויף בריקלעך
מיט שווייגענדיקע הענט — געגרייט שוין צו פאַרגעסן.
און דאָס, וואָס כ׳האָב געוואָלט אויף אַלעמאָל פאַרלאָזן:
— דאָס לאַנד פון שווערער נויט און טונקעלן באַגינען,
ווו איטלעך יאָר געראָטן מערער ווילדע גראָזן,
ווי שפּעדיקער ברויט פאַרזייט אויף דעסיאַטינען;
ווו אויסגעווייקט איז ערד פון ווייגענדיקן רעגן,
און שטרעקעס ליגן קרום, גלייך פון דער וועלט פאַרשניטן,
און וויאָרסטן ציען זיך מיט אומעטיקע וועגן —
דאָס לאַנד פון שטומען פּיין, מיין ווייטע היימאַט ליטע, —
פון דאָרטן וואַרט איך בריוו פאַרצווייפלט יעדן מיטוואָך
(די בייגעלעך פאַפּיר פאַרשריבענע דערפרייען).
און עפּעס טוט נאָך וויי... איך בענק און עפּעס ציט נאָך
צו ליטעס קאַרגער ערד אין ווילדקרויטן און שנייען.
איך בענק. איך ווייס אַליין. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען

מיט צערטלעכן געפיל, ווי צו אַ גוטער מאַמען,
ווי ס'האָבן טעג פון זאָרג און אויסגעדאַרטע קלעמען
מיט טעג פון העלער פרייד זיך דורכגעמישט צוזאַמען.
אַוודאי קען מען נישט זיך גרינג מיט דעם צעשיידן:
עס איז מיר ליב די פרייד צוגלייך מיט יענע טרערן.
סע ווילט זיך נאָך אַמאָל אַ ווייטן גרוס דערהערן,
און זאָלן שטומע בריוו פון ליטע צו מיר ריידן.

■

## 2

אַ טאָג, אַן אַלטער טאָג איז אויף מיין קאָפּ געפאַלן,
ווי ס'פאַלט אַ שווערער דעמב אין אויסגעהאַקטע וועלדער.
אין יענעם טאָג פאַרקלעמט געקוקט האָבן די פעלדער,
און ס'האָבן מיך באַוויינט די ווענט פון גרויע שטאַלן.
עס איז אַ נאַסע צייט, שוין שפּעטער האַרבסט געשטאַנען,
און רעגנדיקע טעג געשמעקט האָבן אין דרויסן,
און ערגעץ אין דער נאַכט געשניטן האָבן באַנען
די גרענעצלאָזע ווייט מיט טרוקענע גערוישן.
און דאַמלסט, איך געדענק, האָט אַלץ אַרום געטרויערט.
אַ שטיקענדיקער גרויל אין לופטן איז געהאַנגען.
עס אי מיט שטומען וויי מיין מאַמע אומגעגאַנגען,
געבראָכן מיט די הענט און נאָכאַנאַנד באַדויערט:
— אַ גאַסט... מיין ליבער גאַסט... אַז וויי אי מיר און ביטער...
פאַר וועמען האָב איך זין געהאָדעוועט, פאַר וועמען?...
אַ מאַמע... וווּ זאָל זי די כּוחות דאָס דערנעמען?
און ס'האָט אין שטוב געשפּאַרט דער האַרבסטיקער געוויטער.
און ווי אַן אַלטער דעמב אויף אויסגעלייגטע גראָזן,
געפאַלן איז דער טאָג אויף מיר אין יענעם אָוונט.
איך האָב מיין טאַטעס דאַך אַן עלנטער פאַרלאָזן,

ווי יאָרן האָבן מיך געפּעטשטשעט און געכאָוועט.
און איצטער קריג איך בריוו. פון ערגעץ זיי דערגייען.
די מאַמע האָט פאַר מיר זיי דורך די נעכט געשריבן:
„מיין קינד, ס'אי ווינטער שוין. שוין אָנגעשאָטן שנייען,
און ס'איז אין ווייסן צער איצט אונזער שטוב פאַרבליבן.
און ווי אומישנע הערט דער שניי נישט אויף צו שיטן.
געקומען זיינען שוין סאָראָקעס גאַנצע סטייעס.
ווער ווייס? – זיי קאַרקען אויס אַזוינע בלינדע נייעס,
אַז עפּעס שרעקט דאָס האַרץ... דער אייבערשטער זאָל היטן!...
און יענע נאַכט אין שטאַל ביז ס'האָט גענומען טאָגן
געמרוקעט האָט די קו, גלייך זי וואָלט עפּעס וויסן.
אויף מאָרגן האָבן מיר פון דיר אַ בריוו געקראָגן,
און ס'האָט זיך שיר מיין האַרץ פון וויטאָגן צעריסן...
נאָר דאָ איז אויכעט שלעכט. מע האַלט נאָר אין איין לויפן
קיין אַפריקע, ווו ניט? – בראַזיליע און קאַנאַדע...
סע וועלן באַלד שוין שטיין פאַראומערט אַלע הויפן,
און מאַמעס וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן אַוודאי.
איז כאָטשע מיר אַ טרייסט, וואָס איך בין נאָך נישט איינע,
פון וועמען ס'האָט די נויט איר איינציק קינד פאַרטריבן.

ס׳אי פוסט די גאַנצע וועלט, די גאַנצע וועלט פאַרבליבן;
און ס׳פעלט שוין ווער אין שטוב כמעט ביי אַלע שכנים.
נאָר גאָט ווייס, ווי עס האָט דיין גורל דיך פאַרטראָגן, —
אין וואָסער ווילדן לאַנד און אומבאַקאַנטע וויטן?...
צי האָסטו כאָטש אַ העמד פאַר זיך ווען אומצוביטן?
— אַזוי די גאַנצע נעכט איך טו דעריבער קלאָגן.
נישט אויף אַ רגע גייסטו מיר אַרויס פון זינען.
עס אי שוין פייכט און נאַס דאָס קישן פון די טרערן.
איך וואַרט אויף דיינע בריוו צוגלייך מיטן באַגיסן.
— מע זאָל שוין עפּעס גוטס פון דיר, מיין קינד, דערהערן!״...


[redacted]

## 3

ס' איז אַפריקע אַ לאַנד פון שטיינערדיקן ריטעם.
עס ווערן דאָ די טעג צעשריען, נישט צעזונגען.
און הילכיקער געשריי אויף מיילן ווערט צעקלונגען —
דער ניגון פון אַ לייב, ווען מעכטיק ער פאַרציט אים!
טאָ ווי זאָל מען אַהער, אויף וויסטער ערד פאַרצערטער,
ווו לייבן ברומען אויס פאַרציטערטע געשרייען,
דאָ קומען מיטן צער פון מאַמעס שטילע ווערטער,
וואָס וויקן זיך אין בלוט און זאַפּטיקן מיט ווייען?!
טאָ ווי זאָל מען אין לאַנד, ווו ס'האָדעווען זיך לייבן,
און ס'ווערט אַלץ דיין געפיל פאַרגליווערטער און האַרבער —
פאַרנעמען יענעמס פיין און טרייסטן אים און גלויבן —
מיט נעגל פון אַ קאַץ און אויגן פון אַ שפּאַרבער?!
און ווען עס גייט עס אָן, אַז שנייען ערגעץ שיטן,
און מאַמעס שרייבן בריוו דורך שנייאיקע מעת-לעתן?...
— אַז יעדערער זיין שטאַם וואָס גיכער וויל פאַרגעסן,
און איטלעכער האָט שניי אויף שווייסן אויסגעביטן.
איז שווער דאָ יעדער טאָג, וואָס פאַלט אויף האַרטע ליימען.
איך ווייס אַליין נישט ווו, נאָר ערגעץ עפּעס ציט נאָך.
מע וואַרט אַזוי אויף בריוו פון ווייטע, שטילע היימען,

אַזוי פון טאָג צו טאָג – פאַרצווייפלט יעדן מיטוואָך.
און בריוו... מיין מאַמעס בריוו פון ערגעץ זיי דערגייען,
און ברענגען מיר אַהער צעווייטאָגטע גערוסן.
אַהער... אין טיפער ווייט, ביי שטומע בערג צופוסן,
פון ערגעץ אַזאַ לאַנד, וואָס גוססט אונטער שנייען.

# אינהאַלט

זייט

## אַ פּאָר חברישע אַריינפיר־ווערטער פון מ. ל. ראַוויטש

## לידער

### מיט אייגענע ליידן

**ווערט דען גרינגער דערפון...** געשריבן אין 1929 יאָר, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע"— יאָהאַנעסבורג און „יידישער שטימע"—קאָוונע (1929) . . . . 5

**אין צווייען** געשריבן אין 1928 . . . . . . . . . . 7

**ס'איז בעסער** געשריבן אין 1929 . . . . . . . . . . 9

**איך האָב שוין דעם ווינטער...** געשריבן אין 1928, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע", אין „אויפקום" — ניו־יאָרק, אין ליטער. אַלמאַנאַך „מיר אַליין" — קאָוונע (1928—1929) . . . . . . . . . . . 11

**איך האָב געמיינט, אַז דאָ געפינען וועל איך מיין רו...** געשריבן אין 1930, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע" און אין „פאָלקסבלאַט" — קאָוונע (1930), איבערגעזעצט אין ענגליש . . . . . . . 12

**מיין אָפּפאָר** געשריבן אין 1927, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע" (1928) . . . . 14

**איז וואָס ?** געשריבן אין 1929, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע" און אין „יידישער שטימע" (1929) . . . . . . . . . . 16

**מיין מאַמע האָט מיר צוגעשיקט אַ קישן...** געשריבן אין 1928, געדרוקט אין „אויפקום", אין „דרום־אַפריקע" (1928) . . . . . . . . 18

**צו די שוואַרצע** געשריבן אין 1928, געדרוקט אין „דרום־אַפריקע" (1929) . . . 19

**אַ שאָד** געשריבן אין 1930, געדרוקט אין „יידישער שטימע" און אין פאָלקסבלאַט" (1931) 22

**נאָך וואָס זאָל איך פאָרן...** געשריבן אין 1930 . . . . . . . 24

### אין שטילע רגעס

**מיין קרבן** געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „יידישער שטימע" און אין „אַפריקאַנער" —יאָהאַנעסבורג . . . . . . . . . . . 27

עס האָט אַ בלייכע האַנט געצונדן די איקאָנע... געשריבן אין 1926 . . . 28
שקיעה געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״—ליטע (1924) . . 29
מיר וועלן גיין נאָך ווייט פאַרבלאָנדזשעטע אין סטעפּ...
געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „יידישער שטימע״ . . . . 30
אויף דיינע שלאַנקע קני דערלויב... געשריבן אין 1926, געדרוקט אין „יידישער שטימע״ 31
איך בין אויף וועגן עלנטע געשטאַנען... געשריבן אין 1925 . . . . . 32
טויט... געשריבן אין 1925 . . . . . . . . . 33
לוויה „ „ . . . . . . . . . 34
ביים קבר „ אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״ (1927). . . . . 35
סאָנעט „ אין 1925 . . . . . . . . . 36
באַנאַכטיקע שעהן געשריבן אין 1925 . . . . . . . . 37
כ׳האָב האָלט די נעכט געשריבן אין 1926 . . . . . . . . 38
אויף שטויביקע וועגן געקרייצטע געשריבן אין 1925 . . . . . . 39
אָוונט צינדט אויף וועגן... געשריבן אין 1926, געדרוקט אין „קאָוונער טאָג״ (1926) 40
דער אָוונט ווערט ווייכער און בלויער געשריבן אין 1925 . . . . . 41
ווייסע ווייטן; כשוף-גרינע געשריבן אין 1926, געדרוקט אין „קאָוונער טאָג״ (1926). 42
שניי געשריבן אין 1925 . . . . . . . . . . 43
איך גיי אַרויס אין נאַכט געשריבן אין 1926 . . . . . . . 44
און ווידער ביזט צו מיר געקומען... געשריבן אין 1926 . . . . . 45
איך אָטעם אַמאָליקע ריחות... געשריבן אין 1926 . . . . . . 47
שאָטנס געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״ (1924). . . . . 48
אין ווייסע פאַרנאַכטן... געשריבן אין 1925, געדרוקט אין „דעם שטראַל״ — ליבוי,
לעטלאַנד 1925) . . . . . . . . . . 49
שלאַנגען געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״ (1924) . . . . . 50
שטילקייט „ „ „ „ „ (1925) . . . . . 51
אין שאָטנס פון ווייסע קאַשטאַנען געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״ (1924) 52
האַרבסט-אומעט געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „יידישער שטימע״ און אין „דער וועלט״. 53
האַרבסטיק געשריבן אין 1928, געדרוקט אין „דרום-אפריקע״ און אין אַלמאַנאַך
„מיר אַליין״ (1929) . . . . . . . . . . 54
צו אַ פרוי געשריבן אין 1929 . . . . . . . . . 55
דו, וואָס איך האָב אַלע טאָג געהאַלטן אין איין שילטן... געשריבן אין 1929 59
מאַכן זיך צו מיינע וויעס געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט״ (1924) . 62

## דרויב


| | | זייט |
|---|---|---|
| בין השמשות | געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „דער וועלט" (1924) . . . . | 65 |
| טעניס-שפּיל | געשריבן אין 1927, געדרוקט אין „יידישער שטימע" (1927) . . . . | 66 |
| ביי קייפּטאָון | געשריבן אויפן שיף „טאָלעדאָ" אין 1927, געדרוקט אין „דער וואָך" — ריגע (1927) . . . . . . . . . . | 68 |
| סאָנעט | געשריבן אין 1925 . . . . . . . . . | 69 |
| אין שווימבאָד | געשריבן אין 1927, געדרוקט אין „אַפריקאַנער" (1927) . . . . | 70 |
| אילאַף-סטריט | געשריבן אין 1927, געדרוקט אין „אַפריקאַנער" און אין „אויפקום" (1927), איבערגעזעצט אין ענגליש . . . . . . . . | 72 |
| אין אַן אַפריקאַנער באַגינען | געשריבן אין 1927, געדרוקט אין „יידישער שטימע" (1927) | 74 |
| פון טאַטע-מאַמעס יידישע ... | געשריבן אין 1929, געדרוקט אין „דרום-אַפריקע" (1929) | 77 |
| ניעמאַן פאַרנאַכט | געשריבן אין 1924, געדרוקט אין „יידישער שטימע" (1924) . . | 78 |
| שנייעלעך | געשריבן אין 1929, געדרוקט אין „יידישער שטימע" . . . . . | 79 |
| ס'האָט צעבליט זיך מיין ווייסע טשערעמעכע ... | געשריבן אין 1925, געדרוקט אין „קאָוונער טאָג" (1926) . . . . . . . . | 80 |
| מאַי-גלעקלעך | געשריבן אין 1923, געדרוקט אין „יידישער שטימע" . . . . | 81 |
| צו די ווינטן | " " " " " . . . . . . | 83 |
| פאַרעלטערט | געשריבן אין 1929 . . . . . . . . . | 85 |


## פּאָעמעס און אידיליעס


| | | |
|---|---|---|
| איך בענק | געשריבן אין 1929, געדרוקט אין „דרום-אַפריקע", אין „יידישער שטימע" (1929) | 89 |
| רב' יאָשע און זיין גאָרטן | (פּאָעמע). געשריבן אין 1928, געדרוקט אין „אויפקום" און אין „דרום-אַפריקע" (1929) . . . . . . . . | 91 |
| זונטאָג | (ליטווישע אידיליע). געשריבן אין 1926, געדרוקט אין „צוקונפט"—ניו-יאָרק (1929) . | 100 |
| וואַלד-טאַרגעס | (עפּישע פּאָעמע). געשריבן אין 1926, געדרוקט אין „אויפקום" (1927 און 1930), „פרימאָרגן"—ריגע (1927) . . . . . . . . | 108 |
| אין אַ זוניקן טאָג | (אידיליע). געשריבן אין 1930 . . . . . . . | 123 |
| אין פרייטאָג-צונאַכטן | (פּאָעמע). געשריבן אין 1926 . . . . . . . | 133 |
| פאַזע טייך | (דערציילונג). געשריבן אין 1929 . . . . . . . . | 138 |
| ביים זיידן | (עפּישע פּאָעמע). געשריבן אין 1925—1926, געדרוקט קאַפּיטלעך אין „ליטעראַרישע בלעטער"—וואַרשע (1926), אין „נייס"—קאָוונע (1926), אין „דער וואָך" (1927) | 147 |
| בורן | (דרום-אַפריקאַנער פּאָעמע). געשריבן אין 1931 . . . . . . . . | 210 |

זייט

דאָס הויז (דרום־אַפריקאַנער פּאָעמע). געשריבן אין 1928, געדרוקט קאַפּיטלעך אין „דרום־אַפריקע״ (1929) . . . . . . . . . 250
אויף טראַנסוואַלער ערד (דרום־אַפריקאַנער פּאָעמע). געשריבן אין 1930. . . 263
בריוו (לירישע פּאָעמע). געשריבן אין 1930, געדרוקט אין יידישער שטימע״ (1931) . 277

די לידער, פּאָעמעס ביזן 1926 (אייגשליסלעך) זיינען געשריבן אין פּאָנע־וועזש, ווילקאָמיר (ליטע), פון 1927, — אין יאָהאַנעסבורג (דרום־אַפריקע).

די זעקס אילוסטראַציעס אין בוך
זיינען רעפּראָדוקציעס פֿון דרום־
אַפֿריקאַנער לאַנדשאַפֿטן, געמאָלט
פֿון דער קינסטלערין אירמאַ שטערן